שריפטען

זומער, 1919.

3 9097 01130554 8

Brandeis University
Library

As for the wise, their body alone perishes in this world – Rashi

שריפטן

א דריי מאָנאַט בוך

אינהאַלט:

בילדער: א. וואָלקאָוויץ, באָרים אַניספעלד, דזשעניגגס טאָפּעל, וואָלט וויטמאַנ׳ס פּאָרטרעט.

לידער: ל. מילער, אל. גוריה, ה. לייוויק, ב. לאפּין.

איינציגע לידער: מאַני לייב, א. מ. דילאָן, נפתלי גראָס, אידאַ גלאַזער, נחום י. א. בערגער.

דערצעהלונגען: דוד איגנאַטאָוו, ל. שאַפּי־ראָ, ה. געלבוים.

אַרטיקלען: ה. לייוויק, יעקב מילך, דזשע־ניגגס טאָפּעל, דר. יעקב גרינפעלד.

איבערזעצונגען: פון וואלט וויטמאַנס גראָז־בלעטער, (אידיש פון ל. מילער); רזשעליאליעדין רומי׳ס ראָבאַיאַט, (אי־דיש פון מאַני לייב); לאָרד דאָנסאָ־ני׳ס דער פינקלענדיגער טויער, (אי־דיש פון ד. א.)

נאָטיצען: ל. באראדולין, דר. יעקב גרינ־פעלד, י. שטיינבוים.

פערלאג, אמעריקא

זומער, 1919

Shriften

שריפטן

א דריי מאָנאַט בוך

פאַרלאַג אַמעריקאַ

זומער, 1919.

אינהאַלט:

בילדער: א. וואָלקאָוויץ, באָרים אניספעלד, דזשענינגס טאָפּעל, וואָלט וויטמאַנ׳ס פּאָרטרעט.

לידער: ל. מילער, אל. גוריה, ה. לייוויק, ב. לאפּין.

איינציגע לידער: מאַני לייב, א. מ. דילאָן, נפתלי גראָס, אידאַ גלאַזער, נחום י. א. בערגער.

דערצעהלונגען: דוד איגנאַטאָוו, ל. שאַפּי־ראָ, ה. געלבוים.

ארטיקלען: ה. לייוויק, יעקב מילך, דזשע־נינגס טאָפּעל, דר. יעקב גרינפעלד.

איבערזעצונגען: פון וואָלט וויטמאַנ׳ס גראָז־בלעטער, (אידיש פון ל. מילער); דזשעליאליעדין רומי׳ס ראָבאַיאַט, (אי־דיש פון מאני לייב); האנרי בערג־סאָנ׳ס ארײנפיהר צו מעטאפיזיק, (אידיש פון וו. נאטאנסאָן).

נאָטיצען: ל. באראדולין, דר. יעקב גרינ־פעלד, י. שטיינבוים.

421355

PJ5111
S5
summer
1919

ערשיינט אין 1000 עקזעמפלארען.
געדרוקט אין „פינסקי־מזל פרעס“
הויפט - פארקויף פון די ערשטע
600 — „ליטעראַרישער פארלאַג“

Copyright by
Farlag "America"
1 9 1 9

אברהם וואָלקאָוויץ :
נויארק.
ל. מילער :
דאָס ליד פון מיין איך.
אל גוריה :
איך און דו.





איך ווייס, איך בין אומשטערבליך. — וואָלט וואהיטמאן.

(צו זיין הונדערט יאָהריגען געבורטסטאָג)



א. וואָלקאָוויץ. נויאָרק.



א. וואָלקאָוויץ. נויאָרק.



א. וואָלקאָוויץ. נויאָרק.



א. וואָלקאָוויץ. נויאָרק.

א. וואָלקאָוויץ. נויאָרק.



א. וואָלקאָוויץ. נויאָרק.

ג.

דער קלאַנג פון מיינע טריט בייטאָג,
דער קלאַנג פון מיינע טריט ביינאַכט,
דער ליבער קלאַנג פון מיינע טריט —
מיין ליד צו דיר...

מיין העלער בליק, מיין גוטער בליק,
מיין קינדיש הארץ, וואס גאַרט נאָך גליק,
מיין קינדיש האַרץ, מיין שטיל געמיט—
מיין ליד צו דיר...

מיין גוטער שמייכעל איז מיין ליד,
מיין שטילער זיפץ ווען כ׳בין אליין.
איך בין אליין, אליין, אליין —
מיין ליד צו דיר...

ד.

איך — איך — איך —
אזוי קלאַפּ איך אוים
מיט דעם קלאנג פון מיין טראַט —
דאָס ליד פון מיין איך...
און שווער איז מיין טראַט
אויף דער שטיינערנער ערד
און רווישיג דאָס ליד
פון דער שטיינערנער שטאָט,
און אין דעם גערויש כסדר זיך הערט
דער קלאַנג פון מיין טראַט:
איך — איך — איך —

ה.

איך בין דיין קינד...
מיין שפּיל פּלאַץ איז דיין גרויסע ברייטע וועלט,
דאָס לעבען איז מיין שפּיל...

ל. מילער :

דאָס ליד פון מיין איך.

א.

דארטען וואו עס קומען ערד און הימעל זיך צוזאמען
הענגט מיין וויג...
וויגט זיך אום א ווייסע טויב ביי מיר אין וויג...
ווען די שעה די ליכטיגע ווערט שלאָגען
ווערט די ווייסע טויב
זיך איבער מיר אין לופטען קרייזען...
ווערט די ווייסע טויב
צוריק דעם וועג מיר ווייזען
צו מיין וויעג.

ב.

מיט דעם כוואליענדיגען אומרוה
פון דעם שטורמדיגען ים
פארגעהט מיין ליד...
מיט דעם בענקענדיגען פארבענשפיל
פון זונענאונטערגאנג
פארגעהט מיין ליד...
מיט דעם קלאפּ־און־קלאנג פון שטיין און שטאָל
מיט דעם פייערדיגען בראנד פון שטאָטיגען גערויש
פארגעהט מיין ליד...
מיט מיין אפענעם בליק
אויף מיין געלעגער ביינאכט
פארגעהט מיין ליד...
צו דיר.

ג.

ווען איך וועל געהן אהיים
צוריק אין וויג זיך לעגען
וועסטו א ליכטיגער דא אומגעהן
אין מיינע טריט...
און האב איך ווען דא אויף דער וועלט
א שפיעלעכעל געהאט
וועסטו מיט דעם זיך שפילען...
און האט מיך ווער אין לעבען דא געליבט
וועסטו ביי איהם אין שלאף זיך פרעגען,
פרעגען זיך אויף מיר.

ד.

דו וועסט אמאל זיך אין א זומערדיגען אבענד
נאך מיר פארבענקען...
אין פארבענשפיל פון זונען אונטערגאנג
וועט זיך דיין העלער בליק פארלירען...
און וועסט זיך לאזען פון די לעצטע זונען שטראהלען פיהרען
צו מיין וויג...
און שטעהן וועסטו א ליכטיגער
ביי מיין גאלדען וויג געבויגען
און וועסט מיך וויגען... וויגען... וויגען...
און קושען וועסטו מיינע צוגעמאכטע אויגען
און וועסט מיך וויגען... וויגען... וויגען...

שלאָף איך איין וואו אויף דעם אומגליקס שוועל
טרייב איך אַז מיין שפּיל וואו אויף דעם ברעג פון אָפּגרונד...
שפּרייטסטו אויס דיין שויז
איבער מיר, דיין קינד...

צו מיין געשטאַלט אין שפּיגעל.

א.

דו בענקסט נאָך מיר: —
פאַר'כשופ'ט אין א נעץ פון זילבער ווייסען שיין,
פאַרגעהען דיינע טעג און נעכט
פאַר מיר בלויז וואַרטענדיג.
און איך —
ווי דו אליין פאַר'כשופ'ט
שטעה איך קעגען דיר דאָ, שעה נאָך שעה,
און מיט דעם ליכט פון מיינע אויגען
דורכ'ן שיין פון דער כשופ'דיגער טהיר
ציה איך זיך צו דיר —
מיין ליכטיגער געשטאַלט...

ב.

איך שטעה פיר דיר ווי גאָט האָט מיך באַשאַפען,
און אלע קרומע וועגען פון מיין הארצען
זענען פריי און אָפען
פאַר דיין לויכטענדיגען בליק...
און ווען איך קום צו דיר א שולדיגער,
פאַר טעג און נעכט פאַרלוירענע,
אָהן זין, אָהן ציעל,
און ווען איך בויג מיין קאָפּ פאַר דיר
באַהאַלטענדיג די סודות פון מיין זינדיג בלוט,
באַגעגענט מיך דיין גוטער בליק
מיט ליבע און פאַרגעבונג...

איך בלאַנזשע אַפּט אין א לבנה'לאַזע נאַכט,
אין אלע שטילע, פינסטערע נעכט
אַ שווייגעדיגער,
צוריקגערוקט אין זיך. —
איך בלאַנזשע אַפּט אין א לבנה'לאַזע נאַכט,
שטיל שווייגענדיג ווי דער באַגעהר,
און א פארבליקטער ווי די שנאה...

אין פלאַמען.

האַב נאַכזיכטיג און צאַרט אריינגעקוקט דיר אין די אויגען,
און לאַנג פארהאַלטען דיינע דינע הענט:
נאַר דו, פארוואַס האַסטו זיך שטיל פארטרויט צו מיר געבויגען,
און שטאַרבען גרייט געוועזן דורך מיינע שטאַרקע מענער־הענט?

ס'האַט לאַנג די אונרוהע שלאַנגיג זיך געדרעהט צווישען ביידען,
איך האַב איהר שרייען שלאַנגענדיג אין בלוט ביי מיר געהערט;
נאַר דו, פארוואַס האַסטו ווי איך אויך אויפגעהערט צו רייז'ען,
און נאַר איין איינציג מאַל זיך שוואַך אויף מיינע קניה געוועהרט?

האַט לייכט און זינגענדיג מיין גוף זיך ערגעץ ווייט פארטראַגען,
דורך פלאַמען בריהענדע, וואַס האַבען מיך און דיך געברענט;
נאַר דו, פארוואַס האַסטו די הענט ארום מיין האַלז געשלאַגען,
און קרעכצענדיג געלאַכט ווען פלאַמען האַבען דיך געברענט?

טאראַנטעלאַ־טאַנץ.

דו האַסט געטאַנצט אַ ריטמיש ווייכען טאראַנטעלאַ טאַנץ,
ארומגעכאַפּט מיט רייפען פייערדיגע צונגען,
צוברענטע פו' דער בויגזאַמער מוזיק
און פון דיין טאראַנטעלאַ טאַנץ. —
דיין שעהנעם קאָפּ,
די אויגען, ווי אין דרימעל האַלב פארמאַכט,
די ליפּען, רויטע, האַלב צועפּענטע,
און האַלב פארשמאַכט. —

אל גוריה:

איך און דו.

שונאים.

ווער ביסטו,
ווער בין איך?

איך און דו — צוויי שונאים בלוטיגע אויף מעסערס,
איך, זעהסט, בין באציערט מיט טונקלע פארבען;
דו — מיט העלע און מיט ווייסע.
איך פארמאָג א בליק א שארפען,
פעסט צונויפגעפרעסטע ליפען,
הענט, וואָס זוכען.

דו? — דו האָסט א בליק א פינסטערן,
ליפען האלב צועפענט,
הענט, וואָס האלטען פעסט — — — —

איך — א שווייגעדיגער,
איינגערייפט ווי אין א רייף פון אייזען;
דו — א צייטיגע, פארווילדטע בלום...

איך און דו —
צוויי שונאים בלוטיגע אויף מעסערס.

א י ך.

זעהסט, איך, דער מאַן, בין בויגיג, ווי א שווערד
און שעהן, ווי א נצחון? —
צו יעדען איז באקאנט מיין הויכער, ברייטער גוף,
מיין ברייטע ברוסט,
און מיינע ברענענדיגע, שווארצע אויגען —
מיין שארפער בליק — —

בלוט.

צו וואָס דאָס צערטלען אַפּט?
אַט גיב די האנט — —
וואָס זאָל איך אנדערס איצטער מיט דיר מאכען?
א בים דיר טאָן?
א בים א וועהטאָגליכען אין אַט דער ווייסער האנט?
צועפּענען א וואונד א שמאַרצליכען ווי פייער־בראַנד?
אַט, פּיהלסט?
און איצט, א זאָג טאָן דיר א ביטער וואָרט און לאכען, לאכען...

הא, דו האָסט צונויפגעדרעהט זיך פון שאַרפע ברענענדיגע ליידען
און מיך א שטופּ געטאָן פון זיך און ברוגז צו צום טיר?
ווי גוט, ווי שעהן...
ווי זיס דאָס בלוט איז פון דיין האנט אויף מיינע צייהן...
נאַר לאָזען אז דאָס לעצטע מאָל זאָלסט האבען היינט געוועזן ביי מיר?
דאָס האָב איך ניט געמיינט; דו ווערסט ניט געהן.
ניט ווערט דער בים כ׳זאָל יענע ווערטער פון אמאָל איצט ווידער ריידען?—

גיב, כ׳וועל דיין האנט אזוי אין מיינע דריקען,
בארוהיגען איהר ציטער און איהר ברענענדיגער וואונד:
איצט געה אוועק פון טיר — —
ווי א געשלאָג׳נער הונט,
ווי א געטרייער הונט.
וואָס זוכט ביי זיין בעל־בית נאַר גוטע מילדע בליקען,
שטעה איך פאר דיר
און קוק אין דיינע גוטע אויגען —

בלאָס, מיט אראָפּגעלאָזטע ברעמען שטעהן אזוי און הערען —
(ווי ווערט איך בין דאָס נאָכאמאָל צו זעהן!)
אזוי ביסטו געוועזן,
ווען כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל געבעטען: בלייב;
אויך ביסטו דאַן געוועזן צו מיינע ווערטער טויב.
ס׳איז ווערט געוועזן דער בים דו זאָלסט אזוי אַ ווערען,
און איך זאָל בעטלען ווי אמאָל דיין שמייכלענדיגען צוזאָג: כ׳בלייב...

זיי איז איצט פרעמד געווען מיין גרויסע פרייד און גליק,
וואָס דו האָסט אויפגעזונגען מיט דיין שטילן טאַראַנטעלאַ טאַניז.

אַ קערפּער מיינער, שטאָלענער, צוקרומטער פאַר דער צייט,
ווי פּעדער־גרינג, און גלייך, און שטייף
האָסטו זיך אַזאַ ציה געטאָן, —
עלאַסטיש האָט מיך דורכגעשניטען אַ פאַרלאַנג,
זיך אָט אליין אַזוי אַ כאַפּ צו טאָן אין די אייגענע הענט,
די דורשטיגע און איצט צוברענטע זוכענדיגע הענט.
און מאַכען פאַר דעם טאַנץ פון זיך אַ הערליכען געזאַנג,
אַ זיס געזאַנג פון ליעבע־טרויער און פון ליעבע־פרייד.

דו האָסט געטאַנצט —
פאַרצויבערט, ווייך און ווי אַ פיינסטער, דינינקער געוועב
האָסטו די לופט צושניטען;
די לופט פאַרפּלאָנטערט אין אַ פרייד,
און שלייכענדיג די ליניעס פון דיין בויגיגע פיגור,
דיין ווייכער שמעקענדער פיגור,
האָסט אויך אין פּלאָנטער אינ׳ם ברענענדיגען
מיך, שטאָלענעם, דורך פלאַמען איינגעדרעהט.

פרייד.

אין פלאַמען צוצינדט זיך די פרייד אויף מיין פּנים,
דו וועסט דאָך ניט זוכען פאַרלעשען
דעם פייער, וואָס דו האָסט געלאָזט אין מיר ברענען;
די אוצרות, געשענקטע מיט דיין פולער האַנט,
דו וועסט דאָך ניט מאַכען צו שאַנד; —
זאָל אייביג די פרייד אין דיין פּנים דיר ברענען,
און פרייד זאָל אויך זיין אין דיין קול, דיינע טריט,
אויף אייביג זי זאָל אין דיין בליק זיין געהיט.
צו זיך אליין האַלט דו דעם ענטפער נאָר גרייט;
מיר האָבען געבריהט זיך אין פייער פון פרייד, —
אין פלאַמען צוצינדט זיך די פרייד אויף מיין פּנים...

איך רוף די פרוי פון קינד אוועק
צום אויוועז צו.
לעג צו צו איהרע קיהלע באקען מיינע הענט:
איך וויל זי זאל נאר גוטסקייט אין מיין שווייגען הערען.

זי שטעהט און שטריקט.
און אלץ אזוי אונלוסטיג, זארגענדיג און מיעד.
דאך ווייסט זי זיך צו היטען ביי די „אויגען" קלייבען,
ביז ס'וועט דערפון וואס ווערען.
פון פייער וועט נאר אש פארבלייבען,
און מיינע הענט, צופריד'נע, קוועלען אן פון זיך.
מיין פרוי נאר רעדט אלץ איהרע אמת'דיגע רייד
און וועגען שווייגען טראכט זי ניט, —
ווי גוט וואלט זיין דאס שווייגען איצט.
נאר זי רעדט דאך צו מיר,
ווייל איך האב איצטער צייט צו הערען.

דער זייגער טיקט זיין אלץ־אינאיינעמדיגען טיק־טאק, טיק־טאק
און פרעגט גאר ניט ביי מיר...
איך האב צוויי אויערען און הער: —
די צייט איז שווער. די צייט איז שווער...

מיין טיר איז צו.

מיין טיר איז צו —
ס'שפיעלט א פיאנא וואו,
פאר מיין שטילקייט, פאר מיין רוה,
פאר דעם ציטער אין מיין לייב,
פאר מיין גרוים דערפרעהטע שעה,
פאר מיין הארץ וואס שטארבט איצט אפ:
צי פאר א נייע וועלט וואס געהט דערפרעהטערהייט
א געזעליגטע איצט אויף אין וועמענס שטילער רוה.

זינגט א שטימע וואו,
זינגט מיין שטילקייט, זינגט מיין רוה,

גלייכגילטיג.

דערמאנען זיך אז דיר, דערמאנען יענע טעג
פאלט שוין ניט ווי א שטראפענדיגע האנט אויף מיר אראפּ:
איך געה זיך, רוהיגער, ארום מיט א געהויב'נעם קאפּ,
האָב ווי עס איז דערלאנגט א ניי געבענשטען וועג.

און יעדע שעה אין וועג, און יעדע שעה אין הויז
באשערט איז מיר צו פיהלען נאר א פרייד אין זיך אליין,
ווייל כ'זעה אין אויגען צעהנדליגע דיך יונג אזוי און שעהן.
און דורך די אויגען צעהנדליגע קוקסטו ארויס.

און איך דער דאמאלסדיגער, איבערראשטער נאר,
לאז היינט נאך ווידער נאריש מאכען זיך, די וועלט, די הויז,
און זייער קומען פרעהליכע צו מיר אין גאס ארויס
דערמאנט אז דיר... און גלייכגילטיג בין איך דערפאר.

אויף וועמען ווערט מען בייז.

אָווענט —
דער זייגער טיקט —
די הענט, פארוואָרפענע אויף מיינע קניה,
זיי קוקען אויך ווי איך פארטראכטע אין די פלאמען,
וואָס צוקען בלוילעך אויף אין פייער
און פאלען ווידער זיך צוזאמען.
און ביי דעם וויגעל זיצט די מאמע פונ'ם קינד
און שטריקט.
אָ, וויפיל רייד האָט זי: —
די צייט איז שווער,
די צייט איז שווער.

איך הער דאָס צו,
אויף וועמען ווערט מען בייז? עס ווילט זיך וואָס איצט זאָגען
וועט אפשר דאך אויפהערען,
דאָס מאוים'דיגע נאָגען.

דוד איגנאַטאָוו :

די מלכה שבת.

ה. לייוויק :

1) אין קײנעמ'ס לאנד.
2) די יונגע.

זינגט מיין לעבען גרוי און קראנק,
זינגט די שווער געוואָר'נע שעה,
אין א גרויסע גרויסע פרייד
הוידעט זיך מיין שטילע רוה,
און מיט רוהקייט וויגט זיך איין אין מיין הארץ די קראנקע רוה...

דאַנקען.

דאנקען.
איך וויל דאנקען,
הערליך, ווי עס פּאסט זיך פאר א מענשען,
אויף דער גרויסער, אויף דער אומעדיגער ערד.
וויל איך דאנקען,
פאר דעם טייל, וואָס כ'האָב גענומען פונ'ם לעבען,
אָדער ווייל איך העלף דאָס לעבען רוהיג אויסצולעבען,
אָדער פאר דעם גליק צו זיין אזוי באַעהרט
אַט דאָס לעבען דורכצוגעהן אין לעבען.
וויל איך דאנקען.
ווייס איך דאָך ניט ווען.
דאָך, איך בויג מיין קאָפּ,
ווי עס פּאַסט זיך פאָר א מענשען,
וואָס דאַרף דאנקען
אויף דער גרויסער, אויף דער אומעדיגער ערד.

1.

דער פּראגער רב, דער בעל מופת, האָט אודאי זעהר שטארק גע־האַלטען פון שבת. וואָרים שבת, האָט ער גע'טענה'עט, איז די כלה פון דער וועלט. און דעריבער דארף זיך די גאנצע וועלט אויספּוצען לכבוד שבת, ווי א חתן פאר זיין כלה.

און ער פלעגט זאגען:

— באַשאַפען האָט גאָט שבת צום סוף זיין ארבייט. אין די גע־דאַנקען אָבער, איז שבת געווען דאָס סאַמע ערשטע פון זיין טראַכטען.

און אז עס פלעגט קומען צום פרייטאָג־צו־נאכטיגען דאַווגען, האָט דער פּראגער רב געשיינט אזוי, אז קיינער האָט איהם ניט געקענט קוקען גלייך אין זיין פּנים אריין. און ווען עס פלעגט קומען צו די ווערטער:

„קום מיין פריינד אנטקעגען דער כלה

„קום אויפנעמען די כלה שבת, די מלכה"

פלעגט זיין ליכטיגקייט ווערען אזוי, אז די איבעריגע אידען פלעגען זיך קוים קענען איינהאַלטען אין שול.

און צו די ווערטער:

פאַרלאָז דיין געפאנגשאַפט מלכה שבת,

„קום מיט פרידען קרוין האַר,

„קום מיט יובעל און מיט פרייד,

„קום צווישען דיינע אויסדערוועהלטע.

„קום כלה,

„קום!

פלעגט ער אַפּט ארויס פון שול און בלייבען שטעהן אויף די הויכע טרעפּ, און מיט איהם די גאנצע עדה, און ער פלעגט אזוי ווענדען זיין ליכטיג פּנים צום הימעל, קוקען אהין, ווי ער וואָלט געקופען עמיצען, וואָס קומט, וואָס האַלט אין קומען...

און אַלע פרייטאג פארנאכט קומט דער פיש צו אַן אָפענעם ברעג. צועפענט זיין גרוים מויל, און לאָזט פון זיך ארוים די ליכטיגע מלכה שבת. —

די מלכה קומט ארוים אויפ'ן ברעג מיט דער פינקעלדיגער קרוין אויף איהר קאָפּ, קוקט זיך א ליכטיגע אום אין אַלע זייטען, און נאָכ־דעם נעמט זי מיט א שטילער פרייד אראָפּ איהר קרוין פון קאָפּ, הויבט זי אויף אין דער לופטען מיט איהרע שעהנע הענט און זאָגט:

— וועלט! איך שענק דיר די קרוין פון שבת אויף א טאָג!

ווערט די קרוין גלייך צופלויגען אין מיליאָנען פלעמלעך. און יעדע אידישע טאָכטער, וואָס צינדט דעמאָלט אָן איהרע ליכט לכבוד שבת, קריגט א פלעמעל פון דער קרוין פאר יעדען ליכט.

און די מלכה שבת לאָזט זיך דערנאָך אוועק איבער די אידישע הייזער און שוהלען און זעהט צו מיט א שטילער און ליכטיגער פרייד, ווי אין יעדען ליכט, לויכט זיך א פלעמעל פון איהר קרוין.

און שבת צונאכט, איז ווי נאָר עס באווייזט זיך דער ערשטער שטערן אין הימעל, אזוי קומט די מלכה שבת צוריק צום ברעג מיט דער ליכטיגער קרוין אויף איהר קאָפּ. —

זי קומט אָן מיט לאנגזאמע טריט און מיט א גרויסען און שווערען בענקען אין איהר הארצען. —

באלד קומט אָן דער גרויסער פיש און צועפענט זיין גרוים מויל.

בלייבט זי פאר איהם שטעהן א פארבענקטע און פרעגט:

— פיש, ווען וועט שוין קומען דער טאָג פון שטענדיגען שבת?!

דער פיש אבער רעדט ניט. ער גיט נאָר א צועפען זיין גרוים מויל נאָך גרעסער, אזוי, אז זיינע ווייסע צייהן ליגען שוין, ווי אביינערדיגע שוועל פאר איהרע פים — קען זי זיך שוין ניט העלפען, געהט זי אריין אין איהם, און ער לאָזט זיך מיט איהר גלייך אוועק אין די טיעפענישען פון ים.

אינווייניג, אין דעם פיש, איז איהר היים. אינעווייניג, אין דעם פיש איז ליכטיג, ווי אין א ליכטיגען פאלאץ. און דורך די אויגען פון דעם פיש קען זי ארויסקוקען, ווי דורך צוויי גרויסע און ליכטיגע פענסטער. און זי קאָן דורך זיי זעהן דעם הימעל און די שטערן. די זון און די לבנה, און אַלע פארשידענע באַשעפענישען, וואָס מעהרען און ווידמענען

דער גאַנצער עולם פֿלעגט דערפֿיהלען, אַז אין דער מינוט אַנטפּלע־קען זיך גרויסע סודות אויף דער וועלט. דער סוד פֿון שבת, דער סוד פֿון ליכט, דער סוד, וואָס גיסט צונויף אַלץ מיט דעם סוד פֿון אַלע סודות.

איינמאָל אָבער האָט געטראָפֿען, אַז ווען דער רב האָט אַזוי אַרויס־געפֿיהרט זיין גאַנצע עדה אויף די טרעפּ, כדי צו בעגעגענען די ליכ־טיגע מלכה שבת, האָבען אַלע מיט אַמאָל דערזעהן אַ גרויסען, רויטען שטערן אומלויפֿען איבער'ן הימעל. דער רויטער שטערן איז געווען שטאַרק אָנגעהעפֿט אָן אַן אַנדער שטערן, אַ ווייסען און בליציגען. דאָס בליצען פֿון דעם ווייסען שטערן איז געווען אַזאַ, אַז דער הימעל האָט זיך געשפּאָלטען פֿון גרויס ליכטיגקייט און די ערד האָט אויפֿגעשיינט, ווי אַ גן עדן.

מיט אַמאָל אָבער, האָט זיך פֿון ערגיץ אויפ'ן הימעל פּלוצלונג אָנגעטראָגען אַ שרעקליך גרויסער פֿיש. און ווי נאָר דאָס איז געשעהן, אַזוי האָט דער רב גלייך אויסגעשריען:

„פֿאַרלאָז דיין געפֿאַנגענשאַפֿט מלכה שבת,
קום מיט פֿרידען קרוין פֿון האַר.
„קום מיט יובעל און מיט פֿרייד.
„קום צווישען דיינע אויסדערוועהלטע.
„קום כלה,
„קום!

און מיט איהם די גאַנצע עדה אידען.

האָט זיך פּונקט דעמאָלט דער גרויסער פֿיש אָנגעשלאָגען אָן דעם רויטען שטערן, האָט דער רויטער שטערן גלייך אַרויסגעלאָזט דעם ליכטיגען שטערן, וואָס ער האָט געהאַלטען אָנגעהעפֿט אָן זיך. און דער פֿיש מיט די ביידע שטערן האָבען אַלע אין איינעם גענומען פֿאַלען און זענען פֿאַרשוואונדען.

2.

אין דעם גרויסען טיעפֿען ים, געפֿינט זיך אַ זעהר גרויסער פֿיש.
דער פֿיש איז דער היטער פֿון שבת.

נעמט אזוי שטארק פאטשען מיט זיינע גרויסע פליגלען, אז ער טרייבט צונויף די וואָלקענס איבער דעם ים, און איבער דער ערד. איבער די וואָלקענס קען ער אליין שוין אבער אויך ניט זעהן די מלכה שבת. ווערט פון דעם זיין כעס נאָך שטארקער, נעמט ער מיט זיינע פליגלען נאָך ביי־זער פאטשען און שטויסען די וואָלקענס, ביז עס נעמט רעגענען און דונערען און בליצען.

און נאָכדעם, אז שבתאי כעס׳ט זיך שוין אַזוי וויפיעל ער קאָן, ווילט זיך איהם דאָך ערשט דעמאָלט זעהן די מלכה שבת, מוז ער אליין צו־ריק פאַנאַנדערטרייבען די וואָלקענס.

דער פיש, דער היטער פון שבת, ווייסט אז שבתאי׳ס ליעבע איז א זינדיגע, זעהט ער דערפאר שטענדיג, אז איידער ער לאָזט ארויס די מלכה שבת מיט איהר פינקעלדיגער קרוין, זאָל שבתאי׳ס גייסט זיין אין וואסער. און דערפאר, איז, ווי נאָר דער גייסט — שבתאי לאָזט זיך אַראָפּ אין וואסער מאכט שוין דער פיש אזא מין רינג ארום איהם, אז ער מוז שוין פארבלייבען אין ים א געפאנגענער ביז איבער שבת.

שבתאי האלט זיך דערפאר אָפּ פון פליהען צום ים אזוי לאנג, ווי ער קאָן נאָר. זעהר לאנג קאָן ער זיך אבער ניט אָפּהאלטען. און טאַמער עקשנ׳ט ער זיך אמאָל פאָרט איין, איז ווי נאָר עס קומט נאָהענט צום שבת און דער פיש זעהט, אז שבתאי זיצט נאָך אליין אין הימעל אויף די צוויי ליכטיגע רעדער פון זיין שטערן, גיט דער פיש דעמאָלט א הויב זיין קאָפּ צום הימעל, אזוי, אז אלע שטערן דערזעהען מיט אמאָל די מלכה שבת מיט איהר גאנצער ליכטיגקייט. א סך שטערן נעמען דעמאָלט איינס נאָכ׳ן אנדערען פאלען אין דעם גרויסען ים אריין. קאָן שוין שבתאי לענגער ניט פארבלייבען אין הימעל, און ער נעמט מיט א ווילדען רוי־שען פאלען גלייך אין וואסער אריין. מאכט דער פיש ארום איהם אויף גיך דעם נויטיגען רינג און שרעקט זיך שוין נאָכדעם ניט ארויסצולאָזען די מלכה שבת אין דער ריכטיגער צייט.

4.

יעדעס מאָל, ווען דער פיש דאַרף ארויסלאָזען די מלכה שבת, שטעלט ער זיך אוועק מיט׳ן פנים צום לאנד פון שבת, און מיטען עק צום לאנד פון וואָך.

זיך אין דער טיפעניש פון ים. און אלע פעלזען פון קיזעלשטיין, און אלע וואונדערבארע בערג פון פערילשטיין, און די ווילדע וועלדער פון רויטע קאראלען און די פיעלע פאלאצען פון דימענטען און ברילײאנטען, פון בלויע סאפפירען, פון רויטע רובינען, שווארצע אגאטען און פון א סך אנדערע טייערע שטיינער, וואָס געפינען זיך אויף דעם גרונד פון ים. און אלין שײנט אויף מיט זײן גרעסטען שײן און גלאנץ, ווי נאָר עס שווימט פארביי זיי דורך דער פיש מיט דער מלכה שבת: — אלע ווילען די מלכה שבת זאָל אויף זיי קוקען און זאָל זיי זעהן. און די מלכה שבת קוקט אויף זיי און זעהט זיי. און הערט אבער אלין ניט אויף צו בענקען — זי בײנקט די גאנצע וואָך פאר דעם פרייטאָג צו־נאכט. פאר דעם שבת.

3.

אלע שטערן פון הימעל האָבען זעהר ליעב די מלכה שבת. און פון גרויס ליעבשאפט, שײנען זיי אפילו אין מיטען דער וואָך, שבת׳דיג. זיי שיקען איהר שטענדיג נאָך זייערע ליכטיגע גייסטער אויף דער ערד און אין וואסער. זיי ברענגען איהר שטענדיג גרוסען, און נעמען פון איהר אלין נייע פרייד און נייע ליכט פאר זיך, פאר׳ן הימעל און פאר דער וועלט; זיי טרייסטען זי שטענדיג אין איהר געפאנגענשאפט און פרעהען זיך מיט איהר אין איהר פרייד.

איין שטערן נאָר איז פאראן אין הימעל, וואָס זײן גייסט געהט נאָך דער מלכה שבת, ווי א בייזער מלאך. דאָס איז דער גייסט פון דעם רויטען שטערן שבתאי. וואָרים שבתאי איז א בייזער שטערן און ער פארגינט ניט דאָס, וואָס אויך די אנדערע שטערען קענען קוקען אויף דער שעהנער מלכה שבת, און דאָס, וואָס די שעהנע מלכה שבת האָט ליעב די מענשען און די ערד. ער האָט געוואָלט אוועקנעמען די מלכה שבת פון דעם פיש, פון די שטערן און דער ערד.

און עס טרעפט, אז אין שבתאי׳ן צוברענט זיך אָפט זײן ווילדע ליעבע צו דער מלכה שבת אזוי שטארק, אז ער קאָן גאר אינגאנצען ניט פארטראָגען פאר וואָס די אנדערע שטערן קוקען אויך אויף איהר מיט זייערע צושטראהלטע בליקען, דעמאָלט לאָזט זיך זײן גייסט אראפ און

געזעסען אין זייערע הייזער און אין זייערע פּאַלאַצען, און האָבען מיט א געבראַכען געמיט געזאָגט דאָס פּאַרנאַכטיגע שבת־געבעט:

„גאָט פון אברהם, פון יצחק פון יעקב,
„באַהיט דיין ליעב פאָלק אין דיינעם לויב.
„דער ליכטיגער שבת געהט אוועק.
„היט אונז אויס פון דער גרויער וואָך.
„היט אונז און אונזערע מענער און אונזערע קינדער.

און ווי נאָר עס איז געקומען צו די ווערטער „און אונזערע קינדער", אזוי האָט דאָס גאַנצע לאַנד ארויסגעלאָזט א זעהר שווערען זיפץ, ווארום אַלע האָבען זיך דערביי דערמאָנט אָן זייער קעניגין.

די קעניגין איז גראָד דעמאָלט איינע אַליין אומגעגאַנגען אין איהר גאַרטען, וואָס האָט זיך געצויגען ביז'ן סאַמע ים. און ווי זי קומט אזוי צום ים, דערזעהט זי עפּעס מיט אמאָל א זעהר גרויסע ליכטיגקייט. פאַר־וואונדערט זי זיך אודאי אויף דעם. אבער זי טראַכט זיך, אז דאָס איז דאָך מן הסתם דערפאַר, וואָס אָט דאָרטען זעצט זיך דאָך איצט די זון איבער'ן וואַסער... און זי לעגט זיך אזוי ארויף איהר קעניגליכע האַנט אויף די אויגען און נעמט מיט א פערבענקט געמיט זאָגען:

„גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב.
„באַהיט דיין פאָלק אין דיינעם לויב.
„דער ליכטיגער שבת געהט אוועק.
„היט אונז אויס פון דער גרויער וואָך.
„היט אונז און אונזערע מענער און... אונזערע קינדער.

און די קעניגין האָט די לעצטע ווערטער ארויסגעזאָגט אזוי, אז זי איז נאָכדעם אויף לאַנג געבליבען שטעהן, ווי א פאַרשטאַרבענע. זי איז ווי פאַרגליווערט געוואָרען פון איהר גרויסען בענקען.

און אז די מלכה שבת איז אָנגעקומען און האָט דערזעהן, ווי די פאַרגליווערטע קעניגין שטעהט נאָך אַלין מיט דער האַנט אויף די אויגען, האָט זי זיך פאַר איהר אָפּגעשטעלט. האָט זי אָנגעקוקט א ווייַלע און נאָכדעם האָט זי מיטאמאָל אויפגעהויבען איהרע הענט און האָט פון זיך מיטאמאָל אראָפּגענומען די פינקעלדיגע קרוין פון קאָפּ און האָט זיך אָנגערופען:

— קרוין פון שבת, דו אַליין וועסט איצט מוזען געהן צום פיש —

ווארום ערגיץ אויף די ברעגען פון דעם ים געפינען זיך אזוינע צוויי לענדער: —

איין לאנד איז גרויס און שווער און גרוי, און עס הייסט דאָס לאנד פון וואָר. און דאָס אנדערע לאנד איז לייכט און שעהן און ליכטיג און עס הייסט דאָס לאנד פון שבת.

די איינוואוינער פון דעם לאנד פון וואָר, זענען גרויסע ריעזען מיט שרעקליך, ווילדע מיילער. — די צייהן פון זייערע מיילער זענען אזוינע גרויסע און ווילדע, אז די ליפּען קאָנען זיי ניט פארדעקען, און די ריעזען געהן דערפאר שטענדיג ארום מיט אָפּגעדעקטע מיילער. די מענשען פון דעם לאנד פון שבת זענען שעהנע, שטילע און ליכטיגע.

די ווילדע ריעזען פון דעם לאנד פון וואָר פלעגען דינען צום ים און צום שטערן שבתאי, און זיי פלעגען לעבען פון מלחמות, פון עסען איינער דעם צווייטען לעבעדיגערהייט. און די מענשען פון דעם לאנד פון שבת האלטען עהרליך דעם שבת, און דינען איהם מיט ליכט בענשען, מיט פרייד. מיט געזאנג און מיט טענץ.

האָט איינמאָל זיך געטראָפען. אז אין דעם לאנד פון שבת איז אויפגעקומען א מלך, וואָס האָט ניט געהאט קיין קינדער.

איז דאָס אודאי געווען א גרויסער בזיון פאר דער קעניגין, און א גרויסער וועהטאָג פאר דעם מלך און פאר דעם גאנצען לאנד.

און אז עס פלעגט קומען פרייטאג צו־נאכט, פלעגט די קעניגין פון דעם לאנד פון שבת ביים ליכט בענשען אודאי אויסגיסען איהר ביטער הארץ, און מיט איהר אינאיינעם פלעגען אלע טעכטער פון דעם לאנד שטעהן פאר זייערע בענש־לייכטער אין יעדען הויז, און אין יעדען פּאלאַץ און פלעגען איהר העלפען בעטען.

און די מלכה שבת פלעגט גלייך דערהערען זייערע תפילות, זייער וועהטאָג און זייער פּיין. ווארום דער פיש פלעגט זי דאָך שטענדיג ארויס־לאָזען מיט'ן פנים צום לאנד פון שבת.

און איינמאָל, ווען די מלכה שבת איז איין שבת־פארנאכט געגאנ־גען מיט איהר קרוין אויפ'ן קאָפּ און מיט איהר שבת־ליכט צוריק צום ים א פארבענקטע און מיט לאנגזאמע טריט, איז זי, ווי איהר שטייגער איז, פארביי געגאנגען יעדעס אידישע הויז, און איז אנגעקומען אין דעם לאנד פון שבת פונקט דעמאָלט. ווען אלע טעכטער פון דעם לאנד זענען

פינסטערען צימער, ווערט דאָרטען ליכטיג, און אז איהר ליכטיגקייט איז אזא, אז עס האָט גאָר צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער וועלט. אז אפילו ניט די זון, ניט די לבנה און ניט די שטערן קאָנען זיך גלייכען צו איהר אין שעהנקייט און אין ליכטיגקייט, און ווען מען האָט איינ־מאָל אין אן אָוונט, די טאָכטער ארויסגענומען אויפ'ן באַלקאָן, איז ווי נאָר די שטערן האָבען זי דערזעהן, אזוי האָבען זיי גלייך גענומען פאַלען פון הימעל אין פיעלע טויזענטער.

און דער פיש, דער היטער פון שבת, פלעגט דערווייל אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט קומען צו א ברעג און נאָר ארויסלאָזען די קרוין פון שבת אויף דער וועלט, און אַלע שבת פאַרנאַכט פלעגט ער ווידער קומען צום ברעג, און זעהן, ווי נאָר די קרוין אַליין קומט צוריק צו זיין מויל. און פאַר כעס פלעגט דער פיש נאָכדעם אַלץ אויפשלאָגען די וואסערען פון ים מיט זיין עק און די וואסערען פלעגען פאַרשוימטע נעמען שפּרינגען ביז'ן הימעל.

און די טאָכטער, די פּרינצעסין שבת, איז זיך דערווייל געוואקסען און איז געוואָרען שעהנער און ליכטיגער מיט יעדען טאָג. און די ליוב איז גענאַנגען פאַר איהר, ווי א טייך, און האָט זיך געהויבען איבער איהר, ווי א ליכטיגער זייל.

5.

שבתאי איז געלעגען אין וואַסער א געפאַנגענער ווען די מלכה שבת האָט זיך איבערגעגעבען צו דער קעניגען פון דעם לאַנד שבת אָבער אַלע אַנדערע שטערן פון הימעל האָבען גלייך געזעהן וואָס די מלכה שבת האָט געטאָן, און האָבען געוואוסט וואו זי געפינט זיך, האָבען זיי ביס־לעכווייז גענומען בייטען זייערע ערטער. זיי האָבען גענומען פאַרלאָזען דעם ים און האָבען גענומען שטילער און ליכטיגערהייט ציהען צום לאַנד פון שבת.

דער רויטער שטערן שבתאי אָבער, האָט זיין אַרט אזוי גיך ניט גע־ביטען. איינער אַליין, פלעגט מען איהם אין די נעכט זעהן הענגען אי־בער'ן ים, און א בייזער און א רויטער, פלעגט ער קוקען און שרעקען, ווי א ווילדער גזלן. — איהם האָט זיך אַלץ געדאַכט, אז דער פיש, דער היטער

דעם היטער פון שבת. איך וועל איצט בלייבען דאָ. איך וועל ווערען א קינד ביי דער קעניגין פון דעם לאַנד פון שבת!

האָט זיך די קרוין א הויב געטאָן, און גענומען איינע אליין פליהען צום וואסער, און איז אריין אין דעם פיש'ס צועפּענטען מויל.

און אז דער פיש האָט דערזעהן, אז נאָר די קרוין פון שבת איז גע־קומען צוריק, אָהן דער נשמה, אָהן דער מלכה שבת, האָט ער מיט זיין עק אַזאַ פּאַטש געטאָן דעם ים, אז די וואסערען האָבען זיך אויפגעהויבען מיט א ווילדען רעש, און האָבען גענומען שפּרינגען אין דער לופטען, און האָבען זיך גענומען ברעכען און פאַלען אין טויזענטער שטיקער, און דער גאַנצער ים איז פון דעם גלייך פארגאָסען געוואָרען מיט א בייז־ווייסען שוים.

און די מלכה שבת איז נאָכדעם גלייך צוגעגאַנגען און האָט זיך אָנגעהעפט אָן דער קעניגין פון לאַנד פון שבת. האָט פון דעם די קעניגין גלייך דערפיהלט א גרויסע פרייד אויף זיך.

און ווען די קעניגין האָט זיך נאָכדעם אומגעקוקט, האָט זי נעבען זיך קיינעם ניט געזעהן, אבער די גרויסע פרייד איז פאַרט געווען מיט איהר. האָט זי די פלוצלונדיגע פרייד מיטגעבראַכט מיט זיך אין דעם מלך'ס פּאַלאַץ. און פון דעם פּאַלאַץ האָט די פרייד מיט אמאָל גענומען שפּאַנען אויף אלע וועגען און שטעגען פון דעם לאַנד, און די פרייד האָט גענומען קלאַפּען אין יעדען פענסטער, אין יעדען טיר און טויער.

און ווען די טעכטער פון יענעם לאַנד, פלעגען נאָכדעם שבת פאַר נאַכט זאָגען זייער „גאָט פון אברהם", פלעגען זיי שוין די ווערטער „און אונזערע קינדער" מעהר ניט זאָגען מיט א שווערען זיפץ, נאָר מיט א גרויסער און ליכטיגער פרייד. וואָרים אלע האָבען מיטאמאָל דער־פיהלט די גרויסע פרייד, וואָס איז שוין געקומען און וואָס וועט אין גי־כען נעמען שיינען אין זייער לאַנד.

און טאַקי גאָר אין גיכען, איז מען אין דעם לאַנד פון שבת גע־וואָר געוואָרען, אז די קעניגין האָט געבאָרען א טאָכטער צום מלך. די טאָכטער איז געבוירען געוואָרען פונקט פרייטאָג צו־נאַכט, צו ליכט בענשען, און מען האָט איהר א נאָמען געגעבען — שבת.

און מען איז געוואָר געוואָרען, אז א זעהר גרויס ליכט געהט ארויס פון דער טאָכטער, אז וואוהין מען זאָל זי ניט ברענגען, אפילו אין א

אזאַ פּיש, וואָלט ער אַליין געוואָרען אַזאַ ליכטיגער, אַזאַ פּיש קאָן אָבער קיינער פון אייך ניט אויפעסען. ווארים כאָטש איהר זענט דאָך די גרויסע ריעזען פון דעם לאַנד פון וואַד, זענען אבער די פּיש נאָך פּיעל גרעסער פון אייך. און כאָטש אייערע שטאַרקע צייהן זענען גרעסער און שאַר־פער פון אַלע שאַרפצייהניגע, וואָס לעבען אויף דער ערד, זענען די צייהן פון די פּיש נאָך פּיעל שרעקליכער, נאָך פּיעל גרעסער און שאַרפער.

פאַראַן אבער אין ים מיידלאַך, וואָס האַלטען זיך אויף אין אַזוינע טונקעלע פּאַלאַצען אויפ׳ן גרונט פון ים. די דאָזיגע מיידלאַך זענען נאָך פּיעל טויזענטער מאָל ליכטיגער פון דעם ליכטיגסטען פּיש, זייער שיין פּילט אָן די טונקעלע פּאַלאַצען און קוקט ארויס פון די פענסטער, ווי א כשוף, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט איבער׳ן גאַנצען ים. אַזאַ מיידעל וואָלט יעדער איינער פון אייך געקענט בייקומען. זי ליעבען. זי אפילו איינשלינגען לעבעדיגערהייט, און נאָכדעם ווערען שיינענדיג און ליכטיג ווי א גאָט. אַזאַ מיידעל פאַרלאָזט אבער זעלטען דעם אָפּגרונט פון ים, און קומט זי שוין ווען יאָ ארויס, איז דאָס נאָר אין דער צייט פון א דונער, כדי זיך דורך טראָגען איבער דער וועלט, ווי א ליכטיגער בליץ.

אָט אַזוי פלעגט ער זיי אַליין דערצעהלען אַזוינע מעשיות, מיט וועל־כע ער פלעגט רייצען זייער דאָרשט נאָך צירונג און פרויען. און צינדען זייער בלוט פאַר געשלעג און מלחמות.

אודאי האָט שבתאי ניט איינמאָל געוואָלט אויסרופען צו זיי :

— הויבט אויף אייערע פערדישע אויגען, איהר גרויסע און לאַנג־צייהניגע נאַרען, און זעהט דאָס גרויסע ליכט, וואָס געהט אויף אָט דאָרט אין יענעם ווייטען לאַנד פון שבת ! דאָס איז דאָס ליכט פון דער מלכה שבת, וואָס איז די ליכטיגסטע טאָכטער אויף דער גאַנצער וועלט ! אַלע שטערען פון הימעל זענען אין איהר פאַרליעבט. געהט ברענגט זי אהער פאַר מיר, ווארים איך בין דאָך שבתאי דער גאָט פון קריג, אייער גאָט !

א שטערען טאָר אָבער די סודות פון שטערען פאַר קיינעם ניט דער־צעהלען, פלעגט ער דערפאַר אַז איינגעהאַלטענער אַליין מוזען זיצען פאַר זיי א פאַרשטעלטער און זיי רייצען מיט זיין שרעקליך, גרויסער, ווייסער באָרד, און מיט זיינע שרעקליך, גרויסע, רויטע אויגען. און פלעגט פאַר זיי אַליין צינדען מעשהלאַך און מעשהלאַך, אַהן א שיעור, ביז די לאַנג־צייהניגע ווילדע ריעזען זענען געוואָרען אונרוהיג, און האָבען גע־

פון שבת האָט מן הסתם באהאַלטען די ליכטיגע מלכה, ערגיץ טיעף אין די אָפּגרונטען פון ים, כדי ער, שבתאי זאָל זי ניט זעהן און ניט וויסען וואו זי איז. זיין גייסט פלעגט אַלע נאַכט אראָפּשיסען פון הימעל אין די טיעפעניש פון ים. ער פלעגט זי דאָרטען ארומזוכען צווישען די פעלזען פון קיזעלשטיין און פערילשטיין, צווישען די געדיכטע קרעלען וועל־דער און אין די פיעלע פּאַלאַצען פון דימענטען און בריליאַנטען פון בלויע סאַפּירען און רויטע רובינען און שוואַרצע אַגאַטען, און צווישען די פּאַלאַצען פון א סך אנדערע טייערע שטיינער, וואָס געפינען זיך אין דער טיעפעניש פון ים. און ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעמאָסטען דעם ים אין דער לענג און אין דער ברייט, האָט ער גענומען ציהען אהין, וואו־הין אַלע שטערן ציהען.

אַלע שטערן, וואָס האָבען געצויגען צום לאַנד פון שבת, זענען אהי׳ן אריין לייכטע און ליכטיגע. מיט דער צייט האָבען זיך דאָרט אָנגע־קליבען אזוי פיעל שטערן, אז די איינוואוינער פון דעם לאַנד פלעגען אין די נעכט כמעט ארומגעהן צווישען הימעל און שטערן. דער שטערען שבתאי האָט אבער נאָר געקענט קומען ביז צום לאַנד פון שבת, אין דעם לאַנד אליין האָט ער ניט געקאָנט אריינקומען. ווארים זיין פּנים איז גע־ווען רויט, ווי דאָס פּנים פון א גזלן...

דעמאָלט איז דער בייזער שבתאי געפאַלען אויף א פּלאַן: ער איז אוועק, און זיך אוועקגעשטעלט איבער דעם לאַנד פון וואַר, כדי מיט זיין רויטען שיין אין זיי נאָך מעהר רייצען זייער ווילדען חשק נאָך מלחמה. און זיין גייסט פלעגט זיך אָפּט פארשטעלען פאַר א קרומען בעטלער מיט א שרעקליך לאַנגער און ווייסער באָרד, און ער פלעגט צו זיי אָפּט קומען א הינקעדיגער און פלעגט זיי דערצעהלען שיינענדיגע מעשיות וועגען די שטערען אין הימעל און זייערע מזלות. וועגען די גרויסע פיש אין ים און די דימענטען און בריליאַנטען, וואָס זיי טראָגען אין זייערע גדערים. פאַראַנען, פלעגט ער זיי דערצעהלען, גרויסע פיש, וואָס האָבען אין זיך איינגעשלונגען אזוי פיעל דימענטען און בריליאַנטען, אז זיי זענען אין גאַנצען געוואָרען דימענטענע און בריליאַנטענע, און איצט שווימען זיי ארום אין דער טיעפעניש פון ים און וואַרפען פון זיך א ליכט אויף מייַ־לען. ווען מען זאָל אזא פיש כאַפּען און ברענגען אהער, וואָלט דאָ גאָר קיינמאָל נאַכט נִיט גְעוואָרען. און ווען עמיצער פון אייך זאָל אויפעסען

„פון דעם פירסטליכען מלך פון דעם לאנד פון די גרויסע, לאנג־צייהנערדיגע ריעזען, צו דעם לאנד, וואו עס געהט אויף א גרויסע ליכט!
„זיי וויסען דו קעניג פון דער ליכטיגער טאָכטער, אז איך האָב צוועלף זיהן. זענען זיי זעהר גרויסע און שטארקע העלדען. זייערע צייהן שטעקען ארוים פון זייערע מיילער לענגער, ווי די צייהן פון די אלע אנדערע גרויסע ריעזען פון מיין לאנד. און זיי קאָנען מיט זיי דורכבייסען דעם רוקען פון א לעבעדיגען חזיר, פון א לעבעדיגען בער, און פון א העלפאנט. — זאָל זיך דיין שעהנע טאָכטער אויסקלייבען איינעם פון זיי, און זאָל זי מיט איהם קניהען פאר אונזערע געטער — דעם ים און דעם שטערען שבתאי, און זאָל זי ווערען זיין ווייב, אויב דו ווילסט מיר זאָלען לעבען אין פרידען. אויב ניט, וועל איך אויף דיר אנריכטען א מלחמה, און איך וועל אויף דיר קומען מיט מיינע לאנג־ציינערדיגע ריעזען, און זיי וועלען באפאלען דיין לאנד, ווי די בייזע היישעריקען, און וועלען דאס פארוויסטען, און דיינע אלע מענשען, פון קליין ביז גרויס וועל איך טויט שלאָגען“.
און אז די איינוואוינער פון דעם לאנד פון שבת האָבען ביי זיך דערזעהען די דאָזיגע פינסטערע געסט און האָבען דערהערט זייערע רייד, איז אויף זיי אודאי אָנגעפאלען א גרויסע שרעק, ווארום זיי האָבען גוט געוואוסט, ווי שרעקליך און ווי שטארק עס זענען די ריעזען מיט די אָפענע מיילער פון דעם לאנד פון וואָך. זיי האָבען גוט געוואוסט, אז אין א מלחמה וועלען זיי פון זיי איינגעגעסען ווערען לעבעדיגערהייט, און דעמאָלט וועט דאָך חלילה פארשווינדען דאָס גאנצע שבת לאנד פון דער ערד. זאָגען ווידער, אז די בת מלכה זאָל געהן מיט זיי, האָבען זיי אויך ניט געקאָנט, ווארים ערשטענס איז אן עבירה דאס גרויסע ליכט, וואָס זי וועט מיט זיך מיטנעמען, און צווייטענס, ווי דערלאָזט מען דאָס אז די ליכטיגע פרינצעסין שבת זאָל חתונה האָבען מיט א ווילדען און פינסטערען ריעז?
און ווער ווייס, וואָס ער וועט טאָן מיט איהר?
ווארום עס איז געוועזן באוואוסט, אז די דאָזיגע ווילדע ריעזען קריגען זייערע ווייבער נאָך דער חתונה אָפט אזוי שטארק ליעב, אז זיי עסען זיי אויף לעבעדיגערהייט.
און אז די בת־מלכה־שבת איז געוואָר געוואָרען פון דעם דאָזיגען

נומען שלינגען אין זיך יעדען גלאַנציגען שטיין, און האָבען גענומען פאַר־צערען יעדע לעבעדיגע זאַך, וואָס איז געווען ווייס און ליכטיג, ביז זיי האָבען מיט זייערע פערדישע אויגען גענומען קוקען אין אַלע זייטען, און האָבען מיטאַמאָל אַליין דערזעהן דאָס גרויסע ליכט, וואָס געהט אויף פון דעם לאַנד פון שבת.

דעמאָלט האָט שוין שבתאי מעהר ניט גענידערט צו די ווילדע ריע־זען, ווי א קרומער בעטלער מיט א ווייסער באָרד, נאָר א רויטער און א זיכערער האָט ער זיך אויפגעהויבען איבער זייער הימעל און איז גע־בליבען שטעהן און געוואַרט.

און אַז די ווילדע ריעזען פון דעם לאַנד פון וואַך האָבען אַנגעהוי־בען זעהן, אַז עפּעס א מין גרויסע ליכטיגקייט הויבט זיך פון מאָל צו מאָל אויף פון דעם לאַנד, וואָס שטעהט אַנטקעגען זיי אויף יענער זייט ים, האָבען זיי גענומען טראַכטען, אַז אין יענעם לאַנד מוז זיך געוויס געפי־נען אַזאַ מין טייערער שטיין, און צוליעב אַזאַ שטיין, זענען זיי אודאי געווען גרייט צו געהן אויף מלחמה.

האָבען זיי דערפאַר אַוועקגעשיקט מענשען אין יענעם לאַנד פון שבת, אַז מען זאָל זיי פון דאָרט גיבען דעם שטיין, וואָס וואַרפט פון זיך אַזאַ ליכטיגקייט. וואָרים אויב ניט וועלען זיי אַנריכטען א מלחמה. זענען די שלוחים פון דעם לאַנד פון וואַך געפאָהרען און זענען געקומען צוריק און האָבען דערצעהלט, אַז דאָס ליכט, וואָס געהט אויף אין יע־נעם לאַנד איז ניט פון קיין דימענטען און בריליאַנטען, און ניט פון קיין אַנדערען טייערען שטיין, נאָר פון א טאָכטער, וואָס איז געבוירען צום מלך פון יענעם לאַנד.

אַזאַ פיש, וואָלט ער אַליין געוואָרען אַזאַ ליכטיגער. אַזאַ פיש קאָן אָבער

און אַז דער מלך פון די ווילדע ריעזען, פון דעם לאַנד פון וואַך האָט דערהערט די דאָזיגע רייד, האָט ער זיך אַנגערופען, אַז אויב אַזאַ זאַך קאָן יאָ געמאָלט זיין, אויב אויף דער ערד געפינט זיך יאָ אַזאַ ליכ־טיגע בת מלכּה, דאַרף מען זי אודאי זעהן גלייך ברענגען אהער און חתונה מאַכען פאַר איינעם פון זיינע צוועלף זיהן.

און דער ווילדער מלך פון דעם לאַנד פון וואַך האָט גלייך גענומען און האָט אַוועקגעשיקט א מחנה פון זיינע ריעזען מיט א בריעף צו דעם מלך פון דעם לאַנד פון שבת. אין זיין בריעף איז געווען געשריבען :

פון וואָד איז זי געווען איינגעדעקט אין זעהר פיעל שלייערן. אבער דאָס ליכט פון דער מלכה שבת האָט געמאכט שיינען אלע שלייערן. יעדער קנייטש און יעדער פאלד איז געוואָרען א נעסט פון איהר גרויסען און שטילען ליכט. און די שלייערן האָבען געגרייצט מיט זייער שטילען צויבער, וואָס האָט זיך געשפרייט און געהויבען אויף ווייטע מיילען.

שבתאי אבער איז געבליבען שטעהן אין הימעל. געקוקט אויף איהר א זיכערער און געוואָרט.

ער האָט אויך א רוהיגער צוגעקוקט, ווי דער מלך פון די ריעזען האָט איהר אָפּגעדעקט די אויגען, און איהר געוויזען זיינע צוועלף זיהן, זי זאָל זיך אויסקלייבען איינעם פון זיי.

די מלכה שבת האָט אויפגעהויבען איהר שעהנע און ליכטיגע האַנט און אָנגעוויזען אויף איינעם פון זיי. וואָרים איהר איז געווען אלץ איינס, ווער פון זיי עס זאָל ניט זיין. וואָרים זי האָט ביי זיך סיי ווי געהאַט אָפּגעמאכט אריינפאַלען אין ים ביז דעם טאָג פון דער חתונה, אזוי אז עס זאָל ניט אויסקומען, אז זי האָט זיך אומיסטען אריינגע־וואָרפען, כדי עס זאָל חלילה ניט פאַלען די שולד אויפ'ן לאַנד פון שבת.

ווי נאָר אָבער דער אויסגעקליבענער ריעז האָט גענומען פיהרען זיין כלה, די מלכה שבת, אז זי זאָל מיט איהם קניען פאַר זייערע געטער — דעם ים און דעם שטערען שבתאי, און ווי נאָר שבתאי האָט דערזעהן מיט וועלכע אויגען די מלכה שבת קוקט צום ים, אזוי האָט ער מיט אמאָל איינגאַנצען פאַרלוירען זיין רוהיגקייט און זיכערקייט און עס האָט זיך באַלד דערהערט א שרעקליכער גערודער, ווי דער הימעל וואָלט זיך גע־נומען ברעכען אין טויזענטער שטיקער. ווי די ערד וואָלט גענומען פּלאַ־צען אונטער אלעמענס פיס, און פון דער ווייטען האָט זיך מיט אמאָל באַוויזען א שרעקליך, גרויס געשטאַלט. מיט ווילד־רויטע האָר, מיט א זעהר לאַנגער, רויטער באָרד. די באָרד איז געווען אזוי לאַנג, אז זי איז אזש אריינגעפאַלען דער געשטאַלט צווישען די פיס און איז נאָך ארויס־געהאַנגען אויף הינטען, ווי א פייערדיגער עק. דאָס געשטאַלט איז גע־פלויגען אויף דעם פייערדיגען עק, אויף די ווילדע האָר פון זיין גרויסען קאָפּ, און אויף די האָר, וואָס זענען געוואַקסען פון צווישען זיינע פּאַב־ווען. דער כח פון דעם געשטאַלטס פליהען איז געווען אזא, אז אלעם ארום האָט גענומען רוישען מיט גרויס ציטערניש, און ער איז געקומען מיט

גרויסען אומגליק, האט זי מיט איהר ליכטיגען שכל גלייך פארשטאַנען, וואָס עס קאָן דאָ קומען אויפ'ן לאַנד, און זי האט באטראכט און באַשלאָסען, וואָס זי האט צו טהאָן.

און עס איז געווען, ווען די לייט פון דעם לאַנד פון שבת זענען זיך צונויף געקומען אין דעם גאָלדענעם זאַל פון איהר פאָטער דעם מלך, כדי אינאיינעם זיך דורכרערען וועגען דעם גרויסען אומגליק, וואָס וויל אויף זיי קומען. דעמאָלט, איז אין מיטען זייערע אַלעמענס פארזאָרגטע רייד אריינגעקומען די ליכטיגע בת מלכה און האט זיך צו זיי אנגערו־פען אויף א הויך קול:

— זייט רוהיג! זאָרגט ניט. ווארפט אוועק אייער שרעק, ווארום איך בין צופרידען צו געהן מיט די ריעזען און זיך דארט אויסקלייבען איינעם פון זייער מלך'ס צוועלף זיהן פאר א חתן.

זענען אַלע לייט גלייך שטיל געוואָרען. א גרויס רחמנות האט זיי אנגענומען פאר דער ליכטיגער בת מלכה. זיי האָבען אַלע פארשטאַ־נען, וואָס זי געהט דאָ טאָן פאר זיי. האָבען זיי זיך פארשעהמט און שטי־לערהייט פארלאָזט דעם זאַל.

און דער מלך מיט דער מלכה זענען מיט איהר נאָכדעם געבליבען אליין. דער מלך האט איהר לאַנג אָנגעקוקט אָהן ווערטער, און די קעָ־ניגין איז איהר געפאַלען אויפ'ן האַלז און גענומען קלאָגען.

די טאָכטער אָבער האָט זיי געטרייסט און האָט געזאָגט, אז מן הסתם דארף דאָך אזוי זיין. מן הסתם איז דאָך אזוי באשערט. און אז דאָס לאַנד פון שבת איז דאָך זיכער ווערט מען זאָל זיך פאר דעם מקריב זיין, און וואָס איז דען דער ווערט פון איין איינציגער טאָכטער קעגען דעם ווערט פון אזא ליכטיג לאַנד, ווי דאָס לאַנד פון שבת? !

אזוי האט די טאָכטער צו זיי אַלץ גערעדט, ווארים ווי נאָר זי איז געוואָרען די טאָכטער פון דער קעניגין פון דעם לאַנד, האָט זי גלייך פאר־געסען ווער זי איז, און זי האָט שוין מעהר ניט געדענקט און ניט גע־וואוסט, אז זי איז דאָס די מלכה שבת, און זי האָט ניט פארשטאַנען, אז דאָס שפרייט פאר איהר אזוי קלוג דער זינדיגער שטערען שבתאי זיין בייזע נעץ.

און ווען די מלכה שבת איז געבראַכט געוואָרען אין דעם לאַנד

ה. לייוויק:

אין קיינעמ'ס לאַנד.

פון דעם גאסיגען געשריי
קום מיט מיר אין קיינעמ'ס לאנד,
ווייט פאר איינעם, נאָהנט פאר צוויי
איז דער וועג צו קיינעמ'ס לאנד.

פון דיין אומעטיגען הויז
שטרעקסטו אוים צו מיר דיין האַנט,
אזאַ ווארט איך זאָג ארוים
אזאַ וואָרט פון קיינעמ'ס לאנד.

ווי אנ'אויגענבליק פארגעהט
נעמען שווינדען נאָכאַנאַנד
הייזער, גאסען... לער און ברייט
שפּרייט פאר אונז זיך קיינעמ'ס לאנד.

מיר געקומענע נאָך פרייד
אין פארלאָרענעם פארשטאַנד,
געהען מיר צו אלץ נעגרייט
טראָט נאָך טראט אין קיינעמ'ס לאנד.

ביז עס קומט די גוטע שעה
פיהרט אונז צו צום לעצטען ראנד...
קיין צוריקקער איז ניטאָ
אויף דער גרוים פון קיינעמ'ס לאנד...

צווישען מענשען זענען מיר
גלייך ווי אלע פרעמד־באַקאנט,

דעם קול פון א שרעקליכען דונער. אלע ריעזען, וואס זענען געשטאנען אויף זיין וועג, זענען גלייך אומגעפאלען. און ער איז אריבער איבער זייערע טויטע קערפערס, און ער איז צוגעקומען ביז צו דער ליכטיגער מלכה שבת און ער האט זי אויסגעכאפט, און ער האט זיך מיט איהר אויפגעהויבען צום הימעל און איז מיט איהר אוועק אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי א דונער און א בליץ.

ווי נאר אבער שבתאי האט זיך מיט דער מלכה שבת אנגעטראגען אויפ'ן מיטען הימעל, האט זיך פון ים מיט אמאל א הויב געטאן דער גרויסער פיש, און האט זיך מיט זיין גאנצען כח אנגעשלאגען אין שבתאי'ן.

שבתאי וואלט אפשר אויסגעהאלטען דעם קלאפ פון דעם פיש און וואלט ווייטער געפלויגען, איז אבער דער פראגער רב פונקט דעמאלט ארויס אויף די טרעפ פון זיין שול, און האט מיט זיין גאנצער עדה און מיט זיין גאנצער ליכטיגקייט גענומען שרייען צום הימעל:

„פארלאז דיין געפאנגשאפט, מלכה שבת,
„קום מיט פרידען קרוין פון האר,
„קום מיט יובעל און מיט פרייד,
„קום צווישען דיינע אויסדערוועהלטע,
„קום כלה,
„קום!

האט פון דעם געזאנג און פון דער ליכטיגקייט שבתאי'ן מיטאמאל אפגענומען הענט און פיס. און ער האט ארויסגעלאזט די מלכה שבת פון זיינע הענט, און ער האט, ווי א געבונדענער גענומען פאלען אין ים אריין, אינאיינעם מיט דער מלכה און מיט'ן פיש.

איך ברייננ טרויער
דיין געמיטה, —
זעהסט מיך יע,
צי זעהסט מיך ניט.

איך באשיין דיך
און באהיט, —
זעהסט מיך יע,
צי זעהסט מיך ניט.

היט דיין וועג
פאר מיינע טריט, —
זעהסט מיך יע,
צי זעהסט מיך ניט...

שאַרפע קלאמערען.

שארפע קלאַמערען
די פינגער דיינע,
ווערען זיי פארבראכען,
ווערען אַנגעצונדען,
ווארפען זיך
און ברעכען אויס אין א געוויין.

וויינענדיגע
לאזען זיי זיך פלוצלונג אין א טאנץ.
פריהער איינציגוויים,
און נאכדעם אלע מיט אמאל.
טאנצענדיגע
ווערען זיי אלין בלייך און בלייכער,
דין און אויסגעצויגען,
ביז זיי בלייבען ליגען אטהעמלאז...

יעדעס וואָרט און יעדער ריהר
גאָר ניט ווי אין קיינעמ׳ס לאַנד.

יעדער האָט פאַר זיך א הויז,
יעדער האָט פאַר זיך א וואַנד,
לעבען מיר טאָג איין טאָג אויס
גאָר ניט ווי אין קיינעמ׳ס לאַנד.

קיינער ווייס ניט, אז שוין לאַנג
שלאָפען מיר פאַרוויגט באַנאַנד,
זינגענדיג דעם טויט־געזאַנג,
אויף דער גרויס פון קיינעמ׳ס לאַנד...

אַנ׳אָפּקלאַנג פון דיין פרייד.

מיט דעם הויך פון דיינע ניט דערזאָגטע ווערטער
האָסטו אויפגעוועקט די זעל פון מיינע רייד:
ניט איך בין און קען ניט זיין שוין קיינמאָל דיין באַשערטער,
איך בין נאָר דער אָפּקלאַנג פון דיין פרייד.

איך בין צופעליג אין הויז צו דיר געקומען,
און וועל צופעליג פון דיר אוועק;
פון געהיימעניש האָב איך א קול פאַרנומען:
— געה אַהין וואוהין דו דאַרפסט אוועק.

געה איך און איך טו קיין זאַך ניט פרעגען,
טראָג מיט זיך דעם אָנריהר פון דיין האַנט,
מיט א רוהיגען געמיטה איך געה אַנטקעגען
יעדער וועג וואָס פיהרט צו קיינעמ׳ס לאַנד...

וואו דו ווענדסט זיך.

וואו דו ווענדסט זיך
געה איך מיט, —
זעהסט מיך יע,
צי זעהסט מיך ניט.

איך ארום דיר,
דו ארום מיר,
רגע'ס צוזאמען,
אייביג צושיידט.

כאַפּ איך דיין האנט און איך ציה דיך צו זיך —
בלייבט אויף מיין האנט א צובלוטיגטער ביס,
הויבט אָן ארונטערצוזינקען מיין קאָפּ,
זינקען צו דיינע געשטרויכעלטע פיס.

ביסטו אין ווייסען איינגאנצען געקליידט,
איך אויך ווי דו
בין איך אין ווייסען איינגאנצען געקליידט.
איך לעב'ן דיר,
דו לעב'ן מיר,
רגע'ס — אין לעבען,
אייביג — אין טויט.

אַ שנירעל בלוט.

שעה'ן פארגעהען אין וואכזאמקייט,
וואכזאמקייט בין איך אליין;
זיין איך און ווארט מיט ענטשלאָסענהייט,
גרייט זיך א מאָרד צו באגעהן.

ניט מיט קיין מעסער צוויישארפיגען,
אויך ניט מיט גיפט, מיט קיין קויל:
זילבען א פּאָר נאָר צוריסענע
פון א פארגליווערטען מויל...

ליגט ער דער קאָפּ דער פאר'משפט'ער,
חלומ'ט אין רוהיגען שלאָף,
זעהט ניט ווי שנעל עס דערנעהנטערט זיך
זיין ניט ערווארטעטער סוף.

זיצען מיר און קוקעןביידע
אויף דעם לעצטען אדערעל וואָס צאַפּעלט נאָך,
ביז אויך ער
בלייבט ליגען
אטהעמלאָז...

אלע מיר זענען פאַרלאָרען.

טונקעלער ווערען די שויבען,
פינסטערניש שפּרייט זיך ביים טיר:
טריט, און די טיר ווערט געעפענט, —
ווער איך פארלאָזען פון דיר.

געה איך און קוק ניט אויף הינטער,
קומען צוריק קען איך ניט;
דיר וועט ניט איינפאלען נאָכגעהן
רופען צוריק מיינע טריט.

דיר וועט ניט איינפאלען, ווייס איך,
ווילט זיך דאָך גלויבען, אז יע,
קער איך זיך אום — דיינע שויבען
לויכטען שוין, ברענען, איך זעה.

הערבסטיגע מענשען און גאסען —
יאגען זיי אלע מיט מיר;
אלע מיר זענען פארלארען,
זענען פארלאָזען פון דיר.

לעבעדיגע ביסטו און טויט.

לעבעדיג ביסטו און טויט.
איך אויך ווי דו
לעבעדיג בין איך און טויט.
ביידע מיר פליהען מיט שווינדלענדע קעפּ,

שטעהט מיין אויסלייזער.

שטעהט מיין אויסלייזער
אין מיין הויז —
א גערופענער,
א געקומענער,
מיך, דעם זינדיגען,
לייזט ער אויס.

אויף זיין לינקער האנט
הענגט א זאק,
אויף זיין רעכטער האנט
א צוויי־זייטיגע
א פארבלוטיגטע
שארפע האַק.

נעם מיך, אויסלייזער,
אין דיין זאַק, —
אָהן דערבארימונג
אויף דעם זינדיגען
ניט באגנאדיגטען
הייב די האַק...

פארלאָז מיך, פארגעס.

פארלאָז מיך, פארגעס, —
עס פלעכט זיך אזוי ווי א שטריק ארום מיר
מיין בענקשאפט נאָך דיר.

איך האָב ניט קיין מוט
א ציה טאָן די שטריק מיט די אייגענע הענט,
פארגיכען די ענד.

אין שטוב צי אין גאַס
צו יעדען באגעגענטען ווענדט זיך מיין בליק:
— פארציהט ווער די שטריק.

וואָס איז די שולד פונ׳ם פאר׳משפט׳ען ?
גאָרנישט. קיין שולד איז ניטאָ.
יאָהרען נאָך יאָהרען פארגאַנגענע
ברייננגען די פינסטערע שעה.

האָט ווער די ליפּען מיר אָפּגעברענט ?
האָב איך פארלאָרען מיין מוטה ?
גאָרנישט. מיין מויל דער פארגליווערטער
האָט קוים דערהיט די מינוט...

אויף דעם געזיכט פונ׳ם פאר׳משפט׳ען
ליעבשאַפט פארגעבענדע רוהט.
דין פון דעם האַרץ דעם ערמאָרדעטען
ציהט זיך א שנירעל פון בלוט...

ווער ?

ווער האָט מיך אוועקגעזעצטביים טיש,
ווער האָט צו דעם שטול מיך צוגעבונדען ?
ווער האָט טיר און פענסטער צוגעמאַכט,
איבער מיר א פייער אָנגעצונדען ?

מיינע אויגען קוקען אויפ׳ן טיש,
מיינע הענט זיי שפּארען אָן מיין שטערען —
קענען מיינע אויגען דיך דערזעהן ?
קען מיין אויער דיינע רייד דערהערען ?

גאָרנישט קענען מיינע אויגען זעהן
און מיין אויער קען דיך ניט דערהערען,
טיש און שטול און וואַנד און שויב
איבער מיר געוועלטיגער זיי ווערען.

האָט דער טיש מיך צוגעשמידט צו זיך,
האָט דער שטול צו זיך מיר צוגעבונדען ;
ניט פון קיינעם נאָר פון זיך אליין
האָט זיך איבער מיר א פייער אָנגעצונדען...

אז עס גרויט דער נייער טאָג,
ווערט שטום דיין רוף,
יענע שטומעניש דערשרעקט
און וועקט מיך אויף.

ווי איך עפען נאָר אנ'אויג,
איז אלץ שוין אויס, —
האסטיג, הער איך, יאָגען פיס
פון שטוב ארויס.

אנגעגאָסען שטעהט מיט וויין
דאָס גלעזעל פול,
וויעגט זיך נאָך פון ראשען שטעל
דער לערער שטול...

שאַרפע וועהטאָגען.

שארפע וועהטאָגען, זיי האָבען מיך געצויגען,
און דערפאר בין איך צו דיר געקומען,
שנייד ארויס פון שטערען מיינע אויגען,
רייס ארויס מיין צונג מיר פונ'ם גומען.

לאנגוויילינג איז מיר אזוי צו לעבען.
איך דערמאָן זיך רגע'ס... שמייץ פון ריטער
בלוטיגען דאָס לייב, און דאָ דערנעבען
שטעהט און וואַרט א צווייטער און א דריטער.

אלע ווערען מיר דערנאָך געטראָגען
און אריינגעווארפען אין דער טיעף אין קעלער,—
הער איך ווי די ליפען מיינע זאגען:
— נייע ליידען גאר איך, קומט וואס שנעלער.

אין דער האָפענונג אויף נייע ליידען
ליג איך אויפ'ן דיל אנ'איינגעוויגטער;
הער איך ווי די ליפען מיינע ריידען:
— שמייכעל צו דיין קעניגרייך, באגליקטער...

נאָר קיינער דערזעהט.
צו דיר וועל איך מוזען זיך קערען צוריק
און בעטען: דערשטיק...

אין דער וואַכעדיגער שעה.

אין דער וואכעדיגער שעה
פון מיטען נאכט
האָסטו קיינמאָל נאָך מיין טיר
ניט אויפגעמאכט.

ניט געזעסען ביי מיין טיש
פאר דיר געגרייט,
ניט דערפרעהט מיט דיין באַריהר,
מיין וויין און ברויט.

ווען די וואכעדיגע שעה
צו ענד דערגעהט,
קומט אין שטוב אריין דער שלאָף
פון דיר באגלייט.

איידער נאָך איך זאָג א ווארט
פון מויל ארויס,
ריהרט דער שלאָף דעם פייער אָן
און לעשט איהם אויס;

טוט א שליידער מיך צום בעט
און דעקט מיך צו,
דאן דערהער איך ערשט דו רופסט:
— וואו ביסטו, וואו?

אין דער פינסטערניש אליין
צום שטול געשמידט,
זיצסטו אַפּ די נאכט און רופסט, —
דערוועקסט מיך ניט.

ה. לייוויק:

די יונגע.

ווער האט אונז געגעבען דעם נאמען „יונגע"? און וואס מיינט דער דאזיגער נאמען? איך ווייס ניט. אז מען וויל קען מען איהם אויס־טייטשען גאנץ פשוט: שריפטשטעלער יונגע אין יאהרען. ערשט ארויס־געקומענע. אז מען וויל איז עס א סימבאל פון אפאזיציע צו דער אלטער ליטעראטור. פון יוגענדליכען שוואונק און נייע אידעען. און אז מען וויל איז עס נאך מעהר: א סימבאל פון בונט געגען זיך אליין. פון פאר־פלאנטערטע זוכענישען אין ראנגלערייען. פון שארפער קריטיק און צו־שטערונג. צושטערונג פון וועמען? פון אלץ. וואס לעבט איבער זיך אליין. פון אלץ וואס לעגט זיך אויף אונזערע אקסלען ווי אנ'איבעריגער לאסט. פלאנטערט זיך אונטער אונזערע פיס אין פיהרט אונז צו אויס־גאנגלאזיגקייט. און אויב מיר אליין ווערען די לאסט וואס ליגט אויף אונז, מיר אליין הייבען אן פאלען פון דער אייגענער פיס־פלאנטערניש — זאלען מיר ניט הייבען די האק פין פארניכטונג אויף זיך אליין, זאלען מיר האבען רחמנות אויף זיך אליין?

עס קען זיין. אז דו האסט קיינמאל קיין רעכט ניט צו ווארפען א שארףווארט אויף אנדערע. קיינמאל ניט. אפילו ווען זאלסט אויף זיך שליידערען אלע מעסערס פון אינקוויזיציע. קיינמאל וועט עס דיר ניט פארגעבען ווערען. אפילו ווען דו טיסט עס אויס ליעבשאפט. אויס בענקעניש נאך דערלייכטערונג. נאך דערהויבונג.

יא. אבער מיר זענען אלע פארלאזען און איינע פון די אנדערע פארלארען. און אונזער דערווייטערוני איינע פון די אנדערע שרייט ארויס פון אונז. רינגעלט אונז ארום ארום האלז אלץ ענגערע און ענגערע שטריק — ווילען מיר א ריס טאן די שטריק פון זיך. ווילען זיך א לאז טאן נעהנטער איינע צו די אנדערע — צינדען זיך אן אין אינזערע אויגען אזעלכע מאדנע פייערלאך, און מיר ווייסען ניט וואס זיי באדייטעי צי פיינדשאפט, צי פארגעבונג.

דאָרט וואו איך בין נאָך ניטאָ.

שלאָפט מיין פרוי און לעבען איהר
מיין נאַר וואָס געבוירען קינד. —
קליידער פאַר מיין ווייטען וועג
זעהט זי ניט ווי איך צובינד.

איך צובינד און קלייד זיי אַן,
און צוריק דערנאָך באַהאַלט:
איין מינוט אין יעדער נאַכט
זעה איך זיך אין מיין געשטאַלט...

טרעפט אמאָל איך קלייד זיך אָן
און פאַרלענגער די מינוט, —
ווערט די ווייסקייט פון מיין קלייד
רויט ווי אַפּגעפאַרבט אין בלוט.

וועמענס בלוט? מיין פרוי'ס?
מיין קינד'ס?
אַ, איך טראַג אין זיך אַ שולד
אַ באַהאַלטענע אין קלעם
מיט פאַרגליווערטען געדולד. —

ווייל עס קלינגט מיר נאַכט נאָך
נאַכט
אַ באַפעלענדיגער קול:
— אין דיין גרייטען ווייסען קלייד
טו זיך אָן אויף אַלע מאָל...

און דערווייל געהט די צייט
אָן דער זייט פון מיינע טעג:
ברייט צועפענט איז מיין אויג —
איך דערזעה דעם ווייטסטען וועג.

ס'איז מיין אויער אָנגעשטרענגט,
איך דערהער דעם שטילסטען רוף:
דאָרט וואו איך בין נאָך ניטאָ
געהט דערווייל מיין שטערען אויף.

יעדער שטערען וואָס געהט אויף
ווערט דערנעהנטערען די שעה...
לאַנג שוין אַז מען וואַרט אויף מיר
דאָרט וואו איך בין נאָך ניטאָ...

וואקסט פון זיך אליין. עלטערט זיך. ווערט גרויס. געשוואלען. קריגט א גרויסען קאפ. בלייערנע פליגלען. אטהעמט אריין אין זיך די גאנצע ליפט. עסט אויף, אזוי צו זאגען, די גאנצע אטמאספערע. געהט אויס פון דער אייגענער שווערקייט און שטארבט. מען באמערקט אבער ניט גלייך ווי עס שטארבט. און אז מען באמערקט אפילו יא, טרעפט אפט, אז מען קען שוין פון איהם זיך ניט באפרייען. עס האט זיך פארוואנ־דעלט אין א שטיק שטיין, איז געווארען פארשפיצט און ציינערדיג, האט זיך איינגעגעסען אין די אקסלען און געהט ניט ארונטער מעהר...

און די מענשען, וואס האבען זיך באצייטענס ניט געכאפט געהען שוין ארום אזוי מיט זייער צום ערד בויגענדיגען לאסט. דרעהען זיך. קרעכצען פון עקעל און בויגען זיך אלץ טיעפער ארונטער.

פאר'משפט'ע, פון זיך אליין פאר'משפט'ע.

איך קען אנכאפען אפילע ביישפילען. נאר צו וואס רייצען די פאנ־טאזיע, אז זי, די פאנטאזיע, ווי נאר מען זאל זי אראפלאזען פון קייט, וועט אזועקטראגען מיך און אייך אין אזעלכע פארפלאנטעטע ווילדער־נישען, רעטעניישען, מענשליכע דורכפאלען און פארצווייפלונג, אז מיר וועלען שוין אויף אנ'אמת קיינמאל ניט קענען צו זיך קומען.

און קומען צו זיך ווילען מיר דאך. עפעס א פארלייכטערונג ווילען מיר דאך געפינען, אויב ניט קיין ערלייזונג. איז כאטש א וואונק אויף איהר, צו ערגעץ ווילען מיר דאך דערגעהן ווי גרויס די משא זאל ניט זיין אויף אינזערע אקסלען. — — —

נאר לאמיר ניט אוועקגעהן צופיעל צו אונבאשטימטקייטען. לאמיר ריידען קאנקרעט

איך וויל מען זאל מיך פארשטעהן. מען זאל ניט מיינען, אז איך וויל ארונטערווארפען אדער, ווי מען רעדט ביי אונז, ארונטעררייסען די יונגע שריפטשטעלער אונזערע. אפלייקענען זייער ווערטה. זייערע טא־לאנטען, זייער ווירקונג און נייקייט וואס זיי האבען אריינגעבראכט אין אונזער ליטעראטור. ניט דאס אינטערעסירט מיך יעצט. יעדער שריפט־שטעלער, פאר זיך אליין גענומען, אפגעזונדערט פון די איינפלוסען פון דער אייגענער באשאפענער סביבה, האט זיך זיין אייגענעם געשטאלט. געהט זיין וועג און לעבט זיין אייגענעם לעבען. און דער ליטעראַרישער פעריאָד, אין וועלכען יעדער פון אונזערע יונגע שריפטשטעלער האט

ווער האט עס אונז געגעבען דעם נאמען יונגע?

פיעלע פון די פאטענטירטע פארשטעהער פון אונזער ליטעראטור האבען זיך אז דעם געגעבענעם נאמען אנגעכאפט מיטביידע הענט. האבען איז דעם אויסדרוק אריינגעלעגט זייער כעס, זייער שפאטיישען שמייכעל. און געקוקט אויף די אנגערופענע מיט דעם נאמען ווי אויף מענשען מיט ניט בארעכטיגטע פרעטענזיעס, מענשען מיט חוצפה און אויפגעבלאזענעם רעוואלוציאניזם. דאס איז געווען נאך איז די צייטען, ווען די יונגע זיינען נאך געזעסען אין פארבאהאלטענע ווינקלען, אזוי צו זאגען, און ביי אונזערע רעדאקטארען ניט געווען אנערקענט נאך. זיי האבען געפיהלט, אז די וואס זיצען באהאלטען ארומגערינגעלט מיט סודות, ווי מענשען מיט גרויסע קאנספיראציעס, זענען געגען זיי. האבען זיי ניט ליעב. ווילען זיך איינגאנצען אפרייסען פון זיי. זוכען נייע ווערטער, נייע פארמען, זוכען מיטלען ווי אזוי צו דערלאנגען דעם ערשטען קלאפ... דערנאך ווען די „רעוואלוציע“ האט זיך אנגעפאנגען, די יונגע האבען „פארכאפט“ די זשורנאלען און צייטונגען, אנגעהויבען ארויסגעבען „שריפטען“ „נייע היים“ און אנדערע, אויפגעגעבען די „קאנספיראטיווע קווארטירען“ און ארויס אין דער אפענער גאס — דאן האבען אונזערע ליטערארישע מאכטהאבער זייער שפאטיישען שמייכעל פון זייערע ליפען פארביטען אויף אנ׳אויסערליך־גוטמוטהיגען. איפגעהערט צו קוקען פון אויבען אראפ און אנגעהויבען מיט אמאל מורא האבען. האמען זיך שוין ניט געקענט העלפען. מען מוז אננעמען פאר גוט האט מען געזאגט: פארפאלען. „יונגע“ — דאס האט געמיינט שוין: דעקאדענטען אינדיווידואליסטען, א־נאציאנאליסטען, א־סאציאליסטען עסטעטען און אזוי ווייטער. דאס אלייז איז שוין געווען כמעט ווי א זיעג. עס האט געעפענט מעגליכקייטען פאר נייע „ארויסטרעטונגען“ און נייע „אטאקעס“ און די יונגע האבען ווייזט אויס מיט׳ן גוטען ווילען אנגענומען דעם נאמען „יונגע“ פאר זיך. ניט נאר אנגענומען, נאר פראקלאמירט איהם.

און איינמאל פראקלאמירט איז שוין פארפאלען געווען. די פאהן איז אויפגעהויבען געווארען. און די האנט, וואס האט געהאלטען די פאהן, האט זיך שוין ניט געקענט אראפבויגען...

א נאמען איז ניט נאר א קלאנג, נאר א לעבעדיגע זאך פאר זיך. עס

ווי איך האב זיך באקענט מיט זיי און מיין אייגענעם ליטעראַרישען מזל צוזאמענגעהעפט מיט זייערען. מיך האט עס שטארק געריהרט און אנגעצויגען, ארויסגערופען אפילע ערוואַרטונגען און האפנונגען, האפנונגען געשפּאַנטע.

אז דאס אידיש לעבען אין אמעריקע, איבערהויפּט דער ניו יארקער, דער נאך אליין ניט איינגעאָרדענטער, ניט איינגעשטעלטער, ניט פארטיעפּטער און ניט צופרידענשטעלענדער, אז די אלע פארמען פון אידישקייט דא, פון ליטעראַטור, פּרעסע און געזעלשאַפטליכקייט, פון אלע שרייענדע קאנטראַסטען, אומגעלומפּערטקייטען, איבערגאַנגען — אז דאס אלעס זאל בריינגען איינצעלנע צו דער גרעסטער אָפּאָזיציע, און אין דער זעלבער צייט צו דער גרעסטער פארטיעפונג, דערהויבונג איבער אט די אלע קאנטראַסטען און איבערגאַנגען — אין דעם קען קיין צווייפעל ניט זיין.

מעהר ניט, אנדערע, — און דאס וואס איז אלעמאל געווען ביי אונז, — פארטיעפענדיג זיך אין די גרויסע קאנטראַסטען פון אידישען לעבען, גיבען זיך א ריס מיט אמאל, אנטלויפען, פאראכטע, זאגען זיך אָפּ און ווערען אינגאנצען פארשוואונדען; אנדערע, אויב זיי אנטלויפען ניט, ווערען ראַדיקאַלע, מאַכען קאָמפּראָמיסען, מאַכען א געמיש פון אידיש, העברעאיש און ענגליש, שווימען מיט'ן שטראם אויף דער אויבערפלעכע — די יונגע אבער, ווי אונגלויביג דאס זאל ניט זיין, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אויסערליך, האט זיך געדוכט אלע מאל, זענען זיי ניט נאַציאָנאַל, און ניט סאָציאַל, זענען אין דער טיעפעניש פון זיך געווען מערקווירדיג נאַציאָנאַל און מערקווירדיג אידיש. אידיש אין טיעפסטען זין פון ווארט, איינגעשפּאַרט, קנא'יש, גלייביג, אנ'אייזערנע וואנט פאר דעם אידישען אונטערגאַנג. —

קיינער פון דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור האט אין דעם אידישען ווארט ניט דערהערט אזוי פיעל קלאַנגען, אזוי פיעל ריטמען, ניט דערזעהן אזוי פיעל פארבען און זעהונגען, ווי די יונגע. זיי האבען אינ'ם אידישען ווארט ענטדעקט אנ'אויפציטערונג פאר זיך, א נייע ליעבשאַפט, א בליצענדיגע שעהנקייט די באהאַלטענע און פארבאַרגענע פון אלעמענס אויגען; ניט זייענדיג פאלקסטימליך האבען זיי דערשפּירט דאס פאלקסטימליכסטע, און אויסערליך פיינט האבענדיג עס זענען זיי געווען די פאלקסטימליכסטע.

אנטהייל געגומען, מוז און וועט פאררעכענט ווערען פאר דעם אינטערע־סאנטסטען און אייגענארטיגסטען אין דעם אמעריקאנעם אידישען לע־בען. דאס איז אבער א טעמע פאר דעם ליטעראטור היסטאריקער, וואס וועט מסתמא ווען עס איז קומען, קומען מיט ליעבשאפט און דרך ארץ און וועט אונז אריינפיהרען אין אונזער אייגענעם נאך ניט אויפגעעפענ־טען לאנד.

מיר אבער, ביי יעצטיגער מינוט, אינטערעסירען די יונגע אין זייער באזונדערקייט גאר ניט. די נעמען: ראלניק, איגנאטאוו, מאני לייב, ראבאי, אפאטאשו, האלפערן, לאנדוי און אלע אנדערע נעמען ווערען איז מיין פארשטעלונג איין נאמען, ווייל זיי אינטערעסירען מיך יעצט נאר איז זייער אלגעמיינקייט, אין זייער, אזוי צו זאגען, געזעלשאפטליכער גרופירונג, איז זייער האלטען זיך צוזאמען, אזוי ווי זיי וואלטען געווען (און זיי האבען דאך טאקע געוואלט זיין) איין מענש, איין איינהייט, איין אידעע, איין גרויסקייט — איין מיסיאן, איין בארוף, איין פיעל־קאלירטער פארב.

אז די יונגע זענען עס געווען אין אנפאנג פון זייער ליטערארישער טעטיגקייט אין דעם צווייפעל איך ניט. אויב ס'איז נאך ניט געווען קלאר אין וואס די מיסיאן זייערע באשטעהט, זייער בארוף, איז אבער געווען די אנדייטונג אויף דעם, די בענקשאפט און דראנג צו דעם.

איהר מעגט מיך באשולדיגען אין איבערטרייבונגען און נאאיווי־טעט, אדער אינ'ם פאראויסגעזעהענעם מעטאד פון וואס העכער אויפ־הייבען כדי דערנאך וואס נידעריגער ארונטערשליידערן. טראכט ווי איהר ווילט, אבער איך וועל אייך איבערראשען און זאגען, אז די יונגע זענען פאר מיר געווען מיט יאהרען צוריק ניט נאר א ליטערארישע גרופע. נאר א ליטערארישע סעקטע מיט א טיעפען רע־ליגיעזען הינטערגרונד...

איהר זאגט, אז איהר זענט ניט איבערראשט, איהר שאקעלט מיט'ן קאפ און זאגט: אז וואויל איז דעם וואס גלויבט: אבער איך ענטפער אייך צוריק מיט'ן זעלביגען שאקעל און זאג: אז וואויל איז דעם וואס גלויבט...

דאס רעליגיעז־סעקטאנטישע אין די יונגע האב איך באמערקט גלייך

„דזשואיש": און דא — יונגע לייט וואס ווילען אויף צולהכעיס ניט לערנען קיין ענגליש, ווילען פאר אלץ געפינען נאר ווערטער אין אידיש, ווילען רייניגען דאס לשון, פארשאטענען זיך אין ווינקלען, ציהען אויף זיך ארויף דעם מאנטעל פון רעזיגנאציע, קוקען מיט פאר'חלומ'טקייט צום גאט פון די הימלען און בעטען: ניט פארשלעפ אונז אין דער פרעסע, ניט צווינג אונז צו פארקויפען אונזערע פערזען, שטעל אונז ניט צו קיין נסיונות...

מעלאדראמאטיש, נאאיוו, אבער דאס האט געגעבען פארשפרעכונ־גען אויף רייפקייט, אויף קומענדיגען שוואונג און פארנעם, אויף א גע־לייטערטער באגייסטערענדער איינזאמקייט: ס'איז געווען דער וועג פון פאזיטיווען שאפען, פונ'ם קינסטלער: דער וועג וואס פיהרט צו פאר־טיעפונג פונ'ם אייגענעם און פרעמדען לעבען, צו ענטדעקונגען, צו פיעל־זייטיגקייט, צו ליעבשאפט און דערהויבענדען טרויער, ס'איז דער וועג פון לייטערונג, פון נייע און נייע פארמען, דער וועג וואס פיהרט צו איינ־הייט, צו גרויסקייט.

ווער האט געשטערט די יונגע זיי זאלען געהן אויף דעם דאזיגען פאזיטיווען וועג? קיינער ניט. אלע שאנסען זענען געווען פאר זיי זיי זאלען נאר אין דער ריכטונג זיך לאזען. ווארום ווער קען עס שטערען דעם אמת'ן קינסטלער? ווער קען איהם פארצאמען זיין וועג? קיינער קען איהם ניט פארפלאנטערן זיינע טריט אויסער ער אליין. ער דארף מיט קיינעם קיין קאמפף ניט פיה־רען, ניט מיט די, וואס זענען געווען בעפאר און ניט מיט די וואס קומען נאך איהם: קאמפף פיהרט ער נאר מיט זיך, און מעהר מיט קיינעם. ווער זאל זיין דער, פאר וועמען ער זאל מורא האבען, אויב זיין הארץ האט גלויבען אין־זיך, אויב זיין אויג זעהט זיין אייגענעם שיין און זיין אויער הערט זיין אייגענעם קלאנג?

פון אנפאנג האט זיך געדוכט, אז די יונגע לאזען זיך געהען טאקע אויף דעם פאזיטיווען וועג, א באוויז: זייערע ערשטע מיט אזוי פיעל ליעבע ארויסגעגעבענע זאמעל־ביכער. און ס'איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז זיי האבען געהאט אלע מעגליכקייטען צו אנטוויקלען גרויסע זשורנא־לען, ארויסרופען פילאסאפישע, פובליציסטישע קרעפטען, שטיל און בא־

זיי זענען צו יעדען אידישען וואָרט צוגעגאַנגען ווי צו אַ לעבעדיג וועזען ווי צו אַ געהיימניש, אויפגעציטערט פאַר יעדען אויפשיין זיינעם, יעדען אויפבליץ. און געזוכט אַלץ מעהר און מעהר אויפשיינען. אַלץ מעהר און מעהר לעבהאַפטיגקייט, וואַרהאַפטיגקייט. זיי האָבען געזעהן, אָדער געוואָלט זעהן, דאָס מאַכט ניט אויס. אין אידישען וואָרט דעם ריטם, די געהיימניספאָלקייט פון רעליגיעזיטעט.

דאָס איז געווען, ווי איך פיהל, דער הויפּט מאָטיוו פון זייער ערשטער דערנעהענטערונג איינע צו די צווייטע און זייער אַלגעמיינע דערווייטערונג פון אַרומיגען לעבען, טומעל, פּאַרטייען, פּרעסע; דאָס איז געווען זייער עקסטרעמע אָפּאָזיציע, זייער רעוואָלט געגען דער גאַנ־צער גלייכגילטיגקייט און פאַרביליגונג פון אידיש, וואָס האָט געהערשט, און הערשט נאָך איצט אויך, איז דעם לעבען פון די אידען; און דאָס האָט אַריינגעטראָגען אין זיי דאָס סעקטאַנטישע, דאָס האָט געהייסען:

מיר טהיילען זיך אָפּ פון אַלעמען, ניט נאָר פון די שרייבער, נאָר פון אַלעמען. מיר ווילען זיין אָפּגעזונדערט, אונזער אויער קען ניט פאַר־נעמען די פאַלשע קלאַנגען, די פאַרביליגטע ליטעראַטור. די ניט־געליעבטע און ניט־געאַכטעטע, מיר מאַכען אַ שאַרפען גרענעץ צווישען אונז און אַלע־מען, די גאַנצע אידישע ליטעראַטור האָט ניט געוואָלט זיך דערהויבען צו אַ גרויסקייט, צו אַן׳אמת פאַר זיך אַליין, צו אַ שעהנקייט פון דער גאַנ־צער וועלט — טאָ זאָל זי בלייבען ערגעץ אָפּגעטהיילט; — מיר ווילען אַ שעהנקייט פון דער גאַנצער וועלט דערזעהן אין אידישען וואָרט, דאָס מיסטעריעזע פון אונזער לעבען דערזעהן אין איהם, דעם אמת; מיר ווי־לען באַפרידיגען אונזער דורשט נאָך רעליגיעזיטעט, אונזער אויפגעוועק־טער לייערנשאַפט נאָך קונסט. מיר ווילען פאַר אונזער צושפּאַלטענקייט, פאַר אונזער פיעלגעשטאַלטיגקייט, אונרוה און פאַרצווייפלונג געפינען אַן׳איינהייט, אַ שעהנקייט נ אָ ר אין אידישען וואָרט...

האָט עס דען ניט געזאָלט אויסזעהן ווי אַ סעקטע?

אַרום און אַרום אַלעמען וואָס פרעסט זיך אַליין אויף, אַ פּרעסע וואָס האַנדעלט מיט זיך, אַ אידיש לשון וואָס קרימט זיך אַליין איבער, אַ פאָלק וואָס שרייבט בינטעל־בריעף, אַן׳אַרבייטער־קלאַס וואָס מאַכט אייביג „קלאָוקס“, קינדער וואָס רייסען די בערד ביי די טאַטעס, „באָיעס“ וואָס שטעהען אין די קאָרידאָרען און זינגען „סאָנגס“ און זידלען זיך אין

ראציעס, מיט פראגראם־מינימום און פראגראם־מאקסימום, כמעט ווי מיט קלאסען־באוואוסטזיין.

דער פרישער האפנונג־וועקענדער נאמען „יונגע" איז געווארען א שפרוד־ווארט, א טויטער ווערט.

*

איך וויל מען זאל מיך פארשטעהן: ס'איז ניט מיין עובדא יעצט אריינצולאזען זיך אין א פלפול וועגען דעם עצם נויטיגקייט פונ'ם קאמפף מיט די אלטע שריפטשטעלער אז און פאר זיך. עס קען זיין, אז ס'איז נויטיג געווען און עס קען זיין אז ניט. ס'איז ניט מיין דאגה יעצט, און אפילו ניט די גערעכטיגקייט פונ'ם קאמפף אינטערעסירט מיך יעצט; וואס מיך אינטערעסירען איז—די מיטלען פונ'ם קאמפף, און נאך מעהר: די געגענזייטיגע ווירקונג פון איהם אויף די יונגע זעלבסט, אויף וויפיל דאס האט אריינגעטראגען דעמאראליזירונג צווישען זיי, אפשוואכונג, ביי־ליגקייט, צושפאלטונג; אויף וויפיל דאס האט זיי אפגעקערט פון זיך אליין, פון זייער שאפען, געמאכט זיי מיעד, נערוועז און קרענקליך, פאר־פלאנטערט זייערע טריט, אפגעשוואכט זייער ווילען און אריינגעפיהרט זיי אין א לופט דערשטיקט צו ווערען, געבראכט זיי צו דער מדרגה פון א ל י ט ע ר א ט און זיי טהיילוויז אריינגעשלעפט אין דער מיט אזוי פיעל גאל פון זיי אלעמען פארשריענע פרעסע. און זיי האבען דאך אזוי ניט געוואלט זיין קיין ליטעראטען! ניט געוואלט און — געווארען.

א נערוועזיטעט האבען די יונגע ארויסגעצייגט פון אלעמאל אז. פון אנפאנג האט עס געקענט זיין א נערוועזיטעט פון ערווארטונג, פון האפ־נונג, פון אנקומענדע מעגליכקייטען; דערנאך ווען זיי זענען ארויס מיט זייער טומעל, מיט זייער שיסעריי און זענען אוועק אויפ'ן פלאכען וועג פון אנערקענונג, פון פאפולאריטעט — איז זייער נערוועזיטעט געווארען כמעט א קרענקליכע, א היסטערישע, א בייזע און אנ'אפשטויסענדע. און זייער גאנצער האלטען זיך איז פול געווארען מיט אזוי פיל ווידער־שפרוכען, אז ס'איז צו שטוינען:

פון איין זייט א טיעפע ליעבע צו אלץ וואס איז אויסגעדריקט אין אידיש, צו יעדען אידישען קלאנג, א גלויבען אין דער ענטוויקלונג און שעהיקייט פון אידיש; פון דער אנדער זייט — א בטול, אנ'אפלייקע־נונג, א מאך מיט'ן האנט אויף אלץ וואס איז געשאפען געווארען, אויס־

שיידען ארויפצוויניען זייער איינפלוס אויף דאס גאנצע אידישע לעבען אין אמעריקע.

נאר עס ווייזט אויס, אז די יונגע האבען נאך זייערע אמת'ע כחות ניט געהאט דערפיהלט און אנשטאט צו געהן זוכען זיך א י נ ע ר ל י ך איז אויף זיי אנגעפאלען אז א ו י ס ע ר ל י כ ע ר שרעק: רייזען עלינו! יהואש, אש און ראזענפעלד פארשטעלען אונז דעם וועג! פרץ און מענדעלי פארפאלגען אונז. קלאפט אין די פויקען, קאראאול! ציהט די שווערדען!

ווער האט אנגעווארפען אויף זיי דעם שרעק — ווייס איין גאט אין הימעל: נאר די שווערדען זענען געצויגען געווארען און די שלאכט געהט שוין אז זיבעט יאהרען.

אנשטאט צו זיין א פרידליך-גלויבענדע אין זיך סעקטע, האט זיך זיי פארוואלט מיט אמאל מלחמה. א י י נ נ ע מ ע ן די ליטעראטור-ב א ק ע מ פ פ ע ן אלץ וואס איז געווען בעפאר זיי. מאכט האט זיך זיי פארוואלט, דיקטאטור.

מאכט, דיקטאטור איז טאקע א גוטע זאך. מען ווערט א העלד, באַ-ריהמט, מען וועקט ליידענשאפטען, מען צינדט פייערען. מען האקט קעפ. אבער דער שווערד, וואס ווערט אויפגעהויבען, האט כמעט אלע מאל א צווייזייטיגען שארף. און פאראנען קוילען וואס מען שיסט ארויס, טרעפט אז זיי שפּרינגען אפּ אויף צוריק און טרעפען אין הארץ פונ'ם ארויסשי-סער. אנשטאט צו זיין אליין אין דער מדרגה פון אנ'עפּאכע, ווערט מען נאר ד ע ר א י ב ע ר ג א נ ג צו איהר, אנשטאט צו זיין אליין ד ע ר ג ע ק ו מ ע נ ע ר — ווערט מען נאר דער אנזאגער, די ב ר י ק, איבער וועמען עס וועלען טרעטען די פיס פון דעם וואס ד א ר ף ע ר ש ט ק ו מ ע ן...

אפּגעטאן האט זיך פון די יונגע זייער פיעלפארביגער קאליר, די רעליגיעזיטעט פון זייער בארוף, זייער איינהייט, זייער קינסטלערישער שוואונג. זיי זענען געווארען מיעד פון נוצלאזען, גארנישט בריינגענדיגען, אלע כחות אוועקנעמענדיגען קאמפף, זיי זענען געווארען נערוועז, היסטע-ריש, פארלארען אין זיך; זיי זענען געווארען ניט מעהר ווי א קלייזעל, ניט נאר איינע, אפילו קלייזלעך, מיט פּראקטישע ציעלען, מיט קאנספּי-

טענסיוויטעט, שארפער געדאַנק, איבערצייגענדער ווײסען און טיפער גלויבען אין זיך און אין אנדערע, עס מוז געטאָן ווערען ארבייט.

און וואס האבען מיר אויפגעטאָן אויף דעם געביעט? גאָר נישט, סקאַנדאַליען גאָר נישט. אין רייד צווישען זיך האבען מיר אַלין פארניכ־טעט, געמאַכט שארפע גרענעצען, אויסגעלאַכט מענדעלי'ן, בטל געמאכט פרץ'ן, געקריגט זיך מיט רייזין'ען (ניט חלילה מיט רייזין'יזם, נאָר מיט רייזין'ען אליין), געשאַפען טעאָריעס פאר זיך. טעאָריעס געוואגטע. אבער וואס איז פון די אלע רייד ארויסגעקומען, וואס איז געשאפען געוואָרען פון זיי? — פּאַמפּעלעטען, מאגערע, קנאַקענדיגע, געצעהלטע פּאמפלעטען.

עס האט זיך מיט רעכט געקענט באקומען דער איינדרוק, אז דער קאַמפּף געהט אַן נאָר פאר פלאַין, פאר מאַכט־האַלטונג, פאר באסיזם — און פאר אריינרייסען זיך אין דער פרעסע.

ניט אמת? און אפשר האט נאך ניט אויפגעלויכטען איבער אונז יענער טיפער גלויבען אין זיך אליין, און ווייל ער האט נאך ניט אויפ־געלויכטען, האט אונז אונזער אייגענער צווייפעל געפיהרט אפט צו פאר־צווייפלונג, צו ברוטאליטעט, צו ציניזם.

די לופט ארום אונז איז אזוי אפט אויסגעשעפּט געוואָרען, דאָס לעבען ארום אונז האט אונז אזוי אפט צוזאמענגעדריקט. צונויפגע־קנוילט אין איין פלאַנטער. אז מיר האבען אליין ניט געוואוסט וואס מיר ווילען, אויף וואס מיר האפען.

און אלס קינסטלער צו וואס זענען מיר דערגאנגען?

די פּאָעטען אונזערע זענען דערגאנגען צו ערשעפּונג, צו מיעדקייט, צו ווידערהאַלונג, און שיעור ניט צו אימיטירען זיך אליין.

ביי היינטיגען טאג געהען שוין אונז נאָך ווי שאָטענס פיעל ווער־טער, גראַמען, קלאַנגען, וואס זענען מיט עטליכע יאָהר צוריק ביי דעם ארויסטריט פון די יונגע, געווען אזוי ניי און פארכאפּענד, און ניט נאָר געהען זיי אונז נאָך, נאר זיי ליגען אויף אונז ווי וואגיקע שטיינער, רופען אין אונז ארויס ווידערווילען, עקעל.

גאנץ אנדערש אבער, נאָך מיין מיינונג, איז דאָס מיט אונזערע יונגע פּראָזא־שרייבער, זיי האבען זיך בעסער אויפגעהאַלטען און זיך אליין בעסער פארהיט, ניט דערגאנגען צו מיעדקייט ווי אונזערע פּאָעטען. איז עס ניט דערפאר וואס אין דעם גאנצען טומעלדיגען שטורם זענען זיי זיך

געלייטערט געווארען איז דער לעצטער עפּאָכע פון אידישער אויפלעבונג איז רוסלאַנד און אמעריקע. פון איין זייט — אנ'ערענסטער בענקען נאָך אייניגקייט. נאָך געמיינשאַפטליכקייט. נאָך אינערליכער ווארעמקייט און פרייקייט. דערהויבענקייט און באַשיידענקייט; פון דער אנדער זייט — צושפּאַלטונג. קאַלטקייט. פאַרביסענקייט. אפּלייקענונג פון אַלץ וואָס ווערט געשריבען פון דעם צווייטען. ארונטערפאַל און פּוסטע גאווה — ליטעראַטור, דאָס בין איך. — פון איין זייט א בענקען נאָך באַהעמישעס. פאַנטאַסטישעס. וואַגלענישען און ווידערשפּרוכען; פון דער אנדער זייט אַזא זאַטע צופרידענקייט מיט זיך. מיט די אייגענע אויפטוּונגען. א נחת'ן זיך מיט די אייגענע גראַמען. א באַריהמען זיך. א טוליען זיך צו דער אייגענער גרופּקע. א טעמפּע און פּוילע גלייכגילטיגקייט. פון איין זייט גאַנצע נעכט פון ריידעריי, פון פּלפּול. פון טויזענד און איין טעאָריען, אַל־ווייסען. אַל־קענען. אַל־פאַרשטעהן; פון דער אַנדערער — אבסאָלוטע אינפעהיגקייט די אַלע ריידערייען צו דערפיהרען צו א גאַנצקייט צו קלאַרקייט. צו א באוואוסטזיניגער פילאָסאָפישער אידעע. צו פּובליציסטישען שוואונג: אין דעבאַטען — בייז. אונבארימהערציג. פאַרניכטענד: איז שריפט — קיין איין אַלזייטיגע איבערשעצונג, קיין איין שוואונקפולע אפּשאַצונג. נאָר קליינע ניט באַדייטענדע. כמעט אינגעלשע, פאַרמעסטונגען. פעליטאָן־מעסיג. פאַרריסען. פאַמפּלעטיש, פּראָקלאַמאַציאָניש. נאָר א טומעל צו מאַכען. א טומעל אין דער פּוסטקייט. א שיסעריי מיט שראָט דורך גרויסע קאַנאָנען, אָהן ליעבשאַפט און אָהן איבערצייגונג.

דאָס לעצטע איז ניט צו פאַרצייען.

צי דאַרף מען אין אַלגעמיין האָבען קריטיק, דאָס איז אַנ'אַנדער פראַגע. א גאַנצער דור שרייבער קען זיך אפּלעבען זיין לעבען און ניט ארויסרופען פון זיך קיין איין קריטיקער אבער ווען דער דור שרייבער פיהרט אנ'אָפענעם קאַמפּף מיט אַלע וואָס זענען געווען ביז איהם, מיט אַלע פריהעריגע ריכטונגען און אנשויאונגען. דאַן איז די ערשטע זאַך אין וואָס ער מוז ארויסצייגען זיין קראַפט. זיין אָריגינאַליטעט, איז — אַלזייטיגע. טיעף־באַגרינדעטע מוטהיגע קריטיק. עס קענען ניט זיין קיינע תרוצים און קיינע אפּווענדונגען. עס מוז ארויסגעוויזען ווערען אינ־

באָרים אַניספעלד :

1) לייענענדיג פּאָו.
2) ביבעל־מאָטיוועז

ל. שאפּיראָ :

ווייסע חלה.

געשטאַנען כמעט פון ווייטען. זיך נאָר מיט נייגעריגקייט צוגעקוקט, דער־ווײַלע זיך געטאָן זייער ארבייט און די גאַנצע קריעג־פיהרונג איבער־געלאָזט צו די פּאַעטען?

*

איך בין דער לעצטער צו ארונטערשלאָגען פליגלען, אָפּנעמען האָפ־נונגען, צו שטעלען זיך אין דער ראָלע פון א מוכיח. איך וויל קיינעם ניט באשולדיגען. סוף כל סוף איז ניטאָ איבערהויפּט וועמען צו באשולדיגען. נאָר ס׳איז דאָ מינוטען ווען דו קענסט זיך ניט העלפען. שטיקענדיג זיך אין א הויז וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט רויך, מוזטו שרייען, און דערנאָך, אַז דו קומסט צו זיך, פאַרשעמסטו זיך. כמעט פון דיין אייגענעם שרעק. און ניט אזוי פון׳ם שרעק, ווי פון׳ם קול דיינעם.

דער געשריי איז אבער ארויסגעשריגען געוואָרען און — פאַרפאַלען. און געריסען האָט ער זיך לאַנג שוין. נאָר ס׳איז עפּעס געוועזן א געפיהל אַז מען דאַרף נאָך ניט. מען דאַרף ניט קוקען אזוי שאַרף דעם אמת אין די אויגען.

ווען איך וואָלט ניט געגלויבט אזוי טיעף אין די כחות פון די יונגע און ווען איך וואָלט אין זיי ניט געזעהן דעם איינציגען אָנשפּאַר, די איינציגע האָפנונג פון אידישער אויפלעבונג, וואָלט איך דאָך אזוי ניט גערעדט ווענען זיי. איך גלויב אבער יאָ אין זיי און איך גלויב, אַז אויב זיי האָבען ביז איצט דורכגעמאַכט ערשט די עפּאָכע פון איבערגאַנג, פון ראַנגלען זיך — געהען זיי שיין פון דעם איבערגאַנג אוועק, געהען אוועק אום צו ברייננען זיך פון דאָס ניי, קומען צוריק, און זיין די ג ע־ק ו מ ע נ ע.



באָרים אַניספעלד:
ליִיענענדיג פּאָו.



באָרים אַניספעלד.

ליוענענדיג פּאָו.

באַרים אניספעלד :
רבקה אויף די קעמלען.

באָרים אגיספעלד :
רבקה ביים קוואל.

א.

אמאָל האָט אַ שכן מיט אַ שווערען שטיין איבערגעבראָכען ביי אַ גאַסענהונט אַ פוס, און אַז וואַסיאַ האָט דערזעהען דעם שאַרפען שפּיץ פון ביין, וואָס האָט זיך דורכגעשניטען דורך די פעל, האָט ער געוויינט. און געוויינט האָט ער אַזוי: עס האָט ביי איהם געראָנען פון די אויגען, פון מויל, פון דער נאָז, דער ווייסער פלאַקסענער קאָפּ אויפ׳ן קורצען האַלז איז אַריין נאָך טיעפער צווישען די אַקסלען, דאָס גאַנצע פּנים איז געוואָרען אויסגעקרימט און איינגעשרומפּען, און קיין קול האָט מען פון איהם ניט געהערט. — ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר זיבען.

שפּעטער האָט ער שוין ניט געוויינט. אַלע אין הויז האָבען געטרונקען, זיך געשלאָגען מיט די שכנים, געשלאָגען איינער דעם צווייטען, די ווייבער, דאָס פערד, די קוה, און מאַנכמאָל, אין גאַנץ גרויסען כעס, געשלאָגען זיך אַליין — מיט די קעפּ אָן וואַנט. מ׳האָט געהאַט אַ קליין שטיקעל פעלד פאַר אַ גרויסע פאַמיליע, געהאָרעוועט שווער און אומגעלומפּערט, און געוואוינט אַלע אין איין חאַטע — מענער, פרויען און קינדער געשלאָפען צוזאַמען אויף דער ערד. דאָס דאָרף איז געווען אַ קליינס און אַן אָרעמס און ווייטליך פון אַ שטעדטעל, און דאָס שטעדטעל, וואוהין מ׳פלעגט אַמאָל פאָהרען אויפ׳ן יאַריד, האָט אויסגעזעהען גרויס און רייך אין וואַסיאַ׳ס אויגען.

אין שטעדטעל זענען געווען „אידען" — אַזעלכע מענשען וואָס טראָגען מאָדנע מלבושים, זיצען אין קראָמען, עסען ווייסע חלה, און האָבען באַרקויפט קריסטוס׳ן. דער לעצטער פונקט איז געווען אַביסעל ניט קלאָר: ווער איז דער דאָזיגער קריסטוס, און צו וואָס האָבען זיי איהם פאַרקויפט, און ווער און צו וואָס האָט איהם געקויפט, און וויפיעל האָבען זיי פאַר איהם גענומען — די גאַנצע זאַך איז געווען ווי אין אַ נעבעל. ווייסע חלה, ווידער, האָט ער אַליין אַ פּאָר מאָל געזעהען, מיט די אייגענע אויי־

בארים אַניספעלד. שולמית.

קען דערשראָקען אָדער ברוגז. קייז באַזונדער נייעס איז, דאַכט זיך, ניט געשעהען, ניט מעהר, דאָס שלאָגען זיך איז געוואָרען דער תוך פון לעבען: געשלאָגען האָבען זיך אַלע, און געשלאָגען האָט מען זיך ניט אַזוי זיך, נאָר אויף בלוט און טויט — מ'האָט געשאָסען, געהאַקט מענ־שען אויף שטיקלעך, געשטאָכען, אַפּילו געביסען מיט די צייהנער צייטענ־ווייז. ער אַליין האָט אויך געשלאָגען, און וואָס ווייטער פאַרביסענער, און וואָס ווייטער מיט מעהר הנאה. דאָס עסען איז איצט געקומען ניט רעגעל־מעסיג, געשלאָפען האָט מען ווייניג, געגאַנגען און געשלאָגען זיך אַ סך — און דאָס אַלעס האָט איהם שטאַרק צעטרייסעלט. אַלע מאָל האָט זיך איהם עפּעס געוואָלט, אַלע מאָל האָט ער עפּעס געפיהלט, און אַז איהם האָט שטאַרק צוגעשפּאַרט, האָט ער געברילט ווי אַ גערייצטער הונד, ווייל זאָגען וואָס ער וויל האָט ער ניט געקאָנט.

דאָס לאַנד אַרום איז געוואָרען אַלץ העכער און העכער, קייטען ריעזיגע בערג האָבען עס געשניטען אין אַלע זייטען, און דער ווינטער האָט געהערשט איבער זיי ביטער און פאַרביסען. מ'איז געקראָכען ביז די קניע דורך טאָלען פול מיט טרוקענעם, קערנדיגען שניי, און אייז־קאַלטע ווינטען זיינען ווי ריב־אייזענס געגאַנגען איבער'ן פּנים אין די הענט, נאָר די אָפיציערען זענען געווען מונטער און אַביסעל גוטמוטי־גער ווי שטענדיג און האָבען גערעדט וועגען נצחונות; און עסען, הגם ניט אַלעמאָל אין דער צייט, האָט מען געגעבען גענוג. ביי די נעכט האָט מען מאַנכמאָל ערלויבט פאַנאַנדערצולעגען פייערען אויפ'ן שניי, און דאַן זענען מאַנסטער־שאָטענס רוישלאָז אַרומגעלאָפען צווישען די בערג, און סאָלדאַטען האָבען געזונגען לידער, און וואָסיל האָט אויך געוואָלט זינגען — און האָט געברילט. געשלאָפען איז מען ווי גע'הרג'עטע, אָהן שרעק און חלומות, און מיט'ן טאָג האָבען די בערג ווידער און ווידער געענטפערט פון ערגעץ אויפ'ן דונער פון די קאַנאָנען, און מענשען האָ־בען ווידער געקלעטערט אַרויף און אַרויף.

ג.

אַ קוריער אויף אַ פערד איז ווי אַ ווילדער דורכגעפלויגען דעם לאַגער: אַן אָפּטיילונג קאַוואַלעריע, וואָס איז געווען אַוועק פאָרויס, איז

גען, נאָכמעהר — ער האָט אַמאָל אוועקגעגנב'עט אַ שטיקעל און אויפֿגעגעסען, און דערנאָך געשטאַנען אַ צייט און זיך צוגעהערט צו זיך אַליין, מיט אַן אויסדרוק פון ערוואַרטונג און צווייפעל אויף זיין פּנים. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר דער רעספּעקט פאַר דער ווייסער חלה איז אין איהם פאַרבליבען.

איהם האָט געפּעהלט אַ האַלבער ווערשאָק צו דער הויך, פונדעסטוועגען האָט מען איהם צוגענומען, פאַר זיינע ברייטע, אביסעל געהויקערטע אַקסלען און קורצע דיקע האַלז, וואָס האָבען זיך געפּאַסט צו זיין פאַמיליען־נאָמען — ביק. דאָ האָט מען ווידער געשלאָגען — דער סטאַרשי, דער פעלדפעבעל, די אָפיציערען, די סאָלדאַטען צווישען זיך — אַלע. ערלערנען די „סלוזשבע" איז געוועזען אונמעגליך: ער האָט ניט פאַרשטאַנען און ניט געדענקט. קיין גרויסער בעל־דברן איז ער אויך ניט געוועזען, און פלעגט עס איהם שטאַרק צושפּאַרען עפּעס צו זאָגען, האָט ער ערשט ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין קלאַנג, נאָר זיין פּנים פלעגט ווערען זעהר אָנגעשטרענגט און דער נידריגער שטערן געקניימשט. ניט מעהר, קאַשע און באָרשטש האָט מען דאָ געגעבען גענוג. געוועזען דאָ אויך עטליכע אידען, פון די דאָזיגע, וואָס האָבען פאַרקויפט קריסטוס'ן, נאָר אין די זעלנערשע קליידער און אָהן דער ווייסער חלה האָבען זיי אויסגעזעהען כמעט ווי אַלע מענשען.

ב.

מ'איז געפאָהרען אויף באַהנען, געגאַנגען צו־פוס, ווידער געפאָהרען און ווידער געגאַנגען, געשטאַנען אויף לאַגער אין פעלד אָדער געווען איינקוואַרטירט אין עפּעס פרעמדע הייזער — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ביי וואַסיל'ן אין קאָפּ האָט זיך אַלעס איבערגעמישט. ער האָט שוין ניט געדענקט ווען דאָס אַלעס האָט זיך אָנגעהויבען, וואו ער איז געוועזען און ווער ער איז געוועזען איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען, אַזוי ווי ער וואָלט אַלעמאָל געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט צווישען צעהן־ און הונדערט־טויזענדער סאָלדאַטען, אין פרעמדע ערטער מיט מאָדנע מענשען וואָס רעדען אַזוי. אַז ס'איז ניט צו פאַרשטעהן און קור־

אראָפּשיטען צוריק פון די בערג אזוי ווי שטיינער: וואָס ווייטער אליץ האסטיגער, אליץ ווייניגער אין אָרדנונג, ביז לסוף איז מען געלאָפען, — געלאָפען אָהן אָפּשטעל, אָהן אויפהער, טאָג און נאכט נאָכאַנאַנד. וואסיל האָט קיין פּלעצער ניט דערקענט און יעדער אָרט איז פאר איהם געווען ניי, און אז מ'געהט „צוריק" האָט ער בלויז געהערט און גע־שפּירט. די בערג־קייט צוזאמען מיט'ן ווינטער איז שוין לאנג געבליבען הינטען, און ארום און ארום איז געווען א ברייטער ענדלאָזער פּליין און פריהלינג אין פולען גאנג. נאָר די ארמעע איז אליץ געלאָפען און געלאָ־פען. די אָפיציערען זענען געוואָרען ווילד, און האָבען געשלאָגען די סאָלדאטען אָהן אורזאך און אָהן רחמנות. עטליכע מאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף א קורצע צייט — די קאַנאָנען האָבען געשריען, א פייערינגער רעגען האָט געשמיסען די ערד, און מענשען זענען געפאלען ווי פליעגען — דערנאָך איז מען ווייטער געלאָפען.

ד.

עמיצער האָט געזאָגט, אז אין אלעם זענען שולדיג די זשידעס. ווי־דער די אידען! קריסטוס'ן האָבען זיי פארקויפט, און ווייסע חלה עסען זיי, און דערצו זענען זיי נאך שולדיג אין אלעם. אין וואָס — „אין אלעם?" וואסיל האָט געקנייטשט דעם שטערן און געפיהלט כעס אויף די אידען און נאך אויף עמיצען. עס האָבען זיך באוויזען עפּעס בלעט־לער, געדרוקטע בלעטלער אזעלכע, וואָס עמיצער האָט געטיילט צווישען די סאָלדאטען, און ווען מ'איז געשטאַנען אין די ביוואַקען האָבען זיך געקליבען רעדלעך ארום די וואָס האָבען געקאָנט לעזען. מ'איז געשטאַ־נען, געהאָרכט און געשוויגען, — געשוויגען עפּעס מאָדנע, ניט ווי מענ־שען שווייגען. וואסיל'ן האָט אויך עמיצער געגעבען א בלעטעל, ער האָט עס באקוקט, באטאפּט, אריינגעלעגט אין בוזעם און געגאנגען הערען וואָס מ'לעזט. ער האָט ניט פארשטאַנען א וואָרט, אויסערדעם אז ס'איז ווע־גען די זשידעס. וויבאלד אזוי, מוזען דאך די אידען וויסען, האָט ער זיך געווענדט צו נחום ראטשיק'ן:

— נאַ, טשיטאַי.

פלוצים אַנגעלאָפען צוריק און זיך פאַרנומען אַן אַ זייט; צוויי באַטאַרעען זענען איבערגערוקט געוואָרען פון לינקס אויף רעכטס. די אַרומיגע בערג האָבען זיך אויפגעשפּאָלטען ווי פריש־געעפענטע וואולקאַנען, און אַ מבול פון פייער, בליי און אייזען איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט.

דאָס האָט געדויערט לאַנג. פּיאָטר קודלאָ איז צעריסען געוואָרען אויף שטיקער, דער שענער קריווענקאָ, דער „זאָפּיעוואָלאָ“ פון דער ראָטע, איז געלעגען מיט'ן פּנים אַראָפּ אין אַ קאַליזשע בלוט, דער פּאָרוטשיק סאָמאָוו, דער וואָס מיט'ן ווייבערשען פּנימ'ל, האָט פאַרלוירען אַ פוס, און ביים ריעז ניימאַן, דעם שטרוי־האָריגען עסט, האָט עס אַראָפּגעריסען דאָס גאַנצע געזיכט. גע'הרג'עט געוואָרען דער געשטורפעלטער גאַוורילאָוו, גע'הרג'עט געוואָרען פון איין גראַנאַטע ביידע ברידער בולגאַטש, גע'הרג'עט געוואָרען חיים אָסטראָווסקי, יאַן זאַטיקאָ, סטאַשעק פּיעפּרזש און דער קליינער לעט וואָס וואָסיל האָט זיין נאָמען ניט געקאָנט אַרויסרעדען. דערנאָך האָט עס גענומען שניידען גאַנצע צייַלענווייז. עס איז געוואָרען אונמעגליך צו האַלטען זיך ווייטער, און דאַן איז אויפגעשפּרונגען נחום ראַטשיק, אַ לאַנגער מאָגערער יונגערמאַן וואָס האָט שטענדיג געשוויגען, און האָט אָהן קאָמאַנדע זיך אַ וואָרף געטאָן פאָרויס. דאָס האָט אויפגעטרייסעלט די צעדולטע סאָלדאַטען מיט אַמאָל. דאָס געבראָכענע, געצייהנטע בערגעל לינקס־צו, וואָס זיינע באַטאַרעען האָבען אַנגעפיהרט דעם כאָר פון שונא'ס אַרטילעריע, איז גענומען געוואָרען כמעט מיט די הוילע הענט, און זיינע פאַרטיידיגער האָט מען אויסגעוואָרגען ווי די קעץ. נאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז פון דער גאַנצער ראָטע זענען פאַרבליבען בלויז וואָסיל און נחום ראַטשיק. ראַטשיק איז נאָכדעם לאַנג געלעגען אויף דער ערד און געבראָכען מיט דער גרינער גאַל, און נעבען איהם האָט זיך געוואַלגערט זיין ביקס מיט'ן „פּריקלאַד“ פאַרשמירט אין בלוט און מאַרך. ער איז ניט געוועזן פאַרוואונדעט, און אַז וואָסיל האָט איהם געפרעגט וואָס איהם איז, האָט ער ניט געענטפערט.

אַז די נאַכט איז געקומען האָט מען פאַרלאָזען די גענומענע פּאָזיציע און זיך געצויגען צוריק. ווי אַזוי און פאַרוואָס דאָס איז געשעהען האָט וואָסיל ניט געוואוסט, נאָר פון דאַן אַן האָט די אַרמעע זיך גענומען

און געשאָסען, מעכאַניש און אומגעאײַלט. וואַסיל האָט איהם ניט גע־קאָנט סובל זײַן, און צײַטענווייז האָט זיך איהם געוואָלט א שטאָך טאָן איהם פון הינטען מיט'ן באַיאָנעט. איינמאָל, ווען די שיסערײַ איז גע־ווען באַזונדערס פאַרביסען, האָט וואַסיל זיך פּלוצים דערפיהלט מאָד־נע אומרוהיג. אויף איין אויגענבליק האָט ער זיך אומגעקוקט אויף ראַטשיק'ן און דערזעהען, אַז יענער ליעגט אין דערזעלבער פּאָזע וואָס פריהער, אויפ'ן בויך, און מיט דער ביקס אין האַנט, נאָר מיט א לאָך אין שטערן. עפּעס האָט זיך אין וואַסיל'ן איבערגעריסען מיט א קנאַק. מיט בלינדען כעס האָט ער א שטויס געטאָן דעם טויטען גוף מיט א פוס און איהם אָפּגעוואָרפען פון זיך אָן א זײַט. דערנאָך האָט ער גענומען שיקען קוילען אריבער דער ברוסטווער איינע נאָך דער צווייטער, אָהן אכט און אָהן טאַלק, און דערבײַ ארויסגעשטעלט דעם קאָפּ אונטער'ן גערדיכטען בלײַערנעם האָגעל וואָס האָט געקלאַפּט ארום איהם.

יענע נאַכט האָט ער לאַנג ניט געקאָנט שלאָפען. ער האָט זיך גע־וואָרפען פון איין זײַט אויף די צווייטע און געפּלוכט אין דער שטיל. איינמאָל איז ער אויפגעשפּרונגען אין כעס און זיך געלאָזען ערגעץ לוי־פען, נאָר אין וועג זיך דערמאָנט אַז ראַטשיק איז טויט, און מיט פאַר־דרוס און שאַרפער חרטה זיך אראָפּגעלאָזען צוריק אויף זײַן געלעגער. זשידעס — פאַררעטער — קריסטוס'ן פאַרקויפט — פאַרהאַנדעלט פאַר א גאַרנישט!

און שוין אין שלאָף האָט ער געקריצט מיט די צייהנער און גע־ריסען פון זיך דאָס פלייש.

ה.

פאַרטאָג האָט וואַסיל פּלוצים זיך אויפגעזעצט אויף זײַן האַרטען געלעגער אונטער'ן פרייען הימעל. א קאַלטער שווייס האָט באַשלאָגען זײַן גאַנצען קערפּער, די צייהן האָבען געקלאַפּט א צייל אָן א צייל, און די אויגען, קײַלעכיג און אויפגעריסען, האָבען גיעריג געשטאַכען דעם בלינדען חשך. ווער איז דאָ געווען? ווער איז דאָ געווען?

ס'איז געווען שטאָק־פינסטער און מורא'דיג שטיל, נאָר ער האָט

ראַטשיק האָט אַ קוק געטאָן אין בלעטעל, געוואָרפן אַ צווייטן און מאָדנעם בליק אויף וואַסיל'ן און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט גע־וואָלט אוועקוואַרפן דאָס פּאַפּיערעל.

— ווואָרף ניט — ניט דיינס! — איז וואַסיל געוואָרן אויפגע־

רעגט. ער האָט עס באַהאַלטן אין בוזעם און אַרומגעגאַנגען אַ גע־שפּאַנטער. דערנאָך איז ער ווידער צוגעשטאַנען צו ראַטשיק'ן:

— וואָס שטעהט דאָ געשריעבען? ס'איז דאָך וועגען דיר!
דאָ איז נחום אויך געוואָרן אין כעס.

— נו, יאָ, וועגען מיר, אַז איך בין אַ פאַררעטער, פאַרשטעהסט? אַז איך האָב פאַרראַטען, — נו, אַז איך בין אַ שפּיאָן, אָט ווי יענער דייטש וואָס מ'האָט איהם געפּאַקט מיט פּאַפּיערלעך און דערשאָסען, פאַרשטעהסט?

וואַסיל האָט זיך דערשראָקען, און דער שטערן האָט גענומען ביי איהם שוויצען. ער איז אַוועק פון נחום'ן אַ צעטומעלטער, געטאַפּט דאָס בלעטעל און זיך געפּיהלט פאַסקודנע. אָט דער נחום מוז זיין אַ שלעכטער מענש — אזא כעס אַרויסגעוויזען, און דערצו איז ער אַ שפּיאָן, אַליין געזאָגט. נאָר עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיג — אזוי ניט קלאָר און ניט גלאַטיג, אַז דער קאָפּ קנאַקט. טפו זאָל עס ווערען!

נאָך אַ לאַנגען לויפען איז מען ערגעץ געבליבען שטעהן. דעם שונא האָט מען שוין עטליכע טעג ניט געזעהען, קיין שיסעריי האָט מען ניט געהערט, מ'האָט נאָר געגראָבען טראַנשעען און זיך געגרייט צו עפּעס. אין אַ וואָך אַרום האָט זיך עס ווידער אָנגעהויבען. עס האָט זיך אַרויס־געצייגט, אַז דער שונא איז ערגעץ גאָר נאָהנט; ער זיצט אויך הינטער טראַנשעען וואָס מיט יעדען טאָג רוקען זיי זיך אָן נעהנטער און נעהנ־טער, אזוי אַז צייטענווייז זעהט מען קעפּ אַרויסשטעקען איבער דער ברוסטוועהר. מ'האָט ווייניג געגעסען, נאָך ווייניגער געשלאָפען, און גע־שאָסען ערגעץ אַהין פון וואַנען קוילען זענען געקומען צוריק און גע־קלאַפּט אין ערדענעם אָנשיט, געזשומעט איבער די קעפּ און מאַנכמאָל זיך איינגעגראָבען אין מענשליכע גופים. האַרט נעבען וואַסיל'ן, ביי זיין לינקער זייט, איז אַלעמאָל געליעגען נחום ראַטשיק. ער האָט קיינ־מאָל ניט גערעדט קיין וואָרט, נאָר געלאָדען די ביקס און געשאָסען

האָט, און גערענקט. דער פּאַרטייִלער, א מאָגער מענשעל מיט א זאמד־קאָלירענער באָרד, האָט צוגעמאכט איינס פון זיינע קליינע אייגלעך און מיט׳ן צווייטען אָנגעקוקט א ווייִלע דעם נידריגען, ברייטבייניגען סאָל־דאט מיט׳ן קורצען דיקען האלז און די האלב ארויסגעקראכענע גרויע און וואסערדיגע אויגען — דערנאָך האָט ער איהם פריינדליך אָנגעקלאפּט אין פּלייצע און איז אוועק מיט א מאָרנעס שמייכעל אויף די ליפּען.

די אידישע סאָלדאטען זענען ערגעץ פארשוואונדען: מ׳האָט זיי אונבאמערקט געזאמעלט און אוועקגעשיקט פון דאנען, קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין. דערפון האָבען זיך אלע דערפיהלט פרייער און היי־מישער, און כאָטש די פעלקער זענען געווען פארשידען, איז די דעה געווען איינע. דער פרעמדער, דער פרעמדער איז אוועק! דערנאָך האָט עמיצער ארויסגעלאָזען א וואָרט: „די אידישע מלוכה״

ו.

דאָס איז געווען דער לעצטער שטאנד, און ווען דער איז גע־בראכען געוואָרען, האָט מען זיך מעהר אין ערגעץ ניט אָפּגעשטעלט. מ׳איז געלאָפען ווי חיות אין א שרפה אין סטעפּ — געמישטע מינים, איינציגווייז אָדער גרופּענווייז, אָהן קאָמאנדירען און אָהן א סדר, נאָר אין טויטשרעק זיך געוואָרפען אין יעדען דורכגאנג וואָס דער שונא האָט געלאָזען פריי. ניט אלע האָבען געהאט געוועהר, און אויף קיינעם זענען די קליידער ניט געווען גאנץ, און די וועש איז געזעסען ווי א הויט אויף די ניט געוואשענע לייבער, און די זומעריגע זון האָט געבאקען מיט רציחה, און עסען האָט מען געגעסען ווען מ׳האָט געפונען וואָס צו רוי־בען. אין די שטעדט האָט מען שוין געהערט דאָס היימישע לשון, און ארום האָבען זיך געשפּרייט די היימישע פעלדער, נאָר געווען זענען זיי ניט צו דערקענען, ווייל דאָס פאראיאָהריגע ברוי טהאָט געפוילט איינגע־טראָטען אין דער ערד, און דאָס לאנד איז געלעגען טרוקען און גרוי און צעלעכערט, ווי דער פּגר פון א פארצוקטען אָקס, אין וועלכען וועלף האָבען זיך געגראבען און דאָס אינגעווייד ארויסגעפרעסען.

און בעת די חיילות אונטען האָבען געפוייזעט איבער דער ערד ווי

נאָך געהערט דעם שאַרך פון די ריעזיגע פליגעל און געשפּירט די קעלט פונ׳ם שווארצען מאַנטעל, וואָס האָט מיט׳ן זוים זיין פּנים באַריהרט. עמיצער איז ווי א פּראַסט אריבער איבער׳ן לאַגער, און דער לאַגער איז געבליבען שטום און פאַרגליווערט, אַן אָפענער קבר פון טויזענדער פּגרים, געטראָפען אין שלאָף, און געטראָפען אין האַרצען. ווער איז דאָ געווען? ווער איז דאָ געווען? —

ביי טאָג האָט מען גע׳הרג׳עט דעם פּאָרוטשיק מוראַטאָוו פון פּער־טען באַטאַליאָן, יעניסייער פּאָלק. דאָס איז געווען א מענש מיט א פּנים פון פּאַרמעט, א בעסן און א שלעכטער, און די קויל וואָס האָט דורכגע־בראָכען זיין נאָז־ביין צווישען די אויגען איז געקומען פון זיין אייגע־נעם באַטאַליאָן. אז מ׳האָט געפרעגט „ווער?" האָט דער באַטאַליאָן ניט געענטפערט, אז מ׳האָט געסטראַשעט צו באַשטראָפען אַלעמען האָט מען ניט געענטפערט, אז מ׳האָט געהייסען אוועקגעבען דאָס געוועהר האָט מען ניט געענטפערט. מ׳האָט אויסגעשטעלט געגען דעם באַטאַליאָן די איבריגע טיילען פון פּאָלק, נאָר אויף די קאָמאַנדע „פּלי!" האָט דער גאַנצער פּאָלק ווי איין מענש אראָפּגעלאָזען די ביקסען צו די פיס. דאַן האָט מען געבראַכט אַן אנדער פּאָלק, און נאָך א שיסעריי פון צעהן מינו־טען איז פון צעבונטעוועטען באַטאַליאָן קיינער ניט געבליבען.

אויף מאָרגען האָט מען צוויי אָפיציערען צעהאַקט אין שטיקער, און אין דריי טאָג ארום האָבען זיך צוויי קאַוואַלעריסטען צעשלאָגען, און אינגיכען האָט זיך א גאַנצער פּאָלק צעשפּאָלטען אויף צוויי צדדים און געשניטען איינער דעם צווייטען, ביז פון זיי אַלעמען איז געבליבען א קליין הייפעל מענשען אויף די פיס.

דאַן האָבען זיך אין דער אַרמעע באַוויזען עפּעס מענשלעך אין ציי־ווילע קליידער, און ווידע׳ האָט מען גענומען טיילען בלעטלעך, און די אָפיציערען האָבען אונטערגעהאַלטען, און אָהן לאַנגע דרשות, נאָר ווי גע־הובעלט פלעקער און געהאַקט אין די קעפּ: זשידעס — פאַררעטער — שולדיג אין אַלעם.

ווידער האָט עמיץ וואַסיל׳ן געגעבען א בלעטעל, נאָר דאָס מאָל האָט ער ניט גענומען. ער האָט ארויסגעשלעפּט פון בוזעם, מיט ליעב־שאַפט און דרך ארץ, ווי א קמיע, א שטיקעל פּאַפּיער, צעקנייטשט, אָנ־געריסען, פאַרשמאַלצען, און פאַרפלעקט מיט בלוט — און געוויזען: ער

געשרייען, ווי בייזע, גיפטיגע גאַזען, זיך געהויבען פון וואַלד און זיך געשפּרייט איבער דער אומגעגענד. די ביסטרע, אָבער שמאָלע סיניע־וואָדקע איז אַביסעל נידריגער פון ליוצין אײַנגאַנצען פאַרשטאָפּט געוואָרען פון מענשליכע גופים און האָט פאַרפליצט די פלאַכע פעלדער. אויף די חורבות פון דאַבראַ־סלאָוואַ איז געזעסען א משוגענער, דער איינציגער וואָס איז געבליבען פון דער שטאָדט, און געבילט ווי א הונט.

די חיילות זענען געוואַקסען. דער פויער האָט פאַרלאָזען דאָס דאָרף, דער בירגער האָט אוועקגעוואָרפען די שטאָדט, גלחים מיט איקאָנעס און צלמים אין די הענט האָבען געפיהרט פּראָצעסיעס איבער די דערפער און פרום און באגייסטערט געבענשט דאָס פאָלק, און „די אידישע מלוכה“ איז געוועזען דאָס וואָרט. די אידען אליין האָבען איינגעזעהען אז זייער לעצטע שטונד האָט געשלאָגען — די סאַמע לעצטע, און ווער עס איז געבליבען לעבען איז געלאָפען שטאַרבען צווישען אידען, אין דער גרויסער שטאָדט מאַליאַסי, דעם גרעסטען און עלטסטען אידישען צענטער אין לאַנד, א מקום־תורה פון פערצעהנטען יאהרהונדערט אָן, א שטאָדט מיט אַלטע שולען און גרויסע ישיבות, מיט רבנים און געלעהרטע פון היינטיגער צייט, מיט יחוס פון לומדישען און סוחרישען שטאַנד. דאָ האָט מען געפאַסט תעניתים בצבור, זיך מתודה געוועזן אויף הטאים, געבעטען מחילה פון שונאים און גוטע פריינד. עלטערע מענשען האָבען געזאָגט תהלים און סליחות און מעבר־יבוק, יונגערע האָבען געברענט תבואות און קליידער, געהאַקט מעבעל און אלערליי חפצים, געבראָכען פאַרניכטעט זאַכען וואָס האָבען געקאָנט ברענגען נוצען דער אנקומענדער ארמעע. און זי איז געקומען. געקומען פון אלע זייטען, פון אלע זייטען אַנגעצונדען די שטאָדט און זיך אריינגעגאָסען אין די גאַסען. יונגעלייט האָבען געפּרובט זיך שטעלען אנטקעגען און זענען ארויס מיט רעוואָלווערען אין די הענט. די רעוואָלווערען האָבען געפּישטשעט ווי קינדערשע ראָדביקסלעך, די סאָלדאַטען האָבען געענטפערט מיט א דונער פון געלעכטער, און האָבען פון די יונגעלייט געצויגען די אָדערען איינציגווייז און געבראָכען זייערע ביינער אויף קליינע טיילען. דערנאָך האָט מען זיך געלאָזען איבער די הייזער, די מענער גע־הרג׳עט וואו מ׳האָט זיי געטראָפען און די ווייבער ארויסגעשלעפּט אין מאַרק.

נעסטען גרויע ווערים, האָבען שארעס שווארצע ראָבען געשוועבט אי־בער זייערע קעפּ, און געקראקעט טרוקען און דראָבנע, ווי מ׳רייסט צע־פּוילטע לייווענד, און געדרעהט זיך אין פארפּלאָנטערטע קרייזען, און געווארט אויף דאָס זייעריגע — און געווארט אויף דאָס זייעריגע.

צווישען קאַלאָוו און זשאדיצא האָבען די פארהונגערטע און צע־רייצטע לעגיאָנען אָנגעיאגט גרויסע מחנות אידען וואָס מ׳האָט ארויס־געיאגט פון די גרעניץ־שטעדט, מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט קראנקע און געפּעק. עמיצער האָט געזאָגט: „בעי!“ — קורץ און פאר־דומפּפּען, ווי דער ווייטער ב־בוך פון א הארמאט. וואָסיל האָט זיך תחלת צוריקגעהאלטען, נאָר די קוויטשיגע געשרייען פון די ווייבער און קינדער און דער העסליכער שרעק פון די מענער מיט די לאנגע פּאות און צעפּאָכטע קאָפּאָטעס האָבען איהם אזוי צערייצט, אז ער האָט זיך אריינגעשניטען אין די מחנה ווי א צעווילדעטער אָקס. זיי האָבען געקראגען דעם חסר פון שנעלקייט: די ארמעע איז אריבער אי־בער זיי ווי א סטאדע גאלאָפּירענדע פערד.

און דאן האָט עמיצער — גיפטיג און מיט א קוויטשיג קול׳כעל— אויסגערופען: — די אידישע מלוכה!

דער אויסרוף איז מיטאמאל ארויפגעפלויגען אין דער הויך און ווי א דונער איבער׳ן הימעל זיך איבערגעקייקעלט איבער די ווילדע לעגיאָנען, זיך אריבערגעווארפען אין די דערפער, אין די שטעדט און דערגרייכט די פארבאָרגענסטע ווינקלען פון לאנד. די ארמעע האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף די געגענד מיט בראנד און שווערד. ביינאכט האָבען ברענענדע שטעדט באלויכטען זייער וועג, און בייטאָג האָט דער רויך פארהויכט די זון און דעם הימעל און אין וואָטענע קנוילען זיך געקייקעלט איבער דער ערד, און דערשטיקטע ראָבען זענען ציטענווייז געפאלען צווישען די רייהען און אויף די קעפּ פון די סאָלדאטען. עס האָ־בען געברענט זיקאָוו, פּאָטאפּנאָ, האָלאָדנע, סטארי־יוג, שעליובקאָ; עס זענען אָפּגעווישט געווארען פון דער ערד אָסטראָגאָריע, סאוואָ, ריקאָ, ביעלאָיע־קרילאָ און סטופּניק; ס׳איז אוועק מיט׳ן רויך די אידישע וועבער־שטאָדט ביעלאָפּריאזשאָ, עס האָט געפלאקערט ווי א שייטער־הויפען דער ווינאָקורער וואלד, וואו דרייסיג טויזענד אידען האָבען גע־זוכט שוץ און באהעלטעניש, און דריי טאָג נאָכאנאנד האָבען ביטערע

װײַלע האָט װאַסיל געקוקט שטומפּיג. און פּלוצים האָט ער אָנגעכאַפּט די שװאַרצע באָרד און זי א ריס געטאָן מיט רציחה.

א װײַסע פיגור האָט זיך אַרײַנגעשלײַדערט צװישן זײ. אָבער דער בעס האָט איהם שױן געשװינדעלט דעם קאָפּ און גע׳שרפ׳עט זײַן האַלז. ער האָט א ריס געטאָן די װײַסע פיגור מיט אײן האַנט. טר־ר־ר! א לאַנגער פּאַס האָט זיך אַרױסגעשײלט פון׳ם קלײד מיט׳ן העמד צוזאַמען און געבליבען הענגען פאַר׳ן אונטערשטען זױם. עס האָט געגעבען א פּינקעל אין זײַנע אױגען צום בלינד װערען. א האַלבע ברוסט, א געטאָקטע זײט, א פולע קײלעכיגע היפט — אַלעס בלענד־װײַס און פּוכקע, װי װײַסע חלה. צום טײַװעל — אַט די זשידעס זענען אינגאַנצען געמאַכט פון װײַסער חלה! א קאַכיגער שטראָם האָט א בריה געטאָן זײַן גאַנצען קערפּער פון אױבען ביז אַראָפּ, די האַנט איז אױפגעפלױגען װי א שפּרינג־פּעדער און זיך אַרײַנגעשאָסען אין ריס.

א האַנט האָט אָנגעכאַפּט זײַן האַלז און זיך אײַנגעקלאָמערט אין פלײש. ער האָט לאַנגזאַם אומגעדרעהט דעם קאָפּ צום אידען און געקוקט א װײַלע מיט פאַרשמעלערטע אױגען און אױסגעשצירעטע צײהן, ניט אַראָפּװאַרפענדיג די אינגעליש־שװאַכע פינגער פון זײַן קורצען האַלז. דערנאָך האָט ער אױפגעהױבען די אַקסלען, זיך אױסגעבױגען שטײף און קײלעכיג, װי א ראָד, אָנגענומען דעם אידען מיט בײדע הענט פאַר די פיס, איהם אױפגעהױבען אין דער הױך און א האַק געטאָן מיט׳ן רוקען אָן שאַרף פון טיש. און אַװעקגעװאָרפען, װי א צעבראָכענעם שטעקען.

א קלײנער קרעכץ פון מאַן און א שנײדיג געשרײ פון דער פרױ. נאָר ער איז שױן געװען אױף איהר. ער האָט זי צוגעדריקט צו דער ערד און געריסען פון איהר די קלײדער צוזאַמען מיט׳ן פלײש. איצט איז זי געװען העסליך, דאָס פּנים פלעקיג רױט, רױט דער שפּיץ פון דער נאָז, און די האָר צעפּאַטעלט און אױף די אױגען. „מכשפה!" האָט ער א קריץ געטאָן מיט די צײהנער, אָנגעכאַפּט איהר נאָז און זי א דרעה געטאָן װי א שרײפעל. זי האָט אַרױסגעלאָזען א קװיטש — קורץ, מעכאַניש און צו הױך, װי דער פײף פון א לאָקאָמאָטיװ. דער קװיטש האָט איהם א שטאָך געטאָן אין מאַרך און אינגאַנצען װילד געמאַכט. ער האָט זי אָנגעכאַפּט בײַם האַלז און פאַרשטיקט.

ז.

איין קורצער, קיילעכיגער קלאַפּ מיט'ן פויסט, און דער שלאָס איז אָפּגעשפּרונגען, און די טיר האָט זיך געעפענט.

וואסיל האָט שוין צוויי מעת־לעת ניט געגעסען און ניט געשלאָפען. זיין הויט האָט געברענט אין טרוקענער היץ. זיינע ביינער זענען געווען ווי שלעכט צוזאמענגעפּאסט, די אויגען אָנגעגאסען מיט בלוט, און דאָס געזיכט ביז אונטער זיי פארוואקסען מיט קליינע, פלאקס־ווייסע הערלעך.

— עסען! — האָט ער הייזעריג ארויסגעכריפּעט.

קיינער האָט ניט געענטפערט. ביים טיש איז געשטאַנען א לאַנגער איד אין א שווארצען ראָק, מיט שווארצע באָרד און פּאות און כמורנע אויגען. ער האָט צונויפגעדריקט די ליפּען און פאר'עקשנ'ט גע־שוויגען. וואסיל האָט מיט כעס געמאכט א טריט פאָרויס און נאָכאמאָל געזאָגט:

— עסען!

נאָר ארויסגעקומען איז עס מיט א טאָן נידריגער. נעבען א פענס־מער האָט ער דערזעהען נאָך א פיגור. א יונגע פרוי, אין ווייסען, מיט א שווארצען קאָפּ האָר. צוויי גרויסע אויגען — קיינמאָל געזעהען אזעל־כע גרויסע אויגען! — האָבען געקוקט אויף איהם און אריבער, און דער קוק פון די אויגען איז געווען אזעלכער, אז וואסיל האָט אויף א רגע א הויב געטאָן א האנט צו פארשטעלען זיינע. ער האָט דערפיהלט, אז זיינע קניע ציטערען און אז ער געהט אָפּ, ווי נאָך א פראָסט. וואָס איז דאָס פאר א פרוי? וואָס זענען עס פאר מענשען? גאָט! — צו וואס, צו וואס האָבען זיי געדארפט פארקויפען קריסטוס'ן! און דערצו זענען זיי שולדיג אין אלעם — ראטשיק אליין האָט געזאָגט, — אז מענשען האַלטען אין איין שווייגען, און קוקען קוקט מען אלעמאָל ערגעץ ארי־בער, אין אל־די שווארץ־יאָהר, און וואָס זענען זיי אויסען מיט דעם אלעם! — און ער האָט זיך אָנגעכאפּט ביי'ם קאָפּ מיטביידע הענט.

ער האָט עפּעס דערפיהלט — און זיך אומגעקוקט. דער איד איז גע־שטאַנען נעבען איהם, טויט־בלאס און מיט שנאה אין זיינע אויגען. א

ב. לאַפּין:

ביים פרעמדען גאָרטען.

יעקב מילך:

רעאקציאָנערע שטרעמונגען
אין אונזער היגען אידישען לעבען.
(אַ ביישטייערונג צו דער געשיכטע פון
דער אידישער קולטור אין אַמעריקא.)

נעבען זיינע אויגען האָט געציטערט א ווייסער אַקסעל, אויף וועל־בען עס איז געזעסען א פּולער, קיילעכיגער טראָפּען פריש און גלאַנציג בלוט. זיינע נאַזלעפּעל האָבען זיך באַוועגט ווי פליגעל. די ציינער האָ־בען זיך צונויפגעשטימעט און גענומען זיך שאַרפען. און פּלוצים האָבען זיי זיך פאַנאַנדערגענומען און זיך איינגעשניטען טיעף אין ס׳ווייסע פלייש. — — —

— — — ווייסע חלה האָט דעם טעם פון שטייפען, זאַפטיגען פּאָ־מעראַנץ. דער זאַפט איז וואַרם, דער זאַפט איז הייס, און וואָס מעהר מ׳זויגט, מעהר ברענט דער דאָרשט. דער זאַפט איז שאַרף און געדיכט, און מאָדנע געווירצט, און זעהר מאָדנע געווירצט.

דאָס איז געווען ווי פליהען אין א שליטען פון א הויכען בארג אַראָפּ. דאָס איז געווען, ווי טרינקען זיך אין שאַרפען, ברענענ־דיגען ספּירט. דאָס איז געווען — ביידע.

אין א קרייז, אין א קרייז זענען די זאַפטען פון לעבען געגאַנגען פון קערפּער צו קערפּער — פון איינעם אין צווייטען, פון צווייטען אין ערשטען — אין א קרייז, אין א קרייז.

זיילען רויך און זיילען פלאַם האָבען געשטיגען יום הימעל פון דער גאַנצער שטאָדט. שוין האָט געברענט דאָס פייער אויפ׳ן גרויסען מזבח. די געשרייען פון די קרבנות — לאַנגע, געצויגענע, ענדלאָזע — זענען געווען זים אין די אויערען פון א גאָט אזוי אייביג ווי דער אייביגער גאָט. און די צאַרטע טיילען, שענקעל און ברוסט, האָט געקראָגען דער כהן.

דאָס לעבען.

קענסט לעבען, לעבען לאַנג, און דאָך צום סוף ניט זיין
צום לעבען צוגעבונדען.
ביז וואַן' דו נעהמסט אויף זיך זיין משא און זיין פּיין
מיט זיינע פרייד און וואונדען.

פארהאַן אַזא מינוט, ווען אַליץ ווערט אַזוי קלאָהר,
אַליץ גיסט זיך אויף צוזאַמען:
דער לעבען און דער טויט — ווי חלום מיט'ן וואָהר, —
ווי טייכען — מיט די ים'ען.

קענסט לעבען, לעבען לאַנג, און דאָך צום סוף ניט זיין
צום לעבען צוגעבונדען:
כ'האָב אויסגעקליבען מיר זיין משא און זיין פּיין
מיט זיינע פרייד און וואונדען.

גאָט.

ס'האָט נאָך גאָט אין מיין האַרץ ניט זיין רוה,
ווי אַ וואַנדערער קומט ער צו מיר.
ס'העפט מיין תפלה צו איהם זיך ניט צו,
אָפטמאָל טרעפט, אַז ער וויכט אויס מיין טהיר

דריבער שרעקט מיר זיין איינזאַם אַזוי
ווי דאָס האַרץ פון אַ מערדער — ניט ריין;
מיינע האָהר — ניט צו ווערען שנעל גרוי
ווי פאַרפרוירענער גראָז בלייבען שטעהן!

כ'בין מקנא די פיה אויף דעם פעלד,
און דעם פאַסטוך דערנעבען — וואָס היט;
ס'האָט ניט איינמאָל אַ בליץ זיי באַהעלט;
און אַ האָגעל דעם קאָפּ זיי באַשיט...

ב. לאַפּין:

ביים פרעמדען גאָרטען.

ניט באַזיגט.

ניט באַזיגט זיך נאָך אין גאַנצען,
ניט באַזיגט.
נאָך ניט אַלע ווילדע פלאַנצען
אויסגעפליקט.

נאָך ניט אַלע וואונשען קומען
מיר צוגעהן.
און ניט יעדער וואָרט פון גומען
איז נאָך ריין...

ס'מאַניעט, בלאַנקט נאָך פאַר די אויגען
רויטער שיין;
און איך ווער נאָך צוגעצויגען
פון מיין פיין.

מיר מוזען...

מיר מוזען דעם אבגרונד באַבריקען,
דעם אַבגרונד פון לעבען און טויט.
עס זאָל אויף אונז אייביג ניט דריקען
דער שרעק, אַז מיט אונז אַלץ פאַרגעהט!

דער קוואַל מיט'ן טייך ווערט פאַרבונדען,
דער טייך מיט דעם ים גיסט זיך אויף;
פאַרוואָס ווערט דער מענש נאַר פאַרשוואונדען,
און פליסט זיך מיט קיינעם צונויף?

אָ, גאָט, גיב אונז ווילען און קרעפטען
מיט ליעבע ערוואַרטען דעם טויט.
אין הארצען זייביידען באַהעפטען,
און קיינמאָל ניט זיין אבגעשיידט. —

עס שטעהט אין מיט'ן פעלד א הויכער אלטער בוים,
פון איהם — א יונגער שפּראָצט ארוים:
דאס יונגע בוימעל טרוימט זיך זיין געהיימען טרוים,
ביז ס'רייסט עס ווער פון ווארצעל אוים!

איז ניט אנ'עהנליכער דאָס שרעקענד מיידעל־גליק,
וואס ווייס דאך אויך ניט פון איהר סוף,
ווען ס'וועט איהר אבצייכנען דעם אונבעקאנטענס בליק,
צושטערען איהר דעם מיידעל־שלאָף!

און קומען מוז ער דאך. און זי וועט מוזען געהן,
חאטש ווייט און אונבעקאנט דער וועג. — —
איך ביז געגאנגען מיט געלעכטער און געוויין,
פארלאזענדיג די מיידעל־טעג!

ביים פרעמדען גאָרטען.

כ'האב פארקוקט זיך אין א פרעמדען גארטען,
ר'איז פאר מיינעם שעהנער ניט געווען:
דאך א רייץ אזא צושפּרייט איז דארטען
וואס אין מיינעם האב איך ניט געזעהן.

בין איך, אפשר, גלייך צו קליינע קינדער?
זיי געפעהלט, וואס ס'איז ביי זיי ניטאָ, —
ס'לאכט די וועלט: מען ליעבט איז מען א בלינדער,
קלייבט מען אוים די דעמערענדע שעה.

איז א צאָם דאך צווישען אונז געלעגען,
צווישען מיר און גארטען־פרעמדען קינד,
וואס האט ווייטער נאך געמאָכט די וועגען
צו די הערצער, וועלכע ליעבען בלינד. —

דאן פלעגט עמיץ זיך צו מיר באווייזען,
כ'האב אין פנים קיינמאל איהם געזעהן:
„קאָנסט דעם שווערען צאָם אריבערשפּרייזען,
וועסט ניט זיין נאר ווער דו ביזט געווען!“ —

הו ־ הו ! . . . .

דאַס גאָלדענע גרין פון זון־באַשטראַהלטענע פעלד
דערפרישט מיין בליק פון שטאָט־רויש אויסגעמיעדט.
א לייכטער ווינד הויבט אויף, צוריק צושטעלט
דאָס אויסגעלייגטע גראָז פון מיינע טריט.

דאָס שווערקייט אין מיין קאָפּ צוגאַנגען ווערט,
ווי נעבעל־רויך אין א פריה־מאַרגען ריין:
איך ציה אין זיך אריין דעם אָטהעם פון דער ערד,
וואָס גלייך ווי שכרות נעהמט אין האַרץ צוגעהן.

פון יעדען בוים, וואָס קומט מיר אָן אין וועג,
בויג איך זיין צווייג אין פּיילען־בויגען אוים:
ס׳שפּרינגט אָב צוריק... און אין דער לעערער שטרעק
א פרעהליכער הילכט אָב דאָס גרין־גערויש...

דאָס האַרץ אין מיר זינגט אויף און זיך צושפּרייט,
ווי צו א בלום א זון־שטראַהל ריהרט זיך צו:
רעדט ווער צו מיר? צי איך צו וועמען רייד?
רוף איך אליין? צי ס׳ענטפערט ווער: הו־הו? !

דאָס מיידעל־גליק.

האָסט פרעמד אויף מיר א בליק־געטאָן דעם ערשטען מאָל,
האָב איך שוין באַלד פון דיר געקלעהרט:
האָסט נאָר א רוף געטאָן מיר מיט דיין רויהען קול
האָב איך שוין דאָן צו דיר געהערט.

נאָר לאַנג האָב איך צושטרייטערהייד פון דיר געטראַכט.
מיך האָט געשראָקען אונבאַוואוסט:
איך האָב געמוזט די אויגען האַלטען צוגעמאַכט,
ווען דו האָסט פיינליך מיך געקושט.

1.

דאָס יאָהר 1905 קען מיט רעכט באטראכט ווערען אלס דער אנ־הויב פון א נייער פעריאדע אין דעם לעבען פון די אידען אין אמעריקא.

געשיכטליכע פעריאדען לאָזען זיך ניט לייכט פאַנאַנדערטיילען. מען קען ניט זאגען מיט באשטימטהייט: די און די פעריאדע הויבט זיך אַן אין אזא און אזא יאָהר. געווענליך וואקסט איין פעריאדע ארויס פון אנ'אנ־דערע, א פריהעריגע, דורך א לאנגע ענטוויקלונג און א לאנגע רייהע פון יאָהרען. עס דויערט לאנג ביז די נייע תקופה צייגט ארויס די סימפ־טאָמען, דורך וועלכע זי לאָזט זיך דערקענען. יעדע פאַנאַנדערטיילונג איז דערפאר ווילקירליך. דאָס בעסטע וואָס מען קען טון איז נאָכצושפי־רען די סימנים ריקווערטס, ביז מען קומט אָן צו א פונקט וואס פיהרט ניט ווייטער. דיזען פונקט דארף מען נעמען פאר דעם אָנהויב פון דער פעריאדע. דער אָנהויב, ניט דער אָנפאנג. דער אָנפאנג ליגט געווענליך באהאלטען טיעף אין דער פארגאנגענהייט, איינגעהילט אין טויזענדע פארשיעדענע באגעבענהייטען פאראורזאכט פון אונצעליגע סבות — באַ־געבענהייטען און סבות, וועלכע קיין אויג קען ניט כאפען.

געהענדיג אזוי ארום אין געדאנקען צוריקוועגס, זוכענדיג דעם עק פון דעם קנויל פון דעם היינטיגען אידישען לעבען אין אמעריקא, מוז מען זיך אפשטעלען ביי דעם יאָהר 1905.

פאר וואָס דוקא 1905 ?

די פאָלגענדע בלעטער וועלען זוכען צו פארענטפערען די פראגע.

דאָס אידישע עפענטליכע לעבען צייכענט זיך אלע מאָל אויס מיט א פיבערהאפטע נערוועזיטעט — א נערוועזיטעט, וועלכע באמערקט זיך ניט ביי אנדערע נאציאָנען. די איבעריגע מענשהייט, וואָס קען אונז איי־

ווער עס ליעבט, און האָט א הארץ צום ליעבען,
דער קען וויסען פון דעם גרויסען פּיין,
ווען מען איז פון זיך אליין פארטריבען,
און מיט יענעם קען מען נאָהנט ניט זיין!

און אוועק בין איך פון פרעמדען גאָרטען,
כאָטש מיין הארץ געוואָלט האָט דאָרט אריין;
כ'בין אוועק אויף קיינמאָל קומען דאָרטען,
ווייל איך קאָן קיין אנדערער ניט זיין!

טיע ערקלערונגען, קען אין אמת'ען ניט צוגערעכענט ווערען צו די באַ־וועגונגען, וואָס זענען ארויסגערופען געוואָרען פון דער מלחמה. דער ציוניזם האָט זיך ניט אָנגעהויבען מיט דער מלחמה און וועט זיך ניט ענדיגען מיט דעם שלום.

דאָס זאמלען פון געלדער פאר די מלחמה ליידענדע, א דירעקטע מלחמה רעזולטאט ביי אלע אנדערע נאַציאָנאַליטעטען, איז דאָס ביי אונז איינע פון אונזערע אלטעגליכע ארבייטען. מיר זאמלען די געלדער מעהר פאר פּאָגראָם קרבנות איידער פאר מלחמה קרבנות. דאָס האָבען מיר גע־טון פאר די מלחמה, און דאָס, ווי עס שיינט, דארפען מיר, ליידער נאָך מעהר טון נאָך דער מלחמה.

אונזערע טהעטיגקייטען זענען אלזא באשטענדיגע, און אלס אזעלכע האָבען זיי אימער א באשטימטען כאראקטער, ענטהאלטען זיי אלע מאָל עטוואָס, וואָס קען באטראכט ווערען אלס א כאראקטעריסטישער אויס־דרוק פון דער גאנצער באוועגונג.

נעמט מען באטראכטען אָט דיזע באשטענדיגע, נאַטירליכע באַ־וועגונגען פון דעם אמעריקאנער יודענטום, און מען וויל אויסגעפינען דאָס כאראקטעריסטישע פון דיזער נערוועזער קאָכיגקייט, מוז מען קומען צום שלום, אז אויף אלעם ליגט דער שטעמפּעל פון רעאקציע.

רעאקציע, דאָס איז דער תמצית פון דעם היינטיגען יודענטום אין אמעריקא.

רעאקציע און פארטשריטליכקייט ביי אונז האָט היינט צו טאָג אנגענומען א גאנץ אנדער געשטאַלט. ביי די סמנים פון אמאָל קען מען זיי היינט מעהר ניט דערקענען. —

אין די ערשטע השכלה פּעריאָדע זענען די רעאקציאָנערען געווען די רעליגיעזע מענשען, די פאנאַטיקער, ווי מיר האָבען זיי דאַן גערופען. אפּיקורסות איז באטראכט געוואָרען אלס דער העכסטער שטאַפּעל אויף דעם לייטער פון פּראָגרעס. אלץ וואָס איז געווען גלויביג און פרום איז פאררעכענט געוואָרען פאר רעאקציאָנער, אלץ אונגלויביגע — פאר פּאָרטשריטליך.

צו יענער צייט איז דאָס געווען אין אָרדנונג.

„די קריטיק פון דער רעליגיאָן איז די התחלה פון אלע קריטיק". זאָגט קארל מארקס. כדי מען זאָל זיך קענען אננעמען מיט דרייסטקייט

גענטליך זעהר ווייניג, טראָץ דעם וואָס זי טוט אונז אַן אַלע נגישות, באַ־טראַכט אונזער נערוועזיטעט פאַר אַן אויסדרוק פון אינציוויליזירטקייט, פון אַ פעהלען אין מאַניערען, פון דעם וואָס מיר זענען ניט גענוג פּאַלירט, און ווייניג געבילדעט. דאָס איז איינס פון די טויזענדע בלבולים וואָס ווערט געוועהנליך געגען אונז געמאַכט. דאָס איז אונזער מזל אַזאַ, ניט נאָר ליידען מיר פאַר אונזערע חסרונות, מיר צאָהלען אויך טייער פאַר אונ־זערע מעלות. אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען זיך ניט אויסקעמפּפען דאָס רעכט צו האָבען חסרונות, וועלען מיר ניט האָבען קיין רעכט צו האָבען מעלות. וואָרום די נערוועזיטעט, וואָס מיר צייגען אין עפענטליכע טהעטיגקיי־טען איז ניט אַ חסרון ביי אונז, עס איז אַ גוטע מדה, וואָס מיר באַזיצען. דער חסידיזם שיינט צו זיין איינגעוואָרצעלט אין דעם אידישען כאַראַק־טער. אין וואָסער באַוועגונג דער איד זאָל זיך ניט באַטייליגען, טראָגט ער אַריין זיין איינגעבוירענעם חסידיזם. די באַוועגונג ווערט באַלד אַ קאָכיגע, אַ היציגע, מיט אַ רירעווודיגקייט און אַ התלהבות, וועלכע זענען פריהער געוועזען פרעמד צו איהר. דער איד אין די פאַרשידענע באַוועגונגען איז דער „שעור שבעסה“, דאָס זויערטייג וואָס מאַכט די גאַנצע באַווע־גונג אויפיערען, מאַנכעס מאָל — זאָגאַר איבערלויפען.

פון דעם קומט אויך, וואָס אונזערע אייגענע באַוועגונגען, דאָ וואו מיר זענען אַליין פאַר זיך, באַשטעהענדיג פון בלויז „זויערטייג“, האָבען זעל־טען אַ האַפט. מיר הויבען געוועהנליך אָן מיט אַ רעש, מיט קולות און גע־שרייען, דעבאַטען אָהן אַ שיעור, מיט אַ לויפען און אַ פליהען, אַז אַ זיי־טיגער מענש קען מיינען די וועלט ענדיגט זיך, אָדער הויבט זיך אָן.

און טהעטיגקייט פעהלט ביי אונז ניט. עס איז ניט דאָ קיין צייט ווען מיר זאָלען ניט זיין זעהר באַשעפטיגט מיט עפענטליכע אַנגעלע־גענהייטען. עס איז גענוג אַ קוק צו טון אין די אַנאָנסען פון די אידישע צייטונגען, מען זאָל זיך איבערצייגען אין די פיעלזייטיגע, פיעלפאַכיגע און פיעלפאַרביגע טעטיגקייטען אונזערע.

אַ פרעמדער קען מיינען, אַז די מלחמה מיט איהרע ספּעציעלע פּראָב־לעמען, האָט אַרויסגערופען דיזע באַוועגונגען. אָבער דאָס איז אַ טעות. די מלחמה האָט ניט פיעל ביי־געטראַגען צו אונזערע עפענטליכע באַ־שעפטיגונגען. אפילו דער ציוניזם, וועלכער האָט געקריגען אַ שטאַרקען שטויס פון באַלפאַר׳ס דעקלאַראַציע, און פּרעזידענט ווילסאָן׳ס סימפּאַ־

איהר גאַנצקייט, ווייל מען, אזוי צו זאגען, אַנטאַפּען דעם דופק פון דער פּעריאָדע, מוז מען זיך אָפּשטעלען אויף דעם רעאַקציאָנערען צוג וואָס בלאָזט פון אַלע זייטען. דער אונטערשיעד אין די שיכטען רעדוצירט זיך דאָן צו אַן אונטערשיעד אין גראַד און ערנסטקייט.

דאָס איז דער הויפּט חילוק צווישען דער היינטיגער צייט און דער ערשטער צייט פון די אידען אין אמעריקא.

דיזעלבע רירערווידיגקייט, דאָס זעלבע שמייען, דיזעלבע התלהבות ווי אַמאָל, אבער עס איז דאָ אַ חילוק:

דאָס באַשטימטע, דאָס פּאָזיטיווע, דאָס כאַראַקטעריסטישע, דאָס וואָס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען, און אַריבערגעוואויגען אַלעס־אַנדערע אין דער ערשטער פּעריאָדע, איז געווען דאָס פּראָגרעסיווע, דאָס פאָרטשריטליכע, דאָס פאָרווערטס־שטרעבענדע, וועהרענד היינט איז פּונקט פאַרקערט:

דאָס איבערוועגענדע, דאָס מאַסגעבענדע, דאָס כאַראַקטעריסטישע, איז דאָס ריקווערטס געהן, איז די רעאַקציע.

מען דאַרף מיך ניט פאַלש פאַרשטעהן.

איך זינג ניט קיין שירה צו דער ערשטער פּעריאָדע, און איך מאַך ניט קיין הספּד די היינטיגע צייט.

אין דער ערשטער פּעריאָדע פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקא. איז ניט אַלעס געווען פּויגעלדיג, און היינט איז ניט אַלעס מיאוס. ניט זענען דעמאָלט אַלע געווען מלאכים, און ניט זענען היינט אַלע גלחים.

אין מאַנכע באַציהונגען איז די היינטיגע אידישע געזעלשאַפט אַ שענערע, אַ סאָלידערע, אַ מעהר פאַראַנטוואָרטליכע. צווישען דעם יום־כפּור באַל פון דעמאָלט און דעם חנוכה באַל פון היינט, איז מיר אַלע מאָל ליעבער דער חנוכה באַל. אבער דאָס ענדערט ניט די זאַך. מיר געפעלט בעסער דער חנוכה באַל, ווייל אויך דעמאָלט איז ער מיר געווען ליעבער, ווייל דער יום כפּור באַל איז מיר אַלע מאָל געווען צו ווידער, ווייל ער איז קיינמאָל ניט געווען דער אויסדרוק פון דער אידישער פּראָגרעסיווער פּעריאָדע אין דיזען לאַנד. דער יום כפּור באַל איז געווען ניט מעהר ווי אַן אויסוואוקס, אַן אונפאַרמיידליכער נאַכשלעפּער, און ניט דער פיהרער, און ניט דער וועגווייזער, פון יענער פּעריאָדע.

פּונקט ווי אין אַ צייט פון אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, ווען די אַלטע

פון א קריטיקער, מוז מען זיך פריהער באפרייען פון דעם רעליגיעזען לאסט. יעדע קריטיק הויבט זיך דערפאר אָן מיט דער קריטיק פון דער רעליגיאָן. אזוי איז עס צוגעגאנגען אומעטום, אזוי איז עס אויך געשעהן ביי אונז.

מיט דער קריטיק פון דער רעליגיאָן זענען מיר היינט פארטיג. אויף וויפיעל מען קען מיט איהר איבערהויפט פארטיג ווערען. ווייטער זענען מיר ניט געגאנגען. ד. ה. מיר האָבען זיך פּרובירט געהן, אבער מיר זענען ניט ווייט דערגאנגען. די רעליגיאָן שפּיעלט היינט מעהר ניט די ראָלע וואס זי האט אמאָל געשפּיעלט, דערפאר אבער האט זי אָנגענומען אַן אַנדער צורה. די אפּיקורסים פון אמאָל זענען די רעאקציאָנערען פון היינט. אפּיקורסות איז אמאָל געווען א סאָציאלע באוועגונג ביי אידען. עס האט געהאט דעם צוועק ארויסצופיהרען דעם אידען אויף דער ברייטער וועלט, איהם בילדען און פארלייכטערען דאס לעבען. די היינטיגע אפּיקורסים האָבען גובר געווען די רעליגיע פאר זיך אליין, פאר דער אייגענער פערזענליכער באקוועמליכקייט: זיי האָבען זיך באפרייט פון די פליכטען וואס די רעליגיע לעגט ארויף אויף דעם איינצעלנעם, אבער זיי באנוצען זיך מיט איהר אויף וויפיעל זי דיענט זייערע צוועקען פאר רעאקציאָנערע סאָציאלע אנזיכטען.

דאס וויכטיגסטע דאביי איז, וואס דיזע גרופּע, וועלכע איז היינט זעהר גרויס, טרעט ניט מעהר ארויס פאראיינצעלט ווי אין די פריהעריגע צייטען. היינט צו טאָג איז זי ארגאניזירט, מיט א באוואוסטזיין, מיט א מצח אשה זונה.

דיזע גרופּע וואלט סוף כל סוף ניט געהאט פיעל מאכט, ווען זי וואלט ניט פארשטאַרקערט געוואָרען פון אנדערע גרופּען, אונבאוואוסטע, אונשולדיגע, וויכטיג־טוענדיגע, פּראגרעסיוו זיך אויפשפּיעלענדע רעאקציאָנערען. נאטירליך אונטערשיידען זיך דיזע גרופּען אין פיעלע הינזיכטען. פון דער גאנץ אונטערשטער גרופּע, ביז דער גאנץ אויבערשטער גרופּע אין די שיכטען פון רעאקציע איז א ווייטער מהלך; וועהרענד אייניגע צווישען זיי זענען אונסימפּאטיש, אונפּרינציפּיעל און אונעהרליך זענען די אנדערע זעהר ערענסט, איבערגעבען, אידעעל און פול מיט גלויבען, אז זייערס איז דאס לעצטע ווארט אין דעם אידיש נאציאָנאלען קולטור־לעבען. וויל מען אבער ארומנעמען די היינטיגע פּעריאָדע אין

מען א באוועגונג, אַן עפּענטליכע האנדלונג, א צוזאמענפיהרען פון סאָ־ציאַלע כחות, וואָס פיהרט צו א בעסערע סאָציאַלע פארשטענדיגונג.

די האנדלונג מעג זיין פון א יחיד, געבויט, ווי עס מעג אויסזעהן אויבערפלעכליך אויף זיינע פּערזענליכע פארלאַנגען, באַראַפּעני־שען, סימפּאַטיעס אָדער עמאציעס. קוים רעפלעקטירט דיזע האנדלונג א געזעלשאַפטליכעס פארלאַנגען, א שטרעבען צו ערפילען אַן אַלגעמיינע באַדאַרפניש, סיי א מאַטעריעלע, סיי א גייסטיגע באַ־דאַרפניש, איז דאָס א פּראָגרעסיווע טעטיגקייט. מיט אַנדערע ווערטער: די טעטיגקייט פון דעם יחיד צו פארבעסערן די סאָציאַלע לאַגע פון דעם כלל; דאָס שטרעבען פון דעם יחיד צו דערוויַיטערן דעם בליק, אויס־צופיינערן דעם געשמאַק, צו פאַראיידעלען די געפיהלען, צו פארטיע־פען די איינזיכט, צו פאַרשטאַרקערן די מאָראַלע באַגריפען, צו באַפעס־טיגען די אונאָפּהענגיגקייט און זעלבסטווירדע, צו פארמעהרען די נאַ־טירליכע און געזעצמעסיגע באַדירפנישען און פארלאַנגען, צו פאַר־לייכטערן די אויפגאַבע פון די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון דעם מענ־שען — דיזע טעטיגקייט, מעג זי קומען אַלס רעזולטאַט פון די אייגענע באַדאַרפנישען און פאַרלאַנגען, איז פּראָגרעסיווע טעטיגקייט. דער רעזול־טאַט — דאָס איז פּראָגרעס.

ווען דיזע האנדלונג פון דעם איינצעלנעם געהט איבער צו א גרע־סערע צאָל מענשען, ווען זיי ערהויבען זיך צו מאַסענהאַנדלונגען, ד. ה. ווען גרויסע מאַסען מיט אַמאָל, באַוואוסטזיניג און אָרגאַניזירט, באַטיי־ליגען זיך אין אַזאַ ארבייט, דאַן איז דאָס אַליין, די באַוועגונג גופא, דער אמת'ער, דער איינציגער פּראָגרעס.

דער פּראָגרעס, לויט זיין אינערליכער נאַטור, קען קיינמאָל ניט אויפ־הערען זיך צו באַוועגען, און זיך צו באַוועגען אין דיזער ריכטונג. די מינוט וואָס ער הערט זיך אויף צו באַוועגען, אין דיזער מינוט הערט ער אויף צו זיין פּראָגרעס. דאַרום איז די באַוועגונג אַליין, ווען גרויסע מאַסען באַטייליגען זיך אין איהר, און ווען זי באַוועגט זיך איז דער אוי־בענאָנגעצייכענטער ריכטונג, די איינציגע מאָס פון פּראָגרעס. די סימנים, לויט וועלכע מען קען דערקענען א פּראָגרעסיווע באַוועגונג, איהרע סימ־פּטאָמען, זענען האָפנונג און גלויבען און א בעסערע צוקונפט פאַר דעם כלל.

אָרדנונג ווערט פארניכטעט און קיין נייע איז נאָך ניט באשאפען גע־וואָרען — פונקט ווי אין אזא צייט געפינען זיך אלע מאָל מענשען, וואָס באַנוצען זיך מיט דעם אונפארמיידליכען טומעל און פראקטיצירען רווי־בעריי אונטער א הויך קלינגענדען נאָמען, ווי עקספּראָפּריאציע, רוויבע־רייען, וואָס זענען געגען דעם גייסט פון דעם אויפשטאַנד, און וואָס שע־דיגען זיין רעפּוטאציע, אזוי איז דער יום כפור באַל געווען אן אומ־גליקליכער אבער אונפארמיידליכער באגלייטער פון דעם פראגרעסיווען שטרעבען פון יענער צייט.

אונגעלומפּערט, פאראכטליך און שעדליך ווי די גוואַלדזאמע עקס־פּראָפּריאציעס אין א צייט פון אן אלגעמיינעם אויפשטאַנד זענען, זענען זיי פונדעסטוועגען א סימן, אז עס געהט אַן אַן אויפשטאַנד, וועלכער איז אין זיך אליין מאַראַליש, גרויסאַרטיג, נוצליך, און וועלכער באַ־שטרעבט איעדאַלע צוועקען, וואָס שטעהען אין ווידערשפּרוך צו דיזע אויסשרייטונגג.

אונגעלומפּערט, נאַריש און שעדליך ווי דער יום כפור באַל איז גע־ווען, האָט ער צו דער זעלבער צייט געדיענט פאַר א סימן פון א פּאָרט־שריטליכער באוועגונג, וואָס איז זיך געגאַנגען איהר אייגענעם וועג, נאָך וועלכען דער יום כפור באַל האָט זיך נאָכגעשלעפּט.

פארקערט ווידער: סימפּאַטיש און אנגענעהם ווי דער חנוכה באַל איז אין זיך אליין, איז ער א סימן פון א רעאַקציאָנערען שטרעבען, וואָס געהט אַן היינט צו טאָג, וועמעס באגלייטער ער איז.

2.

איידער מיר געהן ווייטער, און כדי אויסצומיידען מיספארשטענד־ניסע, איז כדאי קלאָר צו מאַכען וואָס איך פארשטעה אונטער דעם וואָרט, פּראָגרעס און זיין היפוך, רעאַקציע.

נאַטירליך איז אונמעגליך זיך דאַ אריינצולאָזען אין א לאַנגע און אפשר לאַנגווייליגע דיסערטאַציע וועגען די פארשידענע טעאָריעס און דעפיניציעס פון דעם וואָרט פּראָגרעס. איך וועל דאַדורך נאָר זאָגען, אז אונטער דעם זאַץ, פּראָגרעסיווע טעטיגקייט, פאַרשטעה איך פאַר אלע־

אין אזא צייט ווערט די רעליגיאָן א קאריקאטור, און עס בליהען, ווי עס איז דער פאל ביי אונז היינט, די ראביי וויס'עס, די מישא אפעל־בוים'ס, די בילי סאָנדיי'ס, די נאָכגעמאכטע, לעבערליכע רעפאָרם טעמ־פעלס, פינאקעל שפיעל און — טשאריטי.

טשאריטי, צדקה, אמאָל דער אויסדרוק פון א גוט הארץ, ווערט די אָפשפיעגלונג פון א בייזען געוויסען. די בעלי צדקה זענען דאָן ניט מעהר ווי די מטה טרעגער אין א מלחמה. זיי קלייבען צונויף די געפא־לענע; זיי גיבען ערשטע הילף צו די פארוואונדעטע און באגראבען די טויטע.

מיט דעם חילוק:

אין א מלחמה ריזיקירען די מטה־טרעגער מיט דעם אייגענעם לע־בען, ווערענד די בעלי־צדקה זענען באפעסטיגט ביי זיך אין דער היים, ארומגערינגעלט מיט חניפה און באשיצט מיט פאלשען כבוד, אז קיין קויל קען זיי ניט טרעפען.

פעסימיזם, דער באגלייטער פון אן אפשטארבענדע פעריאדע, רופט דאדורך ארויס די טהעטיגקייט פון טשאריטי.

ווען מען רעדט פון פעסימיזם, מוז מען זיין פארזיכטיג דאָס ניט צו פארבייטען מיט סקעפּטיציזם. אויבערפלעכליך זעהן זייביידע אויס גלייך. אבער דער חילוק איז ווי טאָג צו נאכט.

דאָס איז דער חילוק צווישען צווייפלען און פארצווייפלען. דער סקעפּטיקער צווייפעלט, דער פעסימיסט איז פארצווייפעלט. פון צווייפ־לען קומט מען אָפּט צו קלאָרקייט, פון פארצווייפלען קומט מען געוועג־ליך צו דונקעלהייט. דאָ ווי דער צווייפעל געפינט אן אָנהויב פון לע־בען, קומט דער פארצווייפלער צו דעם סוף פון לעבען. דער סקעפּטיציזם אין דער היסטאָריע איז אלע מאָל געשטאַנען ביי דער וויעג פון א נייגע־בוירענער פעריאָדע דער פעסימיזם — ביים קבר פון אן אָפּגעשטאָרבע־נער פעריאָדע.

מאנכער גוטהערציגער מענש וועט אפשר האָבען אויסצוזעצען, פאר וואָס איך רעכען צדקה־געבעריי צווישען די סימנים פון אן אפשטאר־בענדער פעריאדע און רעאקציע. דיזער גוטהארציגער מענש וועט ניט זעהן אין וואסער שייכות עס שטעהן מיסטיציזם, לעבערליכע רעפאָרם רעליגיעס, קארטען שפיעלען און טשאריטי.

דאָס פאַרטשריטלעכע איז אַלע מאָל סאָציאַל און אָפּטימיסטיש.

דער כּלל, די געזעלשאַפט, איז גרויס, ברייט, טיף, אונענדליך און פול מיט קראַפט און לעבענס־זאַפט.

די טעטיגקייט וואָס בויט אויף דעם כּלל, וואָס שטיצט און ווערט געשטיצט פון דעם כּלל, איז דאַרום אַלע מאָל גרויס און גרויסאַרטיג, פול מיט האָפנונג, ערוואַרטונג און גלויבען.

דאָס פאַרקערטע איז אמת ווענען רעאַקציע.

פונקט ווי דאָס פאַרטשריטליכע איז אַלע מאָל סאָציאַל און אָפּטי־מיסטיש, איז דאָס ריקשריטליכע אַנטי־סאָציאַל און פּעסימיסטיש.

דער פּראָגרעס שפּאַצירט געאַרמט מיט סאָציאַלע באַוועגונגען. אָפען, פראַנק, פריי, פרעהליך און לוסטיג.

די רעאַקציע שלעפּט זיך אַרום מיט דעם יחיד, באַהאַלטען און פאַרבאָרגען, פאַרזאָרגט און פאַרצווייפעלט.

די צייט פון רעאַקציע איז די צייט ווען דער יחיד שליסט זיך איין אין זיין אייגענעם איך, שטעלענדיג זיך העכער פון אַלעם און פון אַלע־מען. עס איז די צייט פון דעם איבער מענש, וועלכער ווערט, צוליעב זיין איינגערעדטע קראַפט און אמת׳ע מאַכטלאָזיגקייט, שנעל דעגענערירט צו דעם אונמענשען.

דער יחיד מיט אַלע זיינע איינגערעדטע גרויסקייט, איז באַשרענקט, קליין און ענדליך.

דער קוואַל, וואָס שעפּט פון זיך אַליין, מוז זיך שנעל אויסשעפּען.

אין זיך אַליין קען מען ניט לאַנג זיין פאַרליעבט. איינגעשלאָסען אין זיך אַליין, דערקענט מען זיך שנעל און מען ווערט זיך פאַרמיאוסט.

דער רעזולטאַט איז פאַרצווייפלונג. קיין זאַך געפעלט ניט, און אויף בעסערעס האָפען קען מען ניט.

זינט דער יחיד אין דיזען צושטאַנד איז דער מיטעלפונקט פון אַלע־מען, ווי אַזוי קען ער האָפען אויף אַ בעסערונג, ווען ער אַליין, דער מי־טעלפונקט, איז אין פאַרצווייפלונג? ער ווערט דעמאָלט מיסטיש. ער נעמט זיך צו מעטאַפיזיק, צו שוואַרץ קינסטלעריי, אָדער ער פאַר־קויפט די נשמה צום טייוועל, ווי פאַוסט האָט געטאָן, אָדער ער נעמט קלעטערען צו די וואָלקענס. די וואָלקענס וועלכע פאַרשטעלען פון איהם די לויטערקייט פון הימעל.

צי האָט עס דען געהאָלפען דעם נעמער — דאָס איז א גרויסע פראגע.

דאָס שיינט מיר, איז דער אמת׳ער זין פון דעם פסוק: צדקה תציל ממות. צדקה ראטעוועט דאָס לעבען — פון דעם געבער.

די גרויסע אָרגאַניזירטע טשאַריטיס, די טשאַריטיס, וואָס זענען געבויט אויף דעמזעלבען פּרינציפּ ווי דער טראסט, דער הויפּט פאַראור־זאַכער פון טשאַריטי: די טשאַריטי, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די פּערזענליכע באַציהונג צווישען דעם געבער און דעם נעמער, וואָס האָט געמאַכט צדקה־געבעריי א טייל פון נויטווענדיגע געשעפטס הוצאות, וועלכע ווערען פאַר־שריעבען אין די געשעפטס־ביכער אין דעם קאָלומן פון פּראָפיט און פאַר־לוסט — די טשאַריטי איז אַזוי אַרום פון איין זייט, דער אויסדרוק פון א געזעלשאַפטליכען צושטאַנד, וואָס קען ניט שטעהן אויף די אייגענע פיס, וואָס נויטיגט זיך אין אונטערשטיצונג, און פון דער צווייטער זייט, דער אויסדרוק פון דעם אינערליכען געפיהל פון דעם יחיד, וואָס דענקט אַז ער איז דער מיטעלפּונקט פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכער איז צו דער זעלבער צייט אונצופריעדען מיט דיזען צושטאַנד, דער מיטעלפּונקט פון וועלכען ער איז, ענטוישט מיט זיך אַליין. פאַרצווייפעלט מיט זיין אויבערפלעכליכען ערפאָלג און אומרוהיג אין זיין געוויסען.

פּעסימיזם, דער צווילינגס־ברודער פון רעאַקציע און דער הויפּט סימן פון אַן אָפּשטאַרבענדער פּעריאָדע, געפינט זיין אויסדרוק, אויף פאַרשיע־דענע וועגען ביי די פאַרשיעדענע קלאַסען. ביי דער אָרעמער אינטעליגענץ פאַרוואַנדעלט ער זיך אין א מיסטיציזם, אין א גאָט־זוכעניש, דאָרט וואו מען קען איהם ניט געפינען, פאַרשטעלט פון די וואָלקענס צו וועלכע זיי קלעטערען. דער רעזולטאַט איז אַן אונמענשליכע, פאַרשטעלטע, דעקאַ־דענטע, מיסטיש־פּערזענליכע, אָפּט ציניש̇ע ליטעראַטור. ביי די רייכע, הויפּטזעכליך די גאַנץ רייכע, דריקט ער זיך אויס אין א רעפאָרם־רעליגיע און צדקה־געבעריי, א זוכעניש צו העלפען די געזעלשאַפט אויף אַן אונ־מעגליכען און אונמענשליכען וועג, און דאַביי צו ראַטעווען די אייגענע נשמה. ביי דעם מיטעלקלאַס, דער קלאַס, וואָס שטעהט צווישען די ביי־דע, וואָס איז ניט אהין און ניט אהער, וואָס האָט קיין אייגענע געדאַנקען, וואָס וואַרפט זיך פון איינעם צום אַנדערען, ער נעמט אַן אדער איינע פון די זאַכען, אָדער אַלע צוזאַמען און לעגט נאָך צו דעם קאָרטען־שפּיעל. דאָס

קיין דירעקטע שייכות האָבען זיי ניט. זיי קומען ניט ארויס איינס פון ס׳אנדערע, זיי ווערען גאר ארויסגערופען פון דיזעלבע צושטאנדען וואָס ווירקען אויף פארשיעדענע מענשען פארשיעדען. נאַטירליך זענען אויך היינט דאָ גוטע מענשען, וואָס מיינען ערענסט, אז זיי טוען פיל גוטס. אבער דאס גופא פארשטארקערט די מיינונג.

עס איז מיין איבערצייגונג, אז צדקה געבעריי, ווי עס ווערט פּראקטיצירט היינט צו טאָג, איז ניט מעהר ווי די טעטיגקייט פון דעם אונרוהיגען, איינזאמען, אונצופריעדענעם, ענטווישטען, מיט זיך אליין קעמפענדען יחיד, אין וועמעס געוויסען עס שלאָגט נאָך אן אַדער פון לעבען, און וועלכער זוכט זיך צו ראטעווען פון אונטערגאנג, און וועלכען עס פעהלט געזונטע און נאָרמאלע עפענטליכע אקטיוויטעט.

אב. קאהאן׳ס העלד, דוד לעווינסקי, באלאנגט צו דיזען טיפּ. אבער דוד לעווינסקי איז ניט פּאָלשטענדיג. ער שטעהט אויף דעם נידריגסטען שטאפּעל. דער פאלקאָמענער טיפּ, דאָס איז דער פּראָפעסיאָנעלער בעל צדקה, דער גרויסער מיליאָנער, וועלכער מאכט צדקה געבעריי כמעט פאר זיין געשעפט, וועלכער רוהט ניט און ראסט ניט, ווארפט זיך פון איין אינסטיטוציע צו דער אנדערער, איז פול אומעטום, וויל ראטעווען די גאנצע מענשהייט און קען זיך ניט ספּראווען צו פארטיילען אפילו א העלפט פון זיין איינקונפט. ווי מיר זעהען דאָס אין די פּערזאָנען פון איניגע גוט באקאנטע בעלי צדקות, ארונטער ביז צו דוד לעווינסקי.

ווען עס וואָלט מעגליך געווען צו עקזאמינירען די באהאלטענע ספּרוזשינע, וואָס פאראורזאכט די נערוועזע און האסטיגע טעטיגקייט, וועט מען זי אימער געפינען, אין דעם בין איך איבערצייגט, אין דעם אונרוהיגען און איינזאמען געוויסען פון די מענשען, וועלכע זענען דורך פארשיעדענע אומשטענדען, סאָציאלע אומשטענדען, אראָפּגעפיהרט געוואָרען פון זייער נאַטירליכען ענטוויקלונגס־גאנג, וועלכע זענען אבער ניט צופריעדען מיט זייער אויסערליכען ערפאָלג, און זוכען צו פארזיסען די ביטערע פילען מיט אן ארבייט וואָס מאכט, דאכט זיך, לייכטער דאָס לעבען פון די אָרימע, וואָס פארגרינגערט אין אמת׳ן דאָס אייגענע שווער געוואָרענע לעבען.

דאָס געבען פון צדקה האָט אלע מאָל געהאט א גרויסען, גרויסען ווערט — פאר די געבער.

זאָרגלאָזע, גאַטלאָזע, פרייע, שטרעבענדע און געוויסערמאַסען אוואַנטיו־ריסטישע יונגוואַרג. דאָס יונגוואַרג וואָס איז אימער באַרייט אויפצונע־מען נייע אידעען, וואָס האָט שוין פון פריהער געהאַט אָראָפּגעוואָרפען דעם עול פון פאַנאַטיזם. מען דאַרף ניט פאַרגעסען מיט וואָסער אויגען די פּוילישע, ליטווישע און גאַליציאַנער אידען האָבען דעמאָלט געקוקט אויף דעם גאָטלאָזען אַמעריקאַ. דער אַקט פון פאָרען קיין אַמעריקאַ איז אין זיך אַליין שוין באַטראַכט געוואָרען פאַר אַן אָראָפּגאַנג פון גלייכען וועג. דער עלטערער דור, די עלטערען פון די עמיגראַנטען, האָבען גע־געבען זייער צושטימונג צום אוועקפאָרען אויס ביטערע נויט, מיט קרעכ־צען, מיט טרערען, אָפט מיט רייסען קריעה.

פאַר דיזע ערשטע אידישע אימיגראַנטען איז געווען נאַטירליך זיי־זאָלען ווערען סאָציאַליסטיש.

די איינציגע מעגליכקייט פאַר עקזיסטענץ, וואָס זיי האָבען געפונען אין דיזען לאַנד, איז געווען די פאַבריק־אַרבייט. קומענדיג צום ערשטען מאָל אין לעבען פּנים אל פּנים מיט דעם ריינסטען קאַפּיטאַליזם, אָדער ריכטיגער, מיט דעם אָפּפאַל פון דעם ריינסטען קאַפּיטאַליזם — די שוויץ סיסטעם, איז געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך זיי זאָלען זוכען אַן ערלע־זונג אין סאָציאַליזם, ספּעציעל ווען דער סאָציאַליזם, מיט זיין אידעאַל פון אינטערנאַציאָנאַליזם, ווי ער איז דעמאָלט געפּרעדיגט געוואָרען, האָט אָנגעוויזען אויף די איינציגע מעגליכע רפואה צו אַנ׳אַנדער גרויסער מכה — די מכה פון אַנטיסעמיטיזם.

מיט דער צייט האָט זיך דאָס געענדערט.

די גרינע האָבען זיך אויסגעגרינט. פיעלע האָבען זיך אַרויפגעאַר־בייט.

אויך דאָס איז געווען נאַטירליך, עס איז געווען אונמעגליך, אַז אַלע די הונדערטע טויזענדע אידען, וועלכע זענען ביז דעמאָלט קיין אַרביי־טער ניט געווען, זאָלען אויף באַשטענדיג בלייבען ביי דער נאָדעל אָדע־דעם פּרעס אייזען.

דאָס שוויץ סיסטעם גופא איז געווען אַזאַ וואָס האָט עס געמאַכט לייכט פאַר די געשייטערע. די פריהער אָנגעקומענע, זיך אַרויפצואַרבייטען אויף דעם חשבון פון די שפּעטערע אימיגראַנטען. דער אומשטאַנד, וואָס די נאָדעל אינדוסטריע איז אין געוויסע באַציהונגען געווען אַ נייע אינ־

שפּיעלען אין קאָרטען איז געוואָרען דער הויפּטזעכליכער צייט־פאַרטרייב ביי דעם קלאַס, ווייל דאָס איז די איינציגע פאָרמע פון געזעליגען און געזעלשאַפטליכען לעבען וואס דער קלאַס האָט. אַהן דעם קאָרטען שפּיעל ווייס דער קלאַס ניט וואָס צו טון מיט זיך אין געזעלשאַפטליכען פאַרקעהר.

מיסטיציזם, צדקה געבעריי, קאָרטען שפּיעלען און רעפאָרם טעמפּעלס, ווייט ווי זיי זענען איינס פון דאָס אנדערע, זענען זיי צו דערזעלבער צייט די סימפּטאָמען פון איין און דיזעלבע חולאת — די רעאַקציע.

דאָס, אין קורצען, איז מיין דעפיניציע פון פּראגרעס און רעאַקציע. אויף וויפיעל דאָס שטימט מיט דעם אמת, לאָז איך צום לעזער צו אורטיילען. מיין אויפגאַבע דאָ איז צו אונטערזוכען דאָס היינטיגע לעבען פון די אידען אין אמעריקא, און צו זעהן אויף וויפיעל עס שטימט מיט דיזע אלגעמיינע געדאַנקען; פאַרוואָס איך באַטראַכט די היינטיגע פּעריאָדע פאַר א רעאַקציאָנערע, און פאַר וואָס דוקא איך הויב אָן מיט דעם יאָהר 1905, הגם די צייט האָט זיך אין אמת׳ן אָנגעהויבען פיעל פריהער.

3.

אין אן ארטיקעל אין דעם „פנקס“, וואָס איז ערשיענען אין ווילנא אין דעם יאָהר 1913, אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער, האָב איך געזוכט פעסטצושטעלען דעם פאַקט, אז די ערשטע פּעריאָדע פון די אידען אין אמעריקא, איז געווען א פּעריאָדע פון איין לאַנגעם שטרעבען פאָרווערטס, אין דעם זינען פון די אויביגע דעפיניציע פון פּראגרעס. דאָס איז געווען נאַטירליך פאַר יענער צייט. דאָס איז שוין געלעגען אין דעם מענשען־מאַטעריאַל פון וועלכען עס זענען באַשטאַנען די ערשטע אימיגראַנטען.

דאָס מענשען מאַטעריאַל, וואָס האָט צום ערשטען אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקא, איז געווען א גאַנץ אנדערעס ווי דאָס מאַטעריאַל, וואָס האָט שפּעטער איינגעוואַנדערט קיין אמעריקא.

די איינגעפונדעוועטע, איינגעזעסענע, גאַטספאַרכטיגע באַלעבאַטים, אפילו די אָרימע צווישען זיי, זענען אין יענע צייטען קיין אמעריקא ניט געפאָרען. געפאָרען איז דאָס יונגוואַרג, דאָס אונפאַראַנטוואָרטליכע,

בקשות, און נאָכדעם שטרענגער און שטרענגער. „ווען מיר פאַרווערען אייך ניט צו געהן שבת אין פאַבריק אָדער אין געשעפט, פאַר וואָס זאָלט איהר אונז שטערען צו געהן אין שול?" האָט דער אַלטער דור גע־טענה'ט.

דאָס איז ניט קיין אויסגעקלערטע זאַך. רעווערענד ה. מאַסליאַנסקי, דאָס מונד־שטיק פון דעם אַלטען דור, האָט מיט יאָהרען צוריק ווירקליך פאַרעפענטליכט אַן אַרטיקעל, וואו ער האָט אויפגעפאָדערט דעם יונגען דור ניט צושטערען דער אַלטען דור פון צו געהן שבת אין שול אַריין: מיר האָבען צו אייך ניט, ווען איהר געהט אין געשעפט שבת. אויף דעם איז דאָך דאָס אַמעריקאַ, אַזוי האָט רעוו. מאַסליאַנסקי גע'טענה'ט, פאַרוואָס זשע שטערט איהר אונז, ווען מיר ווילען געהן אין שול?

די טענה איז געווען אַ גערעכטע, אַ לאָגישע און אַ נאַטירליכע. עס איז דאָדורך קיינעם ניט איינגעפאַלען צו שטערען דעם אַלטען דור צו לעבען אויף זיין אייגענעם שטייגער. עס וואָלט אויך ניט געהאָלפען, ווען עמיצער וואָלט געווען נאַריש צו וועלען טוען אַזאַ זאַך. און עס האָבען זיך גענומען פאַרמירען די שולען, בתי מדרשים, חסידים־שטיבלעך און די מקואות. אין אַ משך פון אַ קורצע צייט איז אַריבערגעפּעקעלט געוואָ־רען דאָס גאַנצע אַלט מאָדישע און פאַרשימעלטע לעבען פון דער היים. עס פעלען אפילו ניט דאָס היימישע חדר און דער חסידישער רבי מיט זיינע סגולות, הגם אָהן מופתים.

דאָס אַליין איז סוף כל סוף ניט אַזוי שלעכט. דאָס אַלטע אידישע לעבען, ווען עס א־ז עכט, ערענסט, אָהן איבער המצאות און אָהן הינ־טערשפּיצלעך, האָט אין זיך אַסך שעהנע זייטען. אַ קאַריקאַטור, אַ חוזק איז פון דעם אַלעם געוואָרען, ווען דער יונגער דור, דער פריהער אַריבער־געקומענער דור, דער דור, וואָס איז דערוויייל געוואָרען רייך, וואָס איז געוואָרען אַן „אַלרייטניק" און האָט מיט דער צייט געהאַט אייגענע קינ־דער — ווען דער דור האָט דערפּיהלט, אַז ער מוז אָנהויבען צו סטאַט־קעווען.

די טאַטעס פון איין זייט און די קינדער פון דער אַנדערער זייט. האָבען אַרונטערגעוואָרפען דעם ערשטען דור אין דעם אָפּגרונד וואו ער ליעגט איצט.

ווען דער אַלטער דור, די טאַטעס פון די אימיגראַנטען, האָבען גע־

דוסטריע און ווייניג ענטוויקעלט, האָט ניט אין ערך פאַרגרעסערט די מעגליכקייט פאַר פיעלע שנעל רייך צו ווערען.

אב. קאַהאַן׳ס דוד לעווינסקי איז געווען עלענד ווי א שטיין, ניט נאָר אין אמעריקא נאָר אויך אין דערהיים. ער איז געווען א בן־יחיד א יתום, ארעם, עלענד, פאַרלאָזען, אָהן וועלכע עס איז צוגעהעריגע. אין אמעריקא איז ער געווען אזוי פאַרטאָן מיט געלד מאַכען, אז ער האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט חתונה צו האָבען.

מיט די אנדערע, מיט די גרויסע מאַסע פון אימיגראַנטען, איז עס אנדערש צוגעגאַנגען.

אזוי שנעל ווי מען האָט זיך גענומען ארויפאַרבייטען, האָט מען אָנגע־הויבען אריבער צו נעמען די עלטערען, מיט די איבריגע קינדער, מיט אנדערע פון דער משפחה. אייניגע, גלויבענדיג אז אין אמע־ריקא קען מען ניט געפינען קיין רעכט מיידעל, האָבען זיך אימפּאָרטירט כלות פון דערהיים, אָדער אויסגעשריעבען זייערע געליעבטע, וועלכע האָבען אויף זיי געוואַרט. די כלות האָבען דאַן אריבערגענומען זייערע עלטערען מיט די איבריגע קינדער.

אזוי ארום איז דאָ מיט אמאָל אויפגעוואַקסען אן אלטער דור, א דור, וואָס האָט געהאַט זיינע ווארצלען אין דער אלטער היים, וואָס איז אי־בערגעפלאַנצט געוואָרען פון אנ׳אנדער באָדען. א שווערע, קאָנסערוואַ־טיווע משא האָט זיך מיט אמאָל ארויפגעלעגט אויף דעם דור, וואָס איז ערשט נעכטען געווען אזוי פּראָגרעסיוו.

דער אלטער דור איז אין אָנהויב ניט געווען אגרעסיוו. ער האָט זיך געהאַלטען, אזוי צו זאָגען, אין דער מדריגה. ער איז מייסטענס געווען אָפּהענגיג פון די קינדער. ער האָט פאַרלוירען די פריהעריגע מאַכט, און ער האָט זיך באַגניגענט מיט באַוויינען אמעריקא און דאָס אייגענע מזל.

געווירקט האָט דער דור פונדעסטוועגען זעהר שטאַרק. ער האָט געווירקט מיט זיין אינערציע. די שווערקייט אליין, ווי יעדע שווערע משא, האָט זיך געלאָזט פיהלען. דאָס ראַפּידע לויפען פון דעם יונגען דור איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען פון דער משא, וואָס ער האָט געהאַט צו שלע־פּען מיט זיך.

ביסלעכווייז איז אויך דער דור געקומען צו זיך. ער האָט זיך איינ־געזעסען און האָט אָנגעהויבען פאָדערען זיינע רעכטע. פריהער מיט

פון קעמפען, וואָס האָט אפילו ניט דורכגעמאַכט די יסורים און די ער־נידריגונגען, וועלכע פאַלען געוועהנליך אויף דעם גורל פון דעם מענשען וואָס ארבייט זיך ארויף; א דור, וואָס איז צופריעדען מיט זיך און מיט דער גאנצער וועלט; א דור, וועמעס איינציגע שטרעבען איז צו מאַכען און — צו פארשווענדען געלט.

די פּאָליטישע צושטענדע אין אמעריקא, די קאָרופּטע פּארטיי־פּאָליטיק, און די מעגליכקייטען וואָס זי אפּערירט צו אמעריקאניזירטע יונגע לייט אָהן פּרינציפּען, האָבען דיזען צושטאַנד פיעלפאַך פארערגערט.

— אבער דאָס איז ניט אַלץ.

דער אידישער קאפּיטאַליסט אין אַלע לענדער איז אַן אויפגעקומע־נער גביר. צום טראָץ פון דער נייער דייטשער לעהרע, אז די אידען זע־נען כמעט די באשעפער פון דעם קאפּיטאַליזם, איז די גרויסע, אונגע־הייער גרויסע צאָל אידען אין דער גאנצער וועלט אימער געווען און איז נאָך היינט זעהר אָרעם. עס איז מעהר אמת צו זאגען, אז דאָס גאנצע אידישע פאָלק איז א פּראָלעטאַריער פאָלק. רייכע אידען זענען אַלע מאָל געווען נאָר נעצעהלטע. אידען קאפּיטאַליסטען אין דעם מאָדערנעם זין, האָבען זיך באַוויזען אויף דער סצענע גאַנץ שפּעט. דאָס איז נאָך מעהר אמת, און אויך נאַטירליך, פאַר אמעריקא. אידישע קאפּיטאַליסטען אין אמעריקא, די שיף'ס און די גוגענהייער'ס אריינגערעכענט, זענען דאָס גע־וואָרען זינט נעכטען, אזוי צו זאגען, זיי זענען אויפגעוואקסען אונטער אונזערע אויגען.

אויפגעקומענע גבירים האָבען צו ליידען פון פארשיעדענע זייטען. ניט נאָר ליידעט דער אויפגעקומענער גביר פון דעם וואָס די עלטערע, די מעהר איינגעזעסענע, די פריהער רייך־געוואָרענע ווילען איהם ניט אנערקענען, ער ליידט נאָך מעהר פון דעם, וואָס די אָרימע קרובים ווילען ניט פארגעסען אָהן איהם. די אָרימע שוועסטער און ברידער און אנדערע קרובים האַלטען זיך אָן איהם פעסט. ער קען זיך פון זיי ניט אפּריי־סען. ער מעג זיין ווי רייך, זיין סביבה איז אַן אָרימע. ער מוז זיך מישען מיט זיינע קרובים. צו דער זעלבער צייט קען ער מיט זיי ניט לעבען. זיין לעבען איז איצט אנדערש, ער וואוינט אין אַן'אנדער געגענד, ער רעדט אַן'אנדער שפּראַך, ער טראָגט אנדערע קליידער. אין די אַלע יאָהרען, וואָס ער איז געווען פארהאָוועט צו מאַכען געלט, האָט ער זיך

מאכט שווער דאָס פאַרוועלטס־געהן, האָט דער יונגער דור, די קינדער פון די אימיגראַנטען, זיי מיט געוואַלט געטריבען ריקווערטס.

די היגע געבוירענע קינדער פון די אויפגעקומענע, פון די האַלבע און גאַנצע „אַלרייטניקעס" זענען אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין אַ גאַנץ נייע סביבה. ביי זייערע עלטערען איז נאָך ווי עס איז פאַרבליבען אַ שמיץ פון אידעאַלען. סיי עס איז געווען די יוגענד עראינערונג פון דער רעליגיעזער אַטמאָספערע אין דער אַלטער היים; סיי עס איז געווען די זכרונות פון דעם קאַמף וואָס זיי האָבען דורכגעמאַכט אין דערהיים געגען דעם רעליגיעזען דרוק; סיי עס איז געווען די נייע אידעאַלען צו וועלכע זיי האָבען געשטרעבט איידער זיי האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט — אַזוי צי אַזוי, עטוואָס איז פאַרבליבען פון דער אַמאָליגער גייסטיגער פיזיאָ־נאָמיע. אַמאָל, ווען קיינער האָט ניט געזעהן, אין דער שטיל, פאַר זיך אַליין, האָבען זיי אַ טראַכט געטאָן וועגען דער נשמה, און ניט איינער פון זיי האָט געזינדיגט אין געדאַנקען, טראַכטענדיג, אַז דעמאָלט האָט זיך געלעבט בעסער. מען האָט טאַקע געהאַט ווייניגער געלט, אַבער אויף דער נשמה איז געווען לייכטער. דאָס האַרץ האָט געאָטעמט פרייער, די האָפנונגען האָבען געשלאָגען העכער און אין גאַנצען איז מען געווען מענש־ליכער.

ביי די קינדער האָט דאָס אַלץ געפעלט.

קיין קאַמף און קיין שטרעבען. קיין רעליגיעזער לאַסט און קיין עקאָנאָמישער דרוק!

זיי זענען געקומען צו אַלעם גרייטען. די טאַטעס האָבען פאַר זיי גע־וואונען דעם קאַמף, נאָך איידער זיי זענען געבוירען געוואָרען.

די טאַטעס זענען געווען באַשעפטיגט מיט מאַכען געלט, די קינדער האָבען זיך געהאָדעוועט אין גאַס, אויפ'ן בעסטען אופן אין די הויך־שולען אָדער קאַלעדזשעס, וואו אַטלעטיקס האָבען פאַרנומען דעם הויפּט פּלאַץ.

ווען די יונגע לייט זענען נאָכהער געקומען צום טאַטען אין געשעפט, אָדער האָבען זיך גענומען צו די פּראָפעסיעס, האָבען זיי זיך ווידער גע־פונען אין אַן אַטמאָספערע, וואו געלט־מאַכעריי און ציניזמע וויצען באַ־פרידיגען די מאַטעריעלע ווי די גייסטיגע באַדירפניסען.

עס איז אַזוי אַרום אויפגעוואַקסען אַ דור, וואָס ווייס ניט פון עט־וואָס הייליגעס, וואָס האָט קיין אידעאַלע שטרעבונגען, וואָס ווייס ניט

פונקט ווי דעם מיטעל קלאַס מענשען, פעהלט אויך דעם אידישען „מאגנאט“ א גייסטיגע סביבה. דער ניט אידישער באנקיר מאכט מיט איהם געשעפטען, בארגט פון איהם און לייהט איהם געלט, קוגעל עסען וויל ער מיט איהם ניט. עס איז ניט ווי שיילאק באהויפּטעט, אז ער וועט טוען געשעפטען מיט דעם קריסט, נאָר עסען צוזאמען מיט איהם וועט ער ניט. עס איז פונקט פארקעהרט, די מאָדערנע „שיילאקס“ זענען זייער גאר צופריעדען צו עסען מיט די אנטאָניאָס. עס זענען די אנטאָניאָס, וואָס לאָזען דעם אידען ניט אויף זייער שוועל. פונקט ווי דער אַלרייט־ניק מוז זיך צוזאמענקומען מיט זיינע אָרימע קרובים, מוז דער גרויסער גביר זיך באגעגענען מיט זיינע אָרימע אידען, די אידישע פּראָלעטאַ־ריער. אהן זיי קען ער ניט לעבען. ער מוז זיך מישען מיט דעם אידישען אָרימאַן, ער מוז האָבען וועמען צו געבען צדקה. זיין גאנצע עפענטליכע עקזיסטענץ, זיין פּאָליטישער איינפלוס איז אָפּהענגיג פון דעם. מיר זעהן דארום די קלאסענבאוואוסטע אידישע מיליאָנערען זיך מישען אין סטרייקס פון אידישע ארבייטער געגען אידישע קאפּיטאַליסטען, העלפען סטרייקערס מיט טויזענדע דאָלארס, און זוכען צו פּאראינטערעסירען די אידישע ארבייטער אין אנדערע אונטערנעהמונגען.

אין דיזער ארבייט איז דער מיטעל קלאס א נוצליכער פאקטאָר. „ברב עם הדרת מלך“. אום אזא ארבייט זאָל האָבען דעם געוואונשטען ערפאָלג, מוז מען האָבען א פּובליקום, וואָס זאָל אלע מאָל שטעהן גרייט אנצופילען א גרויסען באנקעט האָל. דער מיטעל קלאס, וועלכע האָפּט און שטרעבט צו קומען נענטער צו די גבירים, שטעהט אלע מאָל גרייט צו טוען דיענסט. דאָס אינטערעסאנטע דאבײ איז, — און דאָס איז אנ'אנדער סימן פון דעם רעאקציאָנערען ווינד, וואָס בלאָזט פון אַלע דעקער — דאָס אינטערעסאנטע איז, וואָס אויך די אידישע ארבייטער שטאָלצירען מיט אָט דיזע רייכע „קרובים“, פונקט ווי זיי שטאָלצירען מיט זייערע קרובים, די אלרייטניקעס. דאָס ווייזט זיך אם בעסטען ארויס אין די ארבייט פון „די פּיפּעלס רעליעף קאָמיטע“, די אָרגאַניזאַציאָן, וואָס זאמעלט געלט פאר די מלחמה קרבנות אין אייראָפּא. פון איין זייט זוכען די גרויסע מיליאָנערען צו זאמלען געלדער פון די אידישע ארבייטער, הגם יעדער איינער פון זיי קען געבען מעהר ווי הונדערט טויזענט ארבייטער קענען געבען, פון דער צווייטער זייט, רייסען זיך די אידישע

אויסגעטאָן פון אַלעמען. געלט איז געווען זיין גאָט און זיין רעליגיע. פון זיינע קרובים האָט ער זיך דערוויטערט, זיינע קינדער האָבען זיך פון איהם דערוויטערט. די אַלטע פריינד דערקענט ער ניט, די נייע פריינד ווילען איהם ניט קענען. איצט ווען ער איז עלטער, ווען ער איז רייך, ווען ער קען שוין מעהר ניט האָווען און האָט ניט קיין כוח נאָכצוּ־געהן וועלטליכע תענוגים — א זאַך, וואָס ער האָט אויך אין זיינע יונגערע יאָהרען פאַרנאַכלעסיגט — איצט נעמט ער זיך רייבען די אויגען. ער געפינט זיך איינזאַם און פאַרלאָזען, אָהן ווייסען און אָהן געוויסען. גאָט האָט ער שוין לאַנג פאַרלוירען, און ער פעהלט איהם אויך ניט. ער זוכט איהם ניט, ניט אין הימעל און ניט אין די וואַלקענס; צו געבען צדקה מיט א ברייטער האַנט, ווי עס טוט דער עלטערער און דער גרעסערער גביר— צו דעם האָט ער זיך נאָך ניט אַרויפגעאַרבייט. אָדער דער בייטעל דער־לאָזט ניט, אָדער די האַרץ דערלאָזט ניט. דער רעזולטאַט איז א פּוסט־קייט, א לאַנגוויילען זיך, אַן אַלגעמיינעם געגעצען. קיין שטרעבען, קיין זוכען, קיין האָפען. דאָס האַרץ איז פּוסט, דער קאָפּ איז לעהר, די צייט איז פּוסט. עס איז נאָר פאַרבליעבען אַן אונבאַשטימטעס בענקען, אַן ער־אינערונג אַן א צייט, וועלכע איז געווען פול מיט חלומות, מיט שטרע־בען, מיט האָפנונג, הגם עס האָט געפעלט די קאַנטענגמענט.

דיזער חלול מוז אויסגעפילט ווערען.

קאָרטען שפּיעלען מיט אַנדערע, וועלכע געפינען זיך אין דעמזעל־בען צושטאַנד, און שעהן קלינגענדע רעדעס פון ליידיגע ראַביים און רע־פאָרמירטע טעמפּלען־רעדעס, ראַביים און טעמפּלען, וואָס פאַרפליכטען קיינעם ניט צו קיין זאַך — זענען דאָס בעסטע מיטעל אויסצופילען דיזע הוילקייט.

דערפאַר שפּיעלט יעדעם הויז אין קאָרטען, און כמעט יעדע אידישע גאַס אין די רייכערע געגענדען האָט א רעפאָרם־טעמפּעל. און כדי דאָס זאָל ניט פאַרמיאוסט ווערען, זענען דאָ די „באַוועגונגען“, אי דער אַלגע־מיינער ציוניזם, וואו מען קען זיך אויסקויפען פון דעם און׳ברחמנות׳־דיגען געוויסען מיט א שקל, און די טשאַריטיס, וועלכע גיבען דאָס רעכט אַרויסצוטרייבען יעדען אָרימאַן פון הויז.

אין איין פּונקט באַגעגענט זיך דער אידישער גרויסער גביר מיט דעם איד פון דעם מיטעלקלאַס, מיט דעם אַלרייטניק. —

שפּאַרעס, דורך וועלכע אַ שטראַל פון דער זון גנב'עט זיך פון צייט צו צייט אַריין. אַלע רייסען זיך צו דער ליכטיגער וועלט דורך די שפּאַרעס, אָבער זיי קענען דעם אויסגאַנג ניט געפינען. דורך לאַנגע מאַטערניש געלינגט עס אייניגע ווי עס איז זיך אַרויסצוכאַפּען, די גרעסטע צאָל אָבער האַלט אין איין טאַפּען, אין איין רייסען זיך פון איין עק צום אַנ־דערען און קען זיך ניט אַרויסרייסען.

פון דער גאַנצער השכלה באַוועגונג, איז עס געלונגען נאָר אַ קליינע צאָל זיך צו דערשלאָגען צו אַן אמת'ע בילדונג. די איבריגע, די גרויסע מאַסע, האָט אָדער נאָר געכאַפּט אַן אָנהויב פון בילדונג, אָדער ניט מעהר ווי די פּראַזען וועגען בילדונג. דער איינציגער וועג וואָס איז פאַר זיי געווען אָפען איז געווען די העברעאישע ליטעראַטור, און דיזע איז באַ־שטאַנען מעהרסטעמס אָדער פון „מאמרים“, פול מיט פּראַזען, אין וועלכע דאָס „לשון“ איז געווען דער עיקר, אָדער פון שלעכט געשריעבענע ראָ־מאַנען.

דיזע יונגע לייט זענען געווען פול מיט פייער, פול מיט שטרעבען און באַגייסטערונג צו טוען גרויסע זאַכען. די פרייע לופט וואָס זיי האָבען דער־שמעקט אין דיזען לאַנד, איז ביי זיי געווען טייערער ווי ביי די איינגע־בוירענע אַמעריקאַנער. זיי האָבען בעסער פאַרשטאַנען דעם ווערט פון דיזער פרישער, פרייער לופט, ווייל זיי האָבען איהר פאַרגליכען מיט דעם שטיקעניש און דריקעניש אין דעם לאַנד, וואָס זיי האָבען נאָר וואָס פאַרלאָזען. דיזע פרייע לופט האָט זיי געקרעפטיגט און צוגעגעבען נאָך מעהר חשק אויסצופיהרען די בילדונגס־פּלענער, פון וועלכע זיי האָבען אין דערהיים אפילו ניט געקענט טראַכטען. איין קלייניגקייט איז געשטאַ־נען אין וועג. ס'איז ניט געווען קיין ברויט.

מיט 25־30 יאָהר צוריק איז געווען אַנדערש ווי היינט.

היינט צו טאָג, מיט די גרויסע אידישע באַפעלקערונג, מיט די פיעלע אידישע צייטונגען; מיט די אידישע טעאַטערע; מיט די גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציעס, לאָדזשען און אָרדענס; מיט די פאַרשיעדענע ריין אידי־שע באַוועגונגען, איז עס לייכט פאַר אַ אידישען אינטעליגענט, אפילו פון באַשרענקטע בילדונג און מיטעלמעסיגע פעהיגקייט, זיך שנעל צו אַקלימאַטיזירען און צו מאַכען אַ בכבוד'ען לעבען.

אין די ערשטע יאָהרען איז די זאַך גאַר ניט געווען אַזוי לייכט. אי־

אַרבייטער פיהרער דוקא צו שיקען די געזאַמעלטע געלדער צו די גרויסע גבירים, הגם זיי ווייסען גאַנץ געגוי, אַז די געלדער וואָס „די פּיפּעלס רעליעף קאָמיטע" זאַמעלט קומען אַריין אין דערזעלבער קאַסע, און זענען פּונקט אַזוי זיכער.

אָבער דאָס איז אַן אַנדער קאַפּיטעל. דאָ רעדען מיר פון דעם אידישען באַלעבאָס, דעם אידישען אַלרייטניק, און דעם אידישען גביר. דיזע דריי גרופּען צוזאַמען מאַכען אויס אַ גרויסען טייל פון אונזער אידישע באַפעלקערונג אין דיזען לאַנד.

4.

ניט אַלע אידען האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט פון דער אינדוסטריע אָדער האַנדעל. ניט אַלע זענען געוואָרען קאַפּיטאַליסטען, אָדער האַלב קאַפּיטאַליסטען, און ניט אַלע זענען געוואָרען נאָדעל־אַרבייטער. צווישען די דערמאָנטע גרופּען שטעהט אַן׳אַנדער גרופּע, וועלכע פאַרנעמט אַ גע־וויסען פּלאַץ אין אונזער עפענטליכען לעבען; אַ גרופּע, וועלכע איז פּי־נאַנציעל זעהר גוט געשטעלט, און וועלכע האָט ניט ווייניג צוגעהאָלפען צו פערדערען דעם רעאַקציאָנערען גייסט וואָס הערשט ביי אונז.

דאָס איז די זאָגענאַנטע אינטעליגענציע.

דער אימיגראַציאָנס־שטראָם האָט פאַרשלעפּט צו די ברעגען פון דיזען לאַנד אַ גרויסע צאָל אינטעליגענטע אידישע יונגע לייט מיט אַן אָנהויב פון בילדונג, און נאָך אַ גרעסערע צאָל מיט אַ שטרעבונג צו בילדונג.

דער אָנהויב פון דער עמיגראַציע פון רוסלאַנד קיין אַמעריקאַ, פאַלט צוזאַמען מיט דער מאָדערנער השכלה פּעריאָדע אין רוסלאַנד.

יעדער איינער, וואָס איז נאָר עטוואָס באַקאַנט מיט יענער אויפוואַ־כונג־פּעריאָדע פון די רוסישע אידען, ווייס, אַז דער עצם פון יענע עפּאָכע איז באַשטאַנען ניט אַזוי פיעל אין בילדונג, ווי אין אַ זוכעניש פון בילדונג. אָבער דאָס איז געווען אַ זוכען אין דער פינסטער. עס איז גע־ווען פּונקט ווי ווען מען לאָזט אַריין אַ צאָל מענשען אין אַן ענגען, פינס־טערען צימער מיט די טיר און פענסטער פאַרהאַקט, נאָר מיט קליינע

פאַרדיענסטען צו אַט דיזע שטרעבער, און זיי געהאָלפען דערגרייכען דעם ציעל.

פיעלע פון דיזע פעלע האָבען זיך, נאַטירליך, געענדיגט מיט א דאָק־טאָר דיפּלאָמא פאַר דעם שטרעבער, און מיט א טראַגעדיע פאַר דער מיידעל. אבער דאָס געהער ניט צו אונזער טעמא. אויך זענען די שטרע־בער ניט געווען אין דער מערהייט.

די גרויסע מערהייט פון דיזע צוקינפטיגע סטודענטען, האָבען גע־פונען אן ענטפער צו זייער פּראָבלעמע אין דעם צייטונגס־סטענד. דער צייטונגס־סטענד, קען מען זאָגען, איז געווען א גרויסער פאַקטאָר אין דער ענטוויקלונג פון די אידישע פּראָפעסיאָנאַליסטען. פאַר עטליכע הונדערט דאָלאַר, מייסטענס געליהענע פון פריינד, האָט מען געקויפט א צייטונגס־סטענד, אדער א צייטונגס־ראוט, וואָס האָט געפאָדערט נאָר עטליכע שטונדען אַרבייט יעדען פריהמאָרגען, און האָט אריינגעבראַכט אַן הכנסה פון 10 ביז 15 אָדער גאָר 20 דאָלאַר א וואָך, א גרויסע סומע פאַר יענער צייט און יענע מענשען.

עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבען א סדרה פון צופאַרטיגען צום קאָ־לעדזש. פון די היימישע אינטעליגענטען איז אָפּגערעדט. זיי איז עס גע־קומען פון דער היים. עס האָבען זיך אבער באַלד צו דעם געשעפט גע־כאַפּט אנדערע. פיעלע וואָס האָבען קיינמאָל ניט גע'חלומ'ט פון שטו־דירען, וואָס וואָלטען געמיינט מען מאַכט חוזק פון זיי, ווען מען וואָלט זיי זאָ וואָס פאַרגעשלאָגען אין דער אַלטער היים; פיעלע, וואָס זענען אפילו ניט באַזעסען די אינטעליגענץ אָדער די פעהיגקייט, האָבען זיך גע־כאַפּט צום צופאַרטיגען. מאַנכע פון זיי האָבען אַזוי אָפּגעאַרבייט יאָה־רען לאַנג, זיך אויסגעקאָלופּעט די אויגען, און האָבען ניט געקענט באַ־מייסטערען דאָס ביסעל, וואָס האָט זיך געפאָדערט. די מייסטע האָבען זיך פונדעסטוועגען איספּראָוועט מיט די 12 אָדער 18 אָדער 24 „פּוינטס“, וואָס האָט זיך געפאָדערט אריינצוטרעטען אין אַן אמעריקאַנער קאָלעדזש.

צו די קליינע צאָל אמת'ע אינטעליגענטען, איז אַזוי אַרום צוגעקומען א גרויסע צאָל אמת'ע עמי הארצים, וועלכע זענען מיט אמאָל, פון העלער הויט, געוואָרען סטודענטען פון מעדיצין, דענטיסטרי און אַדוואָקאַטורי. מיט דער צייט האָבען זיי אויך באַקומען זייערע דיפּלאָמאָס, פאַרקויפט די צייטונגס־סטענדען און גענומען פּראַקטיצירען די פּראָפעסיעס.

בעראל איז געווען א תוהו ובוהו. קיין סימן פון אידישע קולטורעלע ארבייט איז ניט געווען צו געפינען. ווי אמת'ע פיאָנערען האָבען די ערש־טע אינטעליגענטען און האלב אינטעליגענטען אליין געמוזט פריהער צו־פּארטיגען זייער באדען, אליין מאכען די אינסטרומענטען, אליי באאקע־רען דאָס פעלד, אליין באשאפען א באדארפנים פאר די פּראָדוקטען, און אליין, אויף די אייגענע פּלייצעס, טראָגען זייערע פּראָדוקטען אויף דעם ליטעראַרישען מארק, און זעהר אָפט, זיי אליין געמוזט צוריק אהיים שלע־פּען, מחמת עס האָבען געפעלט די קונים.

מיט אלע אמעריקאנער גליקען. איז עס פאר דעם סאָרט יונגע לייט געווען פיעל שווערער צו מאכען א לעבען, איידער פאר די אנדערע. דער איינציגער וועג וואָס איז פאר זיי געווען אָפען, איז געווען דער סוועט שאָפּ, וואוהין זיי זענען געגאנגען מחמת אין ברירה.

לאנג זענען זיי אין דעם סוועט שאָפּ ניט געבליבען. פון דער סאָ־ציאליסטישער באוועגונג, אָן וועלכער זיי האָבען זיך אלע אָנגעכאַפּט, וועלכע זיי האָבען אייגענטליך באשאפען, האָבען זיי זיך שנעל געכאַפּט צוצופּאַרטיגען צו די קאלעדזשעס.

יענע צייטען איז דאָס אין אמעריקא געווען פיעל לייכטער ווי היינט.

דאָס פרייע אמעריקא איז אין דיזען פאַל געווען פריי און צולאָ־זען. ניט נאָר זענען דאָ ניט געווען קיין רעכטס־באשרענקונגען, ווי אין רוסלאנד, עס האָבען אויך געפעהלט די נויטיגע באשרענקונגען. די פאָדע־רונגען פון די קאלעדזשעס בנוגע צו איינטריטס־עקזאמענס זענען געווען אזוי גרינג, אזוי אונבאדייטענד, אז די פראגע פון אריינטרעטען אין אן אוניווערזיטעט איז מייסטענס געווען א פראגע פון איינטריטס־געלט, און פון פּרנסה אין צייט פון שטודיום.

די געוויסענלאָזע, די שטרעבער, און אזעלכע האָבען ניט געפעלט. האָבען די פראגע פאַרענטפערט אויף א באוואוסטען, פון לאנג אויסגע־פּרובירטען, אופן.

פיעלע עהרליכע, אינטעליגענטע און ארבייטזאמע מיידלעך, וועלכע האָבען פאנטאזירט און גע'חלומ'ט פון א שענעם, אנגענעמען און אינ־טעליגענטען פאמיליען־לעבען, און וועלכע האָבען ניט געקענט האָפען דאָס צו דערגרייכען דורך זייערע אייגענע ארבייט אין דעם סוועט שאָפּ, האָ־בען זיך געלאָזט באוועגען אָפּצוגעבען דעם גרעסטען טייל פון זייערע

5.

אין א געוויסען זין איז נאָך צו פריה צו רעדען פון דעם אמעריקאַ־נער יודענטום. עס איז אייגענטליך נאָך ניט דאָ אזא זאַך ווי אן אמע־ריקאַנער יודענטום. עס זענען נאָר דאָ עלטערע אימיגראַנטען און יונגערע אימיגראַנטען. אימיגראַנטען, וואָס האָבען זיך שוין ארויפגעאַרבייט, און אימיגראַנטען וואָס האָבען זיך נאָך ניט ארויפגעאַרבייט; אימיגראַנטען וואָס האָפען נאָך זיך ארויפצואַרבייטען, און אזעלכע וואָס האָבען די האָפנונג שוין אויפגעגעבען.

מיט פיערציג יאָהר צוריק איז אין דיזען לאַנד אודאי געווען ניט מעהר ווי א טויזענד רוסישע אָדער גאַליצישע אידען. די ריכטיגע אי־מיגראַציע פון די רוסישע אידען האָט זיך אָנגעהויבען ערשט אין די אַכ־ציגער יאָהרען פון דעם לעצטען יאָהרהונדערט, און זיי זענען ניט אַלע געקומען מיט אמאָל. דער עלטעסטער אימיגראַנט שטעקט אזוי ארום נאָך גאַנץ טיעף מיט זיינע װאָרצלען אין דער אַלטער היים.

דאָס אמעריקאַנער יודענטום איז גיכער אין א פּראָצעס פון ווערען. עס מאַכט זיך איצט. יעדער נייער שטראָם פון אימיגראַציע, אויב ער איז נאָר שטאַרק גענוג, מאַכט אן איינדרוק אויף דעם כאַראַקטער פון דעם אמעריקאַנער יודענטום, צום שלעכטען אָדער צום גוטען. מיר דאָ באַ־זיצען דיזעלבע מעלות און דיזעלבע חסרונות, דיזעלבע פעהיגקייט און דיזעלבע אונפעהיגקייט, וואָס זיי דאָרט באַזיצען.

דער ערשטער דור פון אימיגראַנטען, ווייל ער איז געווען דער דור פון די משכילים אפּיקורסים, איז געווען א דור פון פּאָרטשריט און פּראָג־רעס. דיזער פּאָרטשריט איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען פון דער ווייטערער אי־מיגראַציע, ווי מיר האָבען געזעהן, ווייל די אימיגראַנטען זענען געווען פון אַנ'אַנדער כאַראַקטער. דער היינטיגער צושטאַנד פון רעאַקציע, די היינטיגע באַוועגונגען און טעטיגקייט פון די אידען אין אמעריקאַ, איז צום גרויסען טייל באַאיינפלוסט פון דער אימיגראַציע, וואָס איז אָנגעקומען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע פון 1905, און נאָך איהר.

וואָס דאָס יודענטום דאָ זאָל ווערען, ווענדט זיך אָן דעם, וואָס דאָס יודענטום דאָרטען איז.

מיט דער וואקסענדער אידישער באפעלקערונג, וואס האבען זיך גע־נויטיגט אין דער הילף פון דיזע פּראָפעסיאָנאַליסטען, הויפּטזעכליך צו־ליעב דעם, ווייל זיי האבען צו זיי געקענט רעדען אויף דער אייגענער שפּראך, און מיט דער הילף פון די אונצעהליגע לאַנדסלייט פאראיינען. וואס זענען דאָ שנעל אויפגעוואקסען, איז געשאַפען געוואָרען א ברייט פעלד פאר די פּראָפעסיאָנאַליסטען, און זיי האָבען פּראָספּערירט און זיך שנעל ארויפגעארבייט. מען האָט געמאכט פיעל געלט, געשפּעקולירט אין ריעל עסטייט, געליהען געלט אויף מאָרטגיידזשעס, געקויפט אויטאָמאָ־בילס און געשפּיעלט אין פּינאקעל. אָהן פּינאקעל געהט עס ניט.

דאָס אלעס איז זיך געווען גאַנץ גוט. אבער די אמאליגע פּרינצי־פּען, דער אלטער ליבעראַליזם איז געשטאַנען ווי א ביין אין האלדז. דער פּינאקעל איז ניט באַקומען. דאָס לייהען געלט אויף הויכע פּראָצענטען איז ניט איינגעגאַנגען. „דאָס קאַפּיטאַל" פון קארל מארקס האָט גערדריקט ווי א שווערע משא און האָט זיך בשום אופן ניט געקענט אויסגלייכען מיט דעם קאַפּיטאַל פון ריעל עסטייט און הויכע פּראָצענטען.

די גייסטיגע און געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט איז דערווייל פאר־שוואונדען, די ארבייטער באַוועגונג, אָדער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט ניט מעהר אינטערעסירט, און קיין אנדערע גייסטיגע אינטע־רעסען זענען ניט געווען. געהן אין שול אָדער אין טעמפּעל האָט מען ניט געקענט, — אויף דעם איז מען דאך אן אינטעליגענט, הגם איינינע, גע־צעלטע, האָבען אויך דאָס געטאָן. דערווייל זענען אונטערגעוואקסען קינ־דער, און פאר זיי האָט מען געהאט נאך וועניגער ווי פאר זיך. יעדער טאָג איז געווען גלייך. שבת ווי זונטאג, זונטאג ווי מאָנטאג, קיין יום־טוב, קיין שבת, קיין גייסטיגע אטמאָספערע אין הויז. די סיטואַציע איז געווען א שווערע. דאָס לעבען איז ניט געווען ניחא.

די רוסישע רעוואָלוציע, וואס האָט זיך געענדיגט, אָדער ריכטיגער, וואס האָט זיך אָנגעפאַנגען, אין דעם יאהר 1905, האָט אריינגעבראכט אן ענדערונג אין דיזע סיטואַציע, און האָט ארויפגעלעגט איהר שטעמ־פּעל אויף דעם כאראקטער פון אלע טעטיגקייטען פון דיזער גרופּע, וועלכע האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט די אנדערע גרופּען.

שיעדענע אנדערע צוועקען, האָט דער באנקעט זיך ענטוויקעלט ערשט שפּעטער. דער אורשפּרונג, ווי די פּאַטערס פון דעם באנקעט האָבען איהם פאַרשטאַנען, איז געווען נאָר פאַר געלט זאַמלען. ווער עס האָט ניט געהאַט קיין געלט איז לכתחילה ניט געוואָרען געלאַדען צו אַזאַ באנקעט, און ווער עס איז געווען געלאַדען און האָט ניט געוואָלט געבען, האָט גע־וואוסט אז ער דאַרף זיצען אין דער היים.

דאָס איז געווען אנגענעם פאַר ביידע צדדים. איין צד האָט געקראָגען דאָס געלט, און דער צווייטער צד האָט געקראָגען די געלעגענהייט ווי־דער אמאָל צו קומען אין א ווארימע אטמאָספערע פון שענע און הויכע אידעאַלען און פראַזען, און דאַביי ניט באדאַרפט זיך צו קאָמפּראָמיטירען. מען איז ווידער געוואָרען רעוואָלוציאָנער — פאַר פרעמדע רעוואָלוציע; מען איז געוואָרען ליבעראַל אַהן וועלכע עס איז מאָראַלע פליכטען. צו זיין אַזאַ רעוואָלוציאָנער איז אין יענע צייטען געווען ניט געפעהרליך אפילו אין דער דעמאָקראַטישער אמעריקאַ.

צווישען דיזע משולחים איז געווען איינער, וואָס האָט געבראַכט נייע געדאַנקען פאַר דיזער אינטעליגענציע, געדאַנקען וועלכע האָבען זיי געגעבען דעם ערשטען באוואוסטזיניגען שטויס צו דער רעאַקציע.

די געדאַנקען זענען אין אמת׳ן ניט געווען ניי, און דער טרעגער פון דיזע געדאַנקען האָט זיכער ניט געמיינט צו ברענגען די רעזולטאַ־טען, וועלכע ער האָט ווירקליך געבראַכט. פאַר אונזערע אינטעליגענץ אבער זענען זיי געווען שפּאָגעל ניי און — העכסט ווילקאָמען.

איך רייד דאָ וועגען דר. זשיטלאָווסקי.

דר. זשיטלאָווסקי איז געקומען אהער זאַמלען געלט פאַר דער פּאַר־טיי סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען. אבער אזוי ווי קלייבען געלט איז ניט זיין פאַך, האָט ער זיך גענומען פאַרשפּרייטען אידעען.

אָנגעהויבען האָט דר. זשיטלאָווסקי מיט א קריטיק פון דעם מאַרק־סיסטישען געדאַנקענגאַנג. זיין ערפאָלג איז געווען א געוואַלדיגער. איבער נאַכט איז ער געוואָרען באריהמט. די אינטעליגענציע האָט געהאַנגען ארום איהם ווי ביהנען ארום א ביהנענשטאָק. זיין רוהם איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג.

וואָס איז געווען דער סוד פון דעם אונערהערטען ערפאָלג?

זעהר פיעל, נאַטירליך, דאַרף מען פאַרשרייבען אויף דעם חשבון

דאָס אמעריקאנער לעבען מיט איהרע פרייע אינסטיטוציעס, מיט איהר ברייטען שניט, מיט איהר אונטערנעמונגס־גייסט, מיט איהר רייכ־טום, מיט איהר פרייגיביגקייט, מיט איהר זאָרגלאָזיגקייט און אונבאַ־שרענקטע מעגליכקייט, האָט נאַטירליך אריינגעבראכט אין אונז דאָ א באוואוסטזיין און א ברייטקייט, וועלכע מיר דאָרט האָבען ענטוועדער ניט פאַרמאָגט, אָדער, אויב מיר האָבען עס יאָ פאַרמאָגט, ניט געהאַט די מעג־ליכקייט דאָס ארויסצובריינגען מכוח אל הפועל. אויף אזוי פיעל זענען מיר ווירקליך אנדערש ווי אונזערע ברידער דאָרט. אבער דיזע שטריכען זענען ביי אונז לעת עתה נאָך ניט קיין צווייטע נאַטור. די ווארצלען פון אונזערע טראַדיציעס ליעגען נאָך דערווייל דאָרט. אין פיעלע הינזיכטען אונטערשיידען מיר זיך דאדורך וועניג פון זיי. מיט פיעל יאָהרען שפּע־טער, אפשר יאָ, דערווייל — נאָך ניט.

די לעצט דערמאָנטע אימיגראַציע, האָט דארום געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף אונזער גייסטיגען לעבען דאָ.

אָנגעהויבען האָט זיך דער פּראָצעס גאַר גוט. עס האָבען אָנגעהויבען צו קומען משולחים פון רוסלאנד צו זאמלען געלט פאר דער רעוואָלוציע. דאָס איז געוועזן א גוטער איינפאַל פון זיי, און א גוטע זאך פאר אונז. עס האָט אויפגעוועקט אונזערע אינטעליגענטען פון זייער לעטאַרגישען שלאָף. ווי ווייט איינער זאָל ניט האָבען געוועזן אוועק פון די אלטע אי־דעאַלען, פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט ער אין הארצען אימער באהאַלטען א ווארם ווינקעל. א חוץ דעם איז די זאך גופא געוועזן באַ־קוועם. ביז דעמאָלט איז פון אלע אמאָליגע טעטיגקייט און אידעאַלען נאָר געבליעבען דער ניי־יאָהר'ס באַל פון די רוסישע (דאָס הייסט די אידישע) סאָציאַל דעמאָקראַטען אלס זכר לטיט. דיזער באַל איז געוואָ־רען דער זאמעלפּונקט פון אלע סאָציאַליסטישע אלרייטניקעס, וואו די דאַמען האָבען מיט זייערע דימענטען און קליידער געקענט באווייזען די העכערע פעהיגקייטען פון זייערע מענער.

מיט דער צייט זענען דיזע בעלער געוואָרען אזוי געפּאַקט, אז דאָס האָט זיך קוים מעהר איינגעגעבען. די צייט איז געוועזן ראוי פאַר אַנ'אַנדער טעטיגקייט פון דעמזעלבען מין.

אונזערע משולחים האָבען, זעהר געשיקט, איינגעפיהרט דעם באַנקעט אלס מיטעל צו זאמלען געלט. צו א באשטענדיגע אינסטיטוציע פאַר פאַר־

באשרענקטע פיזישע קראפט. צו זיין אויסגעלאסען דארף מען האבען כוח, און דאס פעהלט דעם אידען.

די ענטווישונג, וואס דער אויסגאנג פון דער רעוואלוציע האט מיט זיך געבראכט, האט ביי די אידען געפונען איהר אויסדרוק אין אל־געמיינעם פעסימיזם, וואס האט אין פיעלע פעלע געטריבען צו זעלבסט־מארד.

פיעלע פון די, וואס האבען ניט געהאט די פייגהייט צו באגעהן זעלבסטמארד, האבען אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא.

דיזע נייע אימיגראציע איז ניט מעהר געווען דאס רויה־מאטעריאל פאר פארטשריטליכע באוועגונגען, ווי עס איז געווען די ערשטע אידישע אימיגראציע. די נייע אימיגראציע איז געווען, פונקט פארקעהרט, פון א סארט וואס האט שוין געהאט דורכגעמאכט אלערליי באוועגונגען; וואס איז שוין געווען אין פייער און האט זיך אפגעבריהט; וואס איז געווען מיד און מאט, ענטוישט און נידערגעשלאגען; וואס איז געווען זאט, איבער זאט מיט רעוואלוציע; וואס איז גיכער געווען פארטיג, אויף ווי־פיעל עס איז נאך געבליעבען כוחות, צו געהן ריקווערטס.

די אידען פארפאלונגען אין רוסלאנד זייט דעם יאהר 1905 האט, פון דער אנדערער זייט, אהער געטריעבען א שטראם פון אלערליי אנדערע אידען, וואס זענען אין דער־היים געווען טעטיג אין נאציאנאלע באוועגונגען.

צו די צוויי גרופען זענען שנעל צוגעשטאנען די פריהער כאראקטע־ריזירטע, ענטוישטע און פילאנטראפיזירענדע אלרייטניקעס, און די פון מארקסיסטישען עול נאר וואס באפרייט געווארענע אינטעליגענטען. דער נאציאנאלער באדען האט זיי אלע פאראייניגט. עס איז באשאפען געווא־רען די מעגליכקייט פאר א גרויסע אידיש נאציאנאלע באוועגונג.

די באוועגונג האט ניט געלאזט ווארטען אויף זיך לאנג.

נאך פארשיעדענע פראבעס אין טעריטאריאליזם, סיימיזם און ציו־ניזם, וואס זענען דא געמאכט געווארען זייט דעם יאהר 1905, האט די באוועגונג זיך ענדליך קריסטאליזירט אין איין ציוניסטישע באוועגונג מיט דריי פארשיעדענע געשטאלטען. א נייער מין דריי־איינינקייט, א אידישע דריי־איינינקייט.

פון דעם זעהר באַדייטענעם רעדנער טאַלאַנט, און הויכע אינטעליגענץ פון דר. זשיטלאָווסקי. אַבער דאָס איז ניט געווען דער עיקר, ווי די שפּע־טערע ערפאַהרונג האָט געלערענט. דער עיקר איז געווען, און דעם סוד האָט דר. זשיטלאָווסקי שוין אודאי ביז היינט אויסגעפונען, וואָס מיט זיין קריטיק האָט ער פון זיי אראָפּגענומען די קייטען פון מאַרקסיזם. ער האָט באַפרייט זייער גייסט פון אַן עול וואָס איז געווען אונערטרעגליך. פון איהם האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז די מאַטעריעלע באַדינגונגען זע־נען ניט דער הויפּט פּאַקטאָר אין דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג. ער האָט זיי דערצעהלט, אַז עס איז די לעבעדיגע, ווירקענדע אינטעלי־גענץ, ניט די טויטע, עקאָנאָמישע אומשטענדען, וואָס שפּיעלט דעם ערשטען פּיעדעל אין דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען.

א שטיין איז אראָפּ פון האַרץ!

ווי דער בורזשואַ אין מאַליער׳ס קאָמעדיע, וואָס האָט זיך דער־וואוסט, אַז ער האָט דאָס גאַנצע לעבען גערעדט פּראָזאַ, האָבען זיי זיך דערוואוסט וואָסער גרויסע ראָלע זיי שפּיעלען אין לעבען.

די אינטעליגענציע, האָבען זיי זיך געטראַכט — דאָס זענען דאָך מיר!

א שאַד, וואָס זיי האָבען דאָס ניט פריהער געוואוסט. דער פּינאַקעל וואָלט גאָר געהאַט אַנ׳אַנדער טעם.

ניט לאַנג האָט געדויערט די גדולה פון אונזער פריינד זשיטלאָווסקי. אַזוי שנעל ווי זיי האָבען אויסגעפונען, אַז די אינטעליגענץ, וועלכע ער מיינט, איז ניט די אינטעליגענץ וואָס זיי מיינען, האָבען זיי זיך פון איהם אָפּגעווענדעט. אָבער די ארבייט איז געווען געטאַן. ניט ווילענדיג און ניט וויסענדיג האָט ער אראָפּגעקייקעלט דעם גרויסען שטיין, וואָס האָט געלאַסטעט אויף זייער געוויסען.

דערווייל האָט די רעוואָלוציע זיך געענדיגט מיט א גרויסע ענטוי־שונג פאַר אַלעמען. די טעטיגקייט אין רוסלאַנד האָט זיך איינגעשטעלט. דעם פּלאַץ פון די פריהעריגע אידעאַלען האָט פאַרנומען דער סאַניניזם, די אויסגעלאַסענהייט אויס פּרינציפּ.

ביי די אידען האָט דער סאַניניזם ניט געקענט האָבען קיין גרויסען אָפּגאַנג. דער טהרת המשפחה געפיהל, איז ניט נאָר א רעזולטאַט פון מאָראַלישע קראַפט, ער איז אין א גרויסע מאָס אויך דער רעזולטאַט פון

באַטייליגען אין רעאַקציאָנערע באַוועגונגען. דער עיקר איז, אַז די גאַנצע טעטיגקייט, דער הויפּט כאַראַקטער איהרער איז רעאַקציאָנער.

וואָרים יעדע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אין תוך רעאַקציאָנער.

דער פונדאַמענט אויף וועלכען די נאַציאָנאַלע באַוועגונג בויט, איז די פאַרגאַנגענהייט, דאָס מיטעל וואָס זי באַנוצט צו דערגרייכען איהר ציעל, איז די אָבגעזונדערטהייט. די ביידע זאכען שמעקען מיט רעאַקציע.

פונקט ווי דער יחיד, ווען ער שליסט זיך איין אין דעם אייגענעם איך, מוז ער אָנקומען צו פעסימיזם און רעאַקציע, אַזוי מוז אַ פאָלק, ווען עס שליסט זיך איין אין זיך, ווערען רעאַקציאָנער.

אין אַנאַנדער צייט וואָלט אפשר געווען נויטיג דיזע באַהויפּטונג צו באַגרינדען. היינט צו טאָג, מיט די פּאַסירונגען אין פּוילען און אוקראַינאַ, איטאַליען און די יוגאָ סלאַווען, און אַנדערשוואו, פאַר אונזערע אויגען, זיינען די באַווייזע איבערפליסיג.

די צוויי שלאַג ווערטער, די גרויסע אידעאַלען מיט וועלכע פּרעזידענט ווילסאָן האָט, מען קען זאָגען, עלעקטעריזירט די גאַנצע וועלט, זיינען געווען: דעמאָקראַטיע און די זעלבסט באַשטימונג פון די נאַציאָנען. אין דער היץ פון דער מלחמה, ווען אַלע נערווען זיינען געווען אָנגעשטרענגט, איז קיינעם ניט איינגעפאַלען צו אַנאַליזירען די צוויי באַגריפען. מען האָט עס אָנגענומען פאַר אַ כלל, אַז דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלע זעלבסט באַשטימונג געהן האַנד אין האַנד. אַרויסגעצייגט האָט זיך דער היפּוך. די צוויי באַגריפע שליעסען זיך אויס. נאַציאָנאַלע זעלבסט באַשטימונג וויל ניט זיין קיין מחותן מיט דעמאָקראַטי.

דאָס איז אמת ניט נאָר ביי אַ נאַציאָן ווי די פּוילישע, למשל, וועלכע קעמפט פאַר איהר עקזיסטעץ, נאָר אַפילו ביי אַ נאַציאָן ווי די אַמעריקאַנישע, וואָס איז שטאַרק, גרויס, רייך און זיכער. פאָלאָניזאַציע ווי אַמעריקאַניזאַציע, זיינען אַלע מאָל באַגלייט פון רעאַקציאָנערע באַוועגונגען. די לעצטע האַנדלונגען פון די ציוניסטען אין פּאַלעסטינאַ אין דער זאָגענאַנטער קאָנסטיטואירענדע פאַרזאַמלונג, די באַליידיגונגען וואָס די „אידיש שפּרעכענדע“ לעגיאָנערען האָבען דאָרט געהאַט אויסצושטעהן, זיינען שטאַרקער פון אַלע אַרגומענטען, וואָס איך וואָלט געקענט ברענגען.

דיזע באַהויפּטונג ווערט געמאַכט ניט מיט אַ לייכט האַרץ. איך בין זיך גוט באַוואוסט אין וואָסער ווידערשפּרוך איך קום מיט מיין אייגענער

מיר האָבען די אַלגעמיינע ציוניסטען, די מזרחי ציוניסטען און די פועלי ציון.

דער ערשטער סאָרט באַשטעהט הויפּטזעכליך, און ווערט געפיהרט פון דעם אַמעריקאַנער, ד. ה. פון דעם אַמעריקאַניזירטען, פילאַנטראָפּי־זירענדען טעמפּעל יודענטום, וואָס האָט זיך שוין ארויפגעארבייט, וואָס פיהלט זיך דאָ גאַנץ באַקוועם, וואָס פאַנטאַזירט וועגען ציון ניט פאַר זיך, נאָר פאַר זיינע אומגליקליכע גלויבענסגענאָסען אויף יענער זייט ים.

דער צווייטער סאָרט באַשטעהט פון די אָרטאָדאָקסישע אידען, וועל־כע האָבען מורא אַלס ציוניסטען צו דערמאָנען דאָס וואָרט „גאולה", וויייל די גאולה מוז קומען דורך משיח'ן, וועלכע, האָבען אָבער אין דער ציוניס־טישער באַוועגונג געפונען דאָס בעסטע מיטעל צו האַלטען דאָס אָרטאָ־דאָקסישע יודענטום אַלס אַן אָרגאַניזירטע, קאָנסערוואַטיווע מאַכט.

דער דריטער סאָרט באַשטעהט פון די אורשפּרינגליכע קליינע צאָהל פועלי ציון, צו וועלכע עס זענען צוגעקומען די אַלע געוועזענע, ענטוישטע רעוואָלוציאָנערען פון יענער זייט ים, און פון יענער זייט רעוואָלוציע, און די נאָר וואָס דערמאָנטע, פון סאָציאַליזם באַפרייטע, האַלב ליבעראַ־ליזירענדע אינטעליגענץ, וואָס קען ניט געהן אין שול אָדער אין טעמ־פּעל, וואָס האָט ניט דאָס האַרץ צו געבען צדקה, און וואָס מוז האָבען גייסטיגע שמעק־טראָפּען פון צייט צו צייט צו דערכאַפּען דאָס פאַר־חלש'טע האַרץ. אַלע צוזאַמען שטעלען פאָר איין גרויסע, רעאַקציאָנערע באַוועגונג.

אָט דיזע באַוועגונג איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דעם היינטיגען יודענטום אין אַמעריקאַ.

דאָס מיינט ניט צו זאָגען, אַז די אַלע, אָהן אויסנאַהם זענען רעאַק־ציאָנערען. לחלוטין ניט. עס זענען דאָ פיעלע אמת'ע פאָרטגעשריטענע מענשען. ביי די פועלי ציון איבערהויפּט זענען דאָ אַ היבשע צאָל, אַנגע־זעהענע, פעהיגע, אינטעליגענטע און וויכטיגע פּערזענליכקייטען. אָבער דאָס ענדערט ניט די זאַך. ערשטענס זענען זיי אין אַזאַ קליינע, פאַר־שווינדענדע מינדערהייט לגבי די גרויסע באַוועגונג, אַז זיי קענען קוים מאַכען וועלכען עס איז איינדרוק. צווייטענס, באַווייזט דאָס נאָר, אַז אונטער געוויסע אומשטענדען קענען אויך פּראָגרעסיווע מענשען זיך

דזשעניננגס טאָפּעל:

1) צו נפתלי גראס׳ — פּסאַלמען.

2) צו דוד איגנאַטאָוו׳ס — דאָס פאַרבאָרגענע ליכט.
(א בוך געבויט אויף מעשיות פון רב נחמן ברעסלאווער.)

3) דראנג און פאָרם — עסעי.

דר. יעקב גרינפעלד:

דער אידעען־גאנג פון דער אידישער ליטעראטור.

שטרעבונג, מיט מיינע אייגענע געפיהלען און געדאנקען בנוגע צו דער לע־זונג פון דער אידישער פראגע. אבער איך קען ניט העלפען. איך מוז קו־מען צו דיזען שלום.

קען איך אויסגלייכען דיזען געדאנק וועגען נאַציאָנאַלע באוועגונ־גען מיט מיין אייגענע שטעלונג צו דער לעזונג פון דער אידישער פראגע?

אפשר יא. דערווייל מוז איך זיך אָפּשטעלען. די ארבייט האָט זיך אויסגעצויגען צו לאנג.

ביי אנ'אנדער געלעגענהייט, וועל איך די פראגע ווידער אויפנע־מען. דאן וועלען אויך באטראכט ווערען די אנדערע קרעפטען אין דעם אידישע לעבען; די ליטעראטור, די פרעסע, די ארבייטער באוועגונג און די סאָציאַליסטישע באוועגונג, וואו עס צייגען זיך די אייגענע רעאקציאָ־נערע סימפּטאָמען.

LVIII

און ווען ער געהט אוועק דו גנה באַלייט
איהם ביז רעם וועג מיט טרייסטענדיגע פֿייער:
און בײם געזעגענען ניט שטעה צו לאַנג —
דו מאַכסט איהם שווערער נאָר רערמיט זיין גאַנג,

XIX

איך האב איעדען טאג אויף דיר געוואַרט.
דאך האט איעדער טאג מיך נאר גענאַרט.
איצט בויג איך איין מיין קאפ פון צער און פיין,
און זאג: מסתמא דאַרף אזוי צו זיין.

LXXVII

דער נביא זאָגט: ווען ס'קומט אויף איך אַ שטראָף,
דאַן לייד איך מיט, ווי ס'ליידט מיט זיינע שאָף
דער פּאַסטוך מיט. דאָך ווען עס קומט אַ פרייד
אויף איך, דאַן לייד איך אַלץ נאָך איי'רע לייד.

נפתלי גראס

LVI



דער נביא זאגט : די שווערד בלייכט אייביג שווערד
און אייביג דורשטען וועט נאך בלוט די ערד,
עס וועט אויף קינ'ס בלוט ניט איינשטילען
דאס בלוט פון הבל'ען, וואס שרייט פון דר'ערד.


דער בעטלער און דער בן מלך

צום פארבאָרגענעם ליכט.

דער בלינדער בעטלער

שפּילען און זינגען

און דער יונגער מלך איז נאָכדעם אַ נייגעבוירענער אַרויס פון וואַלד

דער אמת׳ער בעל חסד, — דער מאן וואָס מאכט די ציוט פאר׳ן
הארץ און פאר׳ן קוואל פון דער וועלט.

דזשענינגס טאפעל :

דראַנג און פאָרם.

(עסעי)

1.

אויב מיר זאָלען זיך אוועקזעצען מיט צוגעמאכטע אויגען ביז מיר וועלען דערגעהן דעם תוך פון זעהען. וואָלטען מיר געדארפט בלייבען זי־צען בלינד אויף אייביג. אזוי איז אויך אונניציג צו וועלען באנעהמען א קונסטווערק בלויז מיט'ן שכל, און דערקלעהרען דאָס גאנצע דורך זיינע באזונדערע טיילען. מיר קענען דאָס בילד בלויז פיהלען ; און דער אמת אָדער דער ליגען דערפון איז קלאָר פאר די וואָס פיהלען עס דורך דעם הארץ פון דעם קינסטלער, ווייל דאָס הארץ פון דעם קינסטלער ווייס צי זיינע אויגען זענען בלינד אָדער זעהענדיג. דער געפיהל אונטערשיידעט זיך פון געדאנק דערמיט וואָס ער באנעהמט א זאך אלס גאנצעס, אין דער צייט וואָס דער שכל שטעלט צונויף טיילען און וויל אזוי ארום מאַ־כען א גאנצעס. פאר דעם געפיהל איז דער ים איין טראָפּען וואסער. דער שכל זעהט באזונדערע טראָפּענס וואסער אין ים. און אויך דאָס זעלבע מיט'ן שליידערן פון ים : דער שכל זעהט א כוואַליע וואָס הייבט זיך אויף ווי א מויער און פאלט, און נאָך א כוואַליע וואָס הייבט זיך אויף ווי א מויער און פאלט, און נאָך איינע. דער געפיהל אבער נעהמט ארום דעם גאנצען ים, אלץ מיט אמאָל, די אָרקעסטראַציע פונ'ם ים, זיינע טווי־זענט קאָלירען, זיינע טויזענט הויבונגען און טאָלען. דאָס הארץ דערזעהט אלץ מיט אמאָל, און דאָס בלוט זידט און שטורעמט און ווארפט זיך צו־זאמען מיט'ן ים.

דער קינסטלער וואָס טראכט אויס זיינע זאכען פון קאָפּ ארויס. און צעגלידערט זיין שאפען מיט'ן קאלטען מח, נאָך איידער דאָס לייב זיינס האָט געפיבערט מיט דעם אינערליכען דראנג פון שאפען. קאָן ארויס־באקומען פון זיך ניט מעהר ווי אָפּגעריסענע שטיקלעך וואָס האלטען זיך צוזאמען נאר ווי קארעלען אויף א שטריקעל. א קונסטווערק מוז זיין עהנליך אויף א ים, וואָס איז ווי איין טראָפּען. עס מוז זיין אָפּגערונדעט און פול. און האלטען אין זיך די אייגענע קראפט. עס מוז זיין ווי א קינד

און אזוי טראַכטענדיג ווערט מיר קלאָר, אז א קונסטווערק מוז לעבען מיט דעם לעבען פון דער וועלט, און דאָס הייסט, לעבען איהר אייגענעם גאַנצען לעבען. אזוי ווי דער אָטעם פון טויזענט מענשען וואָלט ניט געקענט צוריקברענגען א טויט קינד אָדער באשאפען א לעבעדיגס, אזוי קענען טויזענט טיילען ניט צוזאמענשטעלען איין גאַנצע קונסט־זאַך. א קונסט־ווערק קען נאָר קומען פון דעם באהעפטען פון די צוויי אנטקעגענגעזעצטע כחות פון דער נאַטור: דער זאמען וואָס איז דער דראַנג אין מענשען, און דאָס פעלד וואָס איז דאָס הארץ פון מענשען. די וועלט מיט איהרע אונצעהליגע זאכען געהט אריין אין מענשען דורך זיינע פילע חושים — פיל מעהר פון די פינף וואָס מיר ווייסען — און ווערט געלייטערט אין איהם און ווערט דראַנג און באהעפט זיך מיט'ן הארץ, און דאַן צובליהט זיך די וואקסונג און ווערט א זאך פאר זיך. און ווען איינער זעהט ניט וואָס דאָ קומט פאָר און פיהלט ניט דעם רייכען טעם און ריח פון דער פלאַנץ, איז עס ניט בלויז דערפאר וואָס די שפראך איז איהם ניט צוגענגליך: די וועלט, די אינערליכע וועלט פון דעם קינסטלער איז איהם א פרעמדע, און דאָס איז דערפאר וואָס ער האָט זיך פארשטעלט דעם וועג מיט אויסערליכקייטען וואָס ער האלט פאר גרויס און טייער. דער מענש האָט אזוי צוזאַמענגעקראַמפּט דאָס לעבען, אזוי עס פארקליינליכט מיט זאכען וואָס זיינע הענט און זיין שכל האָבען געמאכט, אז ער איז בלינד געוואָרען און זעהט נאָר דאָס וואָס ער זעהט.

2.

די שפּראך און די וויַזע ווי אזוי א קונסטווערק איז צוזאמענגעשטעלט איז ניט דאָס וויכטיגסטע. דאָס וויכטיגסטע איז דאָס זי זאָל אונז געבען יענעם דראַנג וואָס איז דאָס לעבען פון דער וועלט. נאָר די וויַזע ווי אזוי א קונסטווערק איז צוזאמענגעשטעלט און דער דראַנג דערפון זענען ניט צום צעשיידען. דער דראַנג געפינט די שפּראך. דער אינערליכער לעבענסדראַנג געפינט די נויטיגע פארבען־סכעמע. אזוי ווי דאָס בלוט זינגט, אזוי טאַנצט די האנט פון דעם קינסטלער. די שפּראך מוז זיין ריין און דורכזיכטיג אזוי אז דאָס ליכטיגע פּנים פון דעם אינערליכען געפיהל זאָל ניט פארטונקעלט ווערען. די פאָרם מוז זיין ניט דער ענדציעל, נאָר טאַקע דער וועגווייזער: אָט אהין, אָט דאָ, אָט דאָ אהער. איך קוק אויף

פון דער מוטער'ס ליב ארוים, לעבען מיט זיין אייגענעם אָטעם פריש און פריי.

און דאָס לעבען ווי אונפארשטענדליך עס איז פאר אונזער שכל, איז דאָך פארט א געוויסהייט, און מיר זעהען דאָך ווי טויזענטער זאכען וואָס אונזערע הענט מאכען, זענען ניט פון דעם מין וואָס לעבען מיט דעם לעבען פון דער וועלט. מיר זעהען הייזער געבויט פאר באקוועמליכקייט און הייזער צונויפגעדרענגט ווי קופּעס טויטע, און בריקען וואָס ציהען זיך ווי שלאַנגען, און מיליאַנען לוקסוס זאכען — און זיי זענען: אלץ זאכען וואָס לעבען ניט מיט דעם לעבען פון דער וועלט. און מיר זעהען אָפּט ביל־דער און מיר לעזען ביכער און הערען אָפּט מוזיק,—וואָס אויך זיי, וואָס זייער גאנצער רעכט אויף דאַ צו זיין איז, אז זיי זאָלען רעדען צו אונז מיט דעם דראַנג פון זייער אייגענעם כח און אונז שטארקען דערמיט — אויך זיי לעבען ניט מיט דעם לעבען פון דער וועלט.

און וואָס איז דאָס אזוינס דאָס לעבען פון דער וועלט? איך ווייס ניט, איך פארשטעה ניט. עס איז אזוי ווי דער כח פון זעהען, אזוי ווי דער חוש פון הערען. איך ווייס נאָר אז איך וויבריר דערמיט, שוואך אָדער ווילד, שטארק אָדער צאַרט. איך פארשטעה ניט. ווען איך זעה א בלום און באריהר דעם סאמעט, און זעה די לייכטע רויטקייט און דעם זיסען גריין פון די בלעטלאך, פיהל איך ווי א צארטקייט באהערשט מיך ווי א חלום. די בלום האָט לעבען, און ניט בלויז ווייל זי איז פריש און יונג, נאָר אפילו אין א געפּרעסטער בלום זעה איך נאָך אלץ די ריינקייט פון קאָליר און די שעהנקייט פון די ליניען, און לעב מיט מיט איהר. און ווען דאָס מיידעל ווארפט פון זיך אראָפּ די קליידער און ענטבלויזט פאר מיר איהר ליכטיגען ליב, נעהמט עס מיך מיט אמאָל ארום מיט אזא געוואלדי־גען כח ווי דער ים וואָלט מיר פארשלונגען. דאָס מיידעל לעבט מיט'ן לעבען פון דער וועלט. און ווען איך זעה דאָס ניי־געבוירענע קינד און באריהר איהרע בעקלאך און נעהם די הענטלאך אין מיינע פינגער. פיהל איך ביז טרערהען. דאָס קינד לעבט שוין מיט'ן לעבען פון דער וועלט. און כאָטש איך וואונדער מיך אָפּט און פּרוביר דערגעהן וואָס עס איז אזוינס דאָס לעבען פון דער וועלט, זעה איך, אז איך וועל שוין קיינמאָל, קיינ־מאָל דאָס ניט וויסען, נאָר אז איך וועל עס פיהלען אימער, ווי לאַנג עס איז דאַ לעבען אין מיר, און אפשר אויך שפּעטער.

איהר און זאָגט: „דער קאָפּ איז צו קליין, און די האנט דאָ איז צו דיק“. עס זענען פאַרהאַן אַזוינע מענשען מיט קליינע קעפּ און גראָבע הענט און אונגלויבליכע פיס און עקען ווי ביי חיות. ווען אַ מאָלער מאָלט אַזוינע מענשען איז עס דערפאַר וואָס אין זיין וועלט, אין די גרויסע טראַפּיקס פון זיין הארץ לעבען אַזוינע באַשעפענישען, און ער וויל איהר זאָלט זיי קאָנען און זאָלט אַ ווײַלע פּיהלען דעם וואָוטה און די גרויסע גבורה אין די שטורעמס וואָס קענען זיך צעשפּיעלען אין זייער הארץ און אויך אין אונזער הארץ און אין אונזער בלוט.

דער קינסטלער באַזיצט דאָס רעכט, מעהר, ער האט די פליכט צו דערגעהן זיך אליין. ער אליין איז זיין טעמאַ — נאָר טאָקע ער אליין. ווייל ווען קאָן ער אַזוי גוט ווי זיך אליין? און קאָן ער זיך אליין גאָר גוט? און ווי אַזוי דערקאָנט ער זיך אליין, מיט'ן שכל? עס איז ניט מעג־ליך שטרענג פונאַנדערצעשיידען הארץ און שכל. ריינער אינסטינקטיווער אימפּולס איז ניט מעגליך. אַזאַ פּאַרטיעפען זיך ווי עס זאָל מעהר ניט הערשען דער מח איז זעלטען מעגליך. נאָר עס זענען פאָרט דאָ מינוטען. אין דעם פייער פון שאַפען, וואָס זענען כמעט בלויז הארץ, ווילדער כח פון דעם לעבען פון דער וועלט. אין די מינוטען דערקאָנט זיך דער קינסט־לער. דאָ איז זיין טעמפּעל און אַפּזערוואַטאָריע, דאָ ליגט זיין גאָט און זיין לייט. דאָ מוז ער שטעהען אין זיין נאַקעטען אמת. דאָ פאַרליעבט ער זיך אין דעם לעבען אַזוי שטאַרק, אַז ער דערפּיהלט עס און באַנעהמט עס. עס רייסט זיך אַרויס ווי אַ קרעכץ, עס רייסט זיך אַרויס ווי אַ געזאַנג, און די האנט זי טאַנצט און טאַנצט ווי אַ כשוף.

מיט יעדען טריט וואָס ער קומט נעהנטער צו זיין באַשטימונג, צו דעם ווייטען פּונקט ווי ער דאַרף זיך מיט דער צייט אין גאַנצען רעאַלי־זירען, ווערט ער איינציגוויַיז אויסגעטאָן פון די ליגענס פון פרעמדען סטיל. ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך די פרעמדע קליידער. זיין פאָרם דער־נעהנטערט זיך צו זיין אינהאַלט, ווערט איינפאַכער און ריינער, און די גאַנצע פּילפּאַכע נשמה זיינע ליגט אַ נאַקעטע אין יעדען פּינזעל־שטריך, אין יעדער פאַרבען־ווענדונג.

* * *

מיט אַ ווייסער רויז אין האנט שטעה איך אין פעלד און קוק אַהין־צו אין יענער ליכטיגער ווייט.

די שווארצע ווערטער, אויף די געבויגענע ליניעז, אויף די שטיקער פּאר־בען אין א בילד: וואס איז דאס אלץ אויב ניט א וועג וואס פיהרט ארייז מיט זיין ריטהם אין דעם הארץ פון דעם קינסטלער און אין אייגענעם הארץ?

די פארם אלזא איז אזוי ווייט וויכטיג ווי זי דינט אלס מיטעל אפּ־צושפּיגלען די אינערליכע וועלט פון'ם קינסטלער. און אזוי ווי יעדער מענש טראגט זיך ארום מיט אן אייגענע אייגענארטיגע וועלט פארשלאסען אין זיך, מוז דאך יעדער איינער האבען זיין אייגענעם סטיל אויף וועל־כען אויסצודריקען און ארויסצושפּיגלען דאס וואס איז פארהאן אין איהם. דער אינסטינקט — דאס גוטע הארץ זיינס — ווען דער שכל זאל נאר ניט שטערען צופיל, וואלט שוין געפינען א וועג ווי אזוי זיך צו אנטפּלעקען, און וואלט שוין געפונען די מאס וואס זאל זיך פּאסען צו דעם קונסט־כח. נאר אין דער פּראפּארציע ווי איינער הויבט אויף זיין שכל פארשטופּט ער ערגעץ אוועק זיין הארץ. ער פאנגט אן מיט געבארגטע פארמען און ענדיגט מיט א געבארגטע נשמה.

די ווייזע ווי דער יונגער מאלער שטעלט אויס זיין ערשטען פּאלעט, און דער פארנעהם מיט וועלכען ער הייבט אן זיין ערשט בילד. אין דער ווייזע ליגט דער כשוף און דער אינהאלט פון זיין סטיל, דער ברשית פון די אייגענארטיגע פארמען פון זיין אייגענארטיגע וועלט. נאר דער יונגער בחור האט נאך ניט די פעסטקייט פון אן איבערצייגונג, און ווען עס קומט די שולע מיט'ן לעהרער, מיט די רעגלען, צווינגט מען אויף איהם ארויף א פאלשען סטיל. און ער גראבט זיך אזוי טיעף אריין אין דעם ליגען פון דעם פאלשען סטיל, אז אפט איז ער א פארפאלענער שוין באלד ביים אריינגאנג. און אזוי ארום וואקסען אויף דורות מאלער וואס זייער סטיל קומט ניט פון זייער אינערען נאר פון דרויסען. און זייערע שאפונגען זע־נען דערפאר טויטע זאכען, די קינדער פון בלויז דעם שכל און לעבען ניט מיט'ן לעבען פון דער וועלט.

און עס טרעפט, אז ווען איינער הויבט אויפ'ס ניי אן פיהלען דעם דראנג אין זיך און זוכט זיך צו דערגעהן, האט ער א וועלט קעגען זיך. אז איהר זוכט אין א בילד דאס וואס איהר ווילט פון א טיש, א הויז, א זיי־גער! מען זאגט אייך אז א בילד מוז לעבען, רעדען צו אייך ווי א מענש— ווי א מענש וועמען איהר האט נאך ניט אין גאנצען דערקאנט — לאכט

רעען־קרייז אין א באשטימטער צייט, כאָטש אין דער זעלבער צייט זענען נאָך די אָפּגעלעבטע אידעען ניט אין גאַנצען פארשוואונדען געוואָרען און כאָטש אין דער זעלבער צייט זענען שוין ארויסגעקומען נייערע אידעען פון דער הערשענדער. וואָס עס איז ערלויבט, ווינשענסווערט און נוצ־ליך אין דער וועלט ליטעראטור איז ערלויבט, ווינשענסווערט און נוצליך אין דער אידישער ליטעראטור. דער איינציגער אונטערשיעד צווישען דער אידישער און וועלט־ליטעראטור אין דער באציהונג איז, וואָס דאָס שטיק אייביגקייט אויף וועלכער עס איז אויסגעוואקסען און זיך ענטוויקעלט די וועלט־ליטעראטור, איז אין קוואנטא פיעל גרעסער ווי דאָס פארהעלט־ניסמעסיג קליינע שטיקעל צייט אין וועלכער די אידישע ליטעראטור איז אויסגעוואקסען און זיך ענטוויקעלט. דערפאר אָבער איז דער גאַנג פון איהר ענטוויקלונג אין טעמפּא א סך שנעלער: באווייזט זיך אין דער אי־דישער ליטעראטור א געוויסע ריכטונג ווערט זי אויף שנעל פון איהרע נעגנער פאראורטיילט, פון איהרע אַנהענגער פארגעטערט, און דער קאמפּה צווישען די צוויי צדדים שפּילט זיך אָפּ מיט א נערוועזער האסטיגקייט און דער נצחון אדער דער דורכפאל איז שוין פאראן. און דערפאר טרעפט עס אין דער אידישער ליטעראטור, אַז שרייבער וואָס וואָלכ:ען ביי אַנ־דערע פעלקער נאָך אפשר ניט דערגרייכט דעם שפּיץ פון זייער בארימט־קייט האלטען שוין אין דער אידישער ליטעראטור ביי זייער אָפּלעבונגס־פּעריאָדע. איידער א שרייבער ד ע ר ל ע ב ט זיך ביי אַנדערע פעל־קער, א י ב ע ר ל ע ב ט ער זיך אין דער אידישער ליטעראטור. די דאזיגע נערוועזע האסטיגקייט, קאָן זיין, מאכט ביי אונז דאָס צוזאמענ־טרעפען פון פארשיעדענע ריכטונגען אין דער זעלביגער צייט נאָך בולט'ער.

פון דעם ביז איצט געזאָגטען ווערט פאר אונז קלאָר, אַז אונזער איינטיילונג וועט זיך מוזען זעהר ווענינ רעבענען מיט דער צייט. דער איינציגער מאסשטאָב וועט מ:זען זיין דער כאַראקטער פון דעם אינהאלט און די אייגענארטיגקייט פון דער פאָרם.

איידער מיר רעדען וועגען פארשיעדענע ריכטונגען וועט פאר אונז זיין זעהר וויכטיג צו האָבען א קליינע פאַרשטעלונג וועגען דעם, וואָס עס ווערט פארשטאַנען אונטער דעם וואָרט „ריכטונג“ בכלל. א נייע ריכ־טונג אין דער ליטעראטור הייסט ניט עפּעס אנדערש ווי א נייע אויפ־

דר. יעקב גרינפעלד:

דער אידעען גאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור

1.

אַלגעמיינע באַמערקונגען.

איך האָב די אבזיכט זיך צו באשעפטיגען אין מיין פאָרליגענדער אר־בייט מיט דעם אידעענגאַנג אין דער אידישער ליטעראטור. אויף ווי פיל מיר איז באקאנט, איז ביז איצט געשריבען געוואָרען וועגען די פארשיע־דענארטיגע ריכטונגען און שאטירונגען פון דער אידישער ליטעראטור אין פראגמענטאַרישער פאָרם: דאָ און דאָרט אן אַרטיקעל איבער מענדעלע, דאָ און דאָרט אן ארטיקעל איבער שלום עליכם און דאָ און דאָרט אן אַר־טיקעל איבער פּרץ. אָבער פון אן איינהייטליכקייט, פון אן אויפשטעלונג פון אַ געוויסען סיסטעם קען קיין רעדע ניט זיין. איך מיין ניט צו זאָגען, אז די פאָרשטעהער פון דער אידישער ליטעראטור זענען ניט ווי געהעריג אָפּ־געשאַצט געוואָרען: איך גלויב אָבער אז איך בין בארעכטיגט צו זאָגען, אַז אָט די גרויסע זיילען זענען ניט ארכיטעקטאריש צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען צו אַ גאַנצען בנין. מיין איצטיגע אויפגאָבע וועט דערפאַר זיין דורך קריטישע אַנאַליזען, אָט די אַלע פארשיעדענע שטרעמונגען צו ברענ־גען צו דער קרוב׳עשאַפט, אין וועלכער זיי געפינען זיך באמת: אויפצו־דעקען דאָס געמיינשאַפטליכע אין געדאַנקען און געפיהלען ביי זיי און אנצואווייזען ווער פון זיי איז געווען דער טאָן־געבער און ווער — זיין באַגלייטער: כאראקטעריזירען די אייגענשאפטען אָט פון דעם הויפּט־טאָן אָדער מאָטיוו אין יעדער ליטעראַרישער עפּאָכע.

עס פארשטעהט זיך אז אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי אין אַלע אַנדערע ליטעראַטורען, זיינען ניט פאַראַן קיין פעסט און שאַרף אָפּגע־גרעניצטע עפּאָכען. דאָך רעדט מען אין דער וועלט־ליטעראַטור פון עפּאָכען, מיינענדיג דערביי דאָס רעגירען פון אַ געוויסער אידעע אָדער אי־

זייער פאסיווער סביבה. עס טרעפען זיך אבער פ א ר ש י ע ד ע נ ע פערזענליכקייטען, פ א ר ש י ע ד ע נ ע נשמות און דא פאנגט זיך אן דער קאמפף צווישען די כחות. יעדער כח פאר זיך באשאפט זיין אייגענע שפּראך, שנייט דורך אין דער אלגעמיין־מענשליכער פּאַסיווּויטעט זיין אייגענארטיגען וועג, מיט אנדערע ווערטער, שאפט זיין אייגענע קונסט־טעאָריע. יעדער זעהט די וועלט מיט זיינע אייגענארטיגע אויגען אין ווייזט זי אויך אנדערע אין דער זעלבער געשטאלט. אנדערע יועלטען ווי זיינע עקזיסטירען ניט פאר'ן קינסטלער אלס קינסטלער. עס איז א וועלט. עמפּפונדען דורך דעם קינסטלערס חושים און געשאפען נאך זיין געשמאק.

א נייע ריכטונג אין דער ליטעראטור הייסט דערפאר א נייער קוק אויף דער וועלט, הייסט נייע וועגען אין דענקען און פיהלען, נייע מיטעל זיך צו ערקלערען — א נייע קונסט טעאָריע.

אביישפּיל וועט דעם ענין מעהר קלאר מאַכען:

די מענשען האט זיך אין א באשטימטער צייט צוגעגעסען די וואַ־כעדיגקייט פון זייער געזעלשאפטליכען לעבען, דער קאמפף פאר עקזיס־טענץ האט אנגעווארען זיין רייץ און האט נאר געקענט צופרידענשטעלען אַן אויסערגעוועהנליכען קמצן — דער מענש האט דערפאר אנגע־הויבען זוכען א נייע וועלט, א יום־טוב'דיגען עולם הבא. אט דער פאר־לאנג האט אויסגעפילט אלע מענשליכע הערצער, אבער עס איז ניט גע־ווען דאס ווארט אום אט דעם וואונש אנצירופען ביים נאמען, עס האט זיך געמוזט אויפזוכען א מענש וואס זאל אט דעם פארלאנג אין ווערטער אויסדריקען: דאס האבען געטאן די דיכטער פון די רעליגיעס, זיי האבען דעם וואונש פון'ם פאלק פארוואנדעלט אין לעגענדען, זיי האבען געשאפען נייע וועלטען, זיי האבען געשאפען נייע קונסט־טעאָריען, נייע ריכטונגען אין דער ליטעראטור.

עס מיינט ניט צו זאגען, אז יעדע ריכטונג איז פון אנפאנג אן פון'ם דיכטער אליין אויפגעשטעלט געווארען באוואוסטזיניג; עס מיינט ניט צו זאגען, אז אט די אלע געדאנקען און געפיהלען, דורכגעמאכט און דורכגע־פיהלט פון פארשידענע מענשען און פארשידענע צייט־פעריאדען זיינען אויסגעארבייט געווארען נאך אז אויסגעטראכטען און פאראויס־באשטימ־טען פלאן — עס איז ניט אויסגעשלאסען אז די פלאן־מעסיגקייט האט

פּאַסונג פון דעם וואָס עס הייסט ליטעראַטור: עס הייסט ניט ווייניגער ווי די אויפשטעלונג פון א נייער קונסט־טעאָריע און די אַפּליקאַציע פון דער טעאָריע וואָס האָט עקזיסטירט ביז צו יענער צייט. איך וויל פּאַרזוכען, דורך א קורצער אַלגעמיינער ערקלערונג און קאָנקרעטע ביישפּילען קלאָרער צו מאַכען דאָס אויבען־געזאָגטע.

וועגען דעם באַגריף קונסט איז זעהר פיל געשריבען און געשמועסט געוואָרען. אויף דער פראַגע „וואָס הייסט קונסט?" האָט כמעט יעדער פילאָזאָף פּאַרזוכט צו ענטפערען. און ווי גרויס די צאָל פון אַט די ענטפערס, אזוי גרויס איז אויך זייער פאַרשיעדענאַרטיגקייט. דאָס באַווייזט אַז א פאָל־שטענדיג אָפּגעשלאָסענע, אַלגעמיינגילטיגע דעפיניציע וועגען קונסט איז ביז איצט נאָך ניט אויפגעשטעלט געוואָרען: פאַרנעהמט די דענקענדער מענש א געוויסען פּלאַץ אין לעבען, שאַפט ער זיך א געוויסען שטאַנד־פּונקט, א געוויסען בליק אויף זאַכען און דערפון רעזולטירט זיך אויך זיין מיינונג וועגען דער אויפגאַבע פון קונסט. אונז איז אבער קלאָר, אַז וואָס פאַר סיבות די מענשען זאָלען ניט זעהן אין דער ענטשטעהונג פון דער קונסט, וואָס פאַר צוועקען מען זאָל אין איהר ניט זוכען, האַנדעלט עס זיך דאָך וועגען דעם אויסדרוק פון געדאַנקען און געפיהלען אין פאַרשיעדענ־אַרטיגע פאָרמען און וואַריאַציעס; עס איז קלאָר אַז די קונסט קומט פון פּסיכאָלאָגישען געביט און וואַנדערט ווידער צוריק אין דעם פּסיכאָלאָגי־שען געביט: עס איז א מין „פון האַרץ צו האַרץ" שפּראַך אויסגעדריקט אין מימיק, באַוועגונג, קלאַנג, וואָרט, שווייגזאַמקייט און, ווער ווייסט ווי פיל נאָך, אַנדערע מיטעל און וועגען. יעדע צייט, יעדע געזעלשאַפט, יאָ, יעדעס אינדיווידואום האָט זיין אייגענע שפּראַך. אבער מיר זעהען דאָך אַז אין'ם מענשליכען פּאַרקעהר זענען שפּראַכען וואָס באַהערשען גרעסערע קרייזען; דאָס זיינען שפּראַכען ערפונדען פון שטאַרקע אינדי־ווידואומס, וואָס צווינגען די שוואַכערע זיך מיט זיי צו באַדינען; יעדעס וואָרט אין דער געוועהנליכער רעדע־שפּראַך איז א פּראָדוקט פון א שטאַר־קען אינדיווידואום, א פאַרקערפּערונג פון זיינעם א געפיהל, די אַנטפּלע־קונג פון זיינע א שטיק נשמה און — ווייל זיין געדאַנק, זיין געפיהל, זיין נשמה איז שטאַרק, אַקטיוו, — פּאַרשקלאַפט זי די שוואַכע, די פּאַסיווע.

עס טרעפען זיך אין יעדער צייט און אין יעדער געזעלשאַפט שטאַר־קע פּערזענליכקייטען, אַקטיווע נשמות און האָבען זייער איינפלוס אויף

אפילו כמעט אין גאנצען א העברעאישע, מיר וועלען זיך אבער דאך ביי איהר מוזען לענגער אפּשטעלען, ווייל גראד פון איהר פאנגט זיך אן די אידישע ליטעראטור.

אין וואס איז באשטאנען די השכלה באוועגונג? אויפ'ן ערשטען בליק און נאכ'ן נאמען השכלה, ווייזט עס אויס, אז זי איז געוועזן א ריכטונג, וואס האט אוועקגעשטעלט אין פראנט די בילדונג: אין עטליכע פון די פּראדוקציעס פון דער השכלה־צייט זענען אויך אין אמת פאראַן סימפּ־טאמען וואס — אויב מען זאל אורטיילען נאך זיי אליין — קענען דינען אלס א באווייז פאר אזא פּראגראם: בילדונג ווערט דארט פארגעטערט. אזא אורטייל קען מען זיך אבער נאר בילדען לייענענדיג עטליכע ווערק און האבענדיג אין זין דעם נאמען השכלה. ווילען מיר זיך אבער מעהר פארטיפען, זעהט מען גאנץ קלאר, אז דער נאמען השכלה האט זיך דא גארניט געפּאסט. מיר וועלען פארזוכען, אזוי קורץ ווי מעגליך, נאר אויף וויפיל עס איז אונז נויטיג פאר'ן פארשטענדניש פון דער אידישער לי־טעראטור, צו כאראקטעריזירען די השכלה באוועגונג:

זי איז ראשית כל פול מיט סתירות; אט איז זי זעהר פּראקטיש און פארלאנגט פון די אידען—און זי האט זיך דאך געווענדט נאר צו אידען— זיי זאלען זיך אויסלערנען מלאכות אדער שפּראכען כדי צו קענען אויס־קומען אין דער וועלט אויף א פיינעם און עהרליכען אופן און ניט פאר־פאלגט ווערען אלס אידען; אט פארגעסט זי זיך אין גאנצען אן איהר פּראקטישקייט, פארגלאצט די אויגען, כאפּט זיך אן אן יעדען ביבליש־קלינגענדיגען ווארט און איז גרייט איהם מקריב צו זיין אפילו דעם ריכטיגען אויסדרוק פון געדאנקען. א מערקווירדיגער ווידערשפּרוך! די מליצה האט ניט נאר געזוכט שעהנע, געצאַצקעטע און געצירקעלטע אויס־דריקען נאר אז יעדער אויסדרוק זאל ארויסרופען די אסאציאציע פון א פסוק אין דער ביבעל. אט די פּראקטישע מענשען וואס האבען פון זיך פון איין זייט געוואלט אפּטרייסלען דאס אלטע, אדער עס ווייניגסטענס פארבאהאלטען בחדרי־חדרים, אז קיינער זאל דאס ניט זעהן, זיינען אין דער זעלבער צייט אין גאנצען אפּגעהאנגען פון דעם אלטען און געלאזט יעדען געדאנק צענזורירט ווערען פון אן אלטען אויסדרוק.

אבער דאס איז ניט דער איינציגער ווידערשפּרוך אין דער השכלה. איינע פון איהר כאראקטער שטריכען איז די באשטרעבונג זיך צו בא־

אומעטום געהאט א באשטימטען חלק, אָבער איהר צו צושרייבען דעם גאנצען אויפטו אָדער די גאנצע אויפטואונגען, וואָס גרייטען צו די יום־טוב'דיגקייט פון לעבען, וואָלט באמת שוין געווען צו פיל. — מען האָט פון תמיד אָן אײַגעפאנגען צו רעדען פון ריכטונגען ערשט, ווען זיי זענען שוין געווען אין דער ווירקליכקייט און האָבען פארנומען זייער פלאַץ אין'ם מענשליכען הארץ, אין דער געזעלשאפט, זיי זענען שוין געווען היסטאָריש.

יעדע היסטאָרישע ווענדונג אין געזעלשאפטליכען גייסטיגען לעבען ווערט באאיינפלוסט פון צוויי כוחות — דאָס זענען דער געדאנק און דאָס באדערפעניש, פילאָזאָפיש אויסגעדריקט, דער אידעאליזם און מאטעריאַליזם. דאָס מענשליכע געפיהל באקומט איהר געשטאלט, וואקסט, אנטוויקעלט זיך, שטייגערט זיך, ווערט פארשטארקט און אָפּגעשוואכט, באַקומט פארשיעדענע וואריאציעס אונטער דעם איינפלוס פון מאטעריאַלע און גייסטיגע באדערפענישען. צווישען אַט די צוויי עקסצענטרישע פאלען באוועגט זיך דאָס הארץ. און א מלחמה קומט פאָר צווישען אַט די צוויי דערמאָנטע כחות און מיט איינעם פון די צדדים האלט תמיד דאָס הארץ פון גרויסען געניאַלען יחיד פון זיין צייט און ממילא שוין אויך די גאנצע געזעלשאפט, וועלכע ער באהערשט ביי זיין לעבען און פיל מאָל ערשט נאָך זיין טויט. שטעלט זיך דער געניאַלער יחיד אויף דער זייט פון מאַטעריאַל איז ער מכריע די וואָגשאָל און דער צווייטער צד בלייבט הענגען אין דער לופט: ער, דער צווייטער צד, ווערט ניט אָפּגעשאפט פון דער וועלט, בלייבט אָבער נאָר אן אונטערגעאָרדענטער פאקטאָר אין דעם מענשליכען לעבען ביז זיין דערלעזער קומט. דער גרויסער יחיד, וואָס נעהמט זיך אָן זיין קריוודע.

רעדט מען פון ריכטונגען אין דער ליטעראטור, מוז מען אין דער זעלבער צייט געדענקען, אז אויך זיי זענען אונטערגעווארפען דער ממשלה פון אַט די כחות, אז זיי זענען ניט מעהר ווי די וואסערען וואָס גיסען זיך ארויס פון אַט יענע קוואלען.

מיר וועלען, אָנווייזענדיג די פארשיעדענע ריכטונגען אין דער אידישער ליטעראטור, אויך פארזוכען יעדעס מאָל זיי צו פארפאָלגען ביז צו זייער ערשטען קוואל — אָנווייזען אונטער דער הערשאפט פון וועלכען כח זיי זענען ענטשטאנען.

מיר וועלען אָנפאנגען מיט דער השכלה־באוועגונג. די השכלה איז

ביסעל פריהער געמאכט געוואָרען. די שטענדיגע באשעפטיגונג מיט כנסת ישראל איז אויך די סבה פון די אלעגאָריען און סימבאליזמען וואָס זיינען אין איהר אזוי שטארק ענטוויקעלט: כנסת ישראל איז אן אבסטראק־טער באגריף און, עס איז באזונדערס אין דער שעהנער ליטעראטור, ניט אזוי באקוועם אומצוגעהן מיט אבסטראקטע באגריפען. עס האָט געמוזט באשאפען ווערען עפּעס קאָנקרעטעס, וואָס קען האנדלען, זיך באוועגען אין אז. וו. אָט דער קאָנקרעטער באגריף וואָס האָט מיט זיך פאַ־געשטעלט די כנסת ישראל, איז דער אָנפאנג פון סימבאליזם און אלעגאריזם אין דער אידישער ליטעראטור. דאָס זענען, קורץ סקיצירט, די הויפּט מעלות און חסרונות פון דער השכלה ליטעראטור אויף ווי פיל זיי אינטערעסי־רען אונז פאר אונזער ענין.

עס וועט פאר אונז אויך זעהר וויכטיג זיין זיך אָפּצושטעלען אויף דער פראַגע: פון וואנען האָבען זיך גענומען אָט די אלע ווידערשפּרוכען אין דער השכלה ליטעראטור?

דער ענטפער אויף אָט דער פראגע וועט אונז אויך קענען דינען פאר א שליסעל צו א גאנצער רייה אונפארשטענדליכקייטען אין דע־ אידישער ליטעראטור.

אלע ווידערשפּרוכען פון יענער צייט, האָבען זייער ערקלערונג אין דעם וואָרט נ אַ ט ו ר א ל י ז ם. עס שיינט אויפ׳ן ערשטען בליק פּאַראַ־דאקסאל און גאַנץ אונפערשטענדליך. מיר וועלען אָבער באלד זעהן ווי אָט די ריכטונג, וואָס ווערט אין דער וועלט ליטעראטור אָנגערופען נאטורא־ליזם, איז די הויפּט־סבה פון אָט די אלע ווידערשפרוכען.

ראשית כל די פראגע: „וואָס מיינט נאַטוראליזם"? אונטער נאַטור־ראליזם פארשטעהט מען די שטרעבונג פון מענשען זיך צו באפרייען פון דעם וואָכעדיגען שטאָדט־איינפלוס און מיט זייער גייסט צוצוקומען נאָהענטער צו דער נאַטור. אָט די שטרעבונג האָט באהערשט א גרויסען טייל פון דער ענגלישער פּאָעזיע אין׳ם 19טען יאהרהונדערט, האָט גע־וועלטיגט אין אַ גרויסען טייל פון דער דייטשער פּאָעזיע און אויך געפונען פּלאַץ אין דער השכלה ווי אויך אין דער שפּעטערדיגער אידישער לי־טעראטור. דאָס צוריק־קערען צו דער נאַטור מיינט אין דער זעלבער צייט א פארהערליכונג פון בערג, וועלדער, פעלדער: די פארהערליכונג פון דאָס פּרימיטיווע, פון פּרימיטיווע מענשען, פון דער פּרימיטיווער

פרייען פון'ם פלפול. זי האָט כאַראַקטעריזירט דעם פלפול געדאנקען־שפּיעל מיט דעם אויסדרוק: „פלוגתא על ביצה שלא נולדה": אין דער אייגענער צייט האָט זי זיך הויפּטזעכליך אָפּגעגעבען מיט קריטיציזם — אַן אנדער פאָרם פון פלפול אהן א שום פּראַקטישען נוץ. דער קריטיציזם פארנעהמט דעם גרעסטען פּלאַץ אין דער השכלה ליטעראַטור: עס ווערען קריטיקירט די פּרנסים, גבאים, צדיקים, רבנים און אנדערע כלל־טוער. פּאָזיטיוועס ווערט אבער גאַר ניט געטאָן. אָט דער קריטיציזם האָט זיך אַזוי טיף איינגעריסען אין דער פּסיכאָלאָגי פון זיין דור, אַז נאָך איצט, אין די קליינע אידישע שטעדטלעך וואו דער השכלה־איינפלוס איז נאָך ניט אין גאַנצען אָפּגעשאַפט, הערט מען מענשען זיך באַריהמען „איך האָב איהם שוין א י י ן מאָל געזאָגט!" עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט, אַז די ערשטע אידישע שרייבער וואָס זיינען נאָך געשטאַנען מיט איין פוס אין דער השכלה, האָבען אָנגעפאַנגען מיט סאַטירע. און אַזוי זעהן מיר אַז מענדעלע, וואָס כאָטש ער איז שוין געווען אַנגעשמעקט מיט אַן אַנדער גייסט, כאָטש זיין האַרץ האָט שוין געקלאַפּט נאָך א גאַנץ אַנדערען טאַקט. כאָטש זיין אויג איז שוין געווען עמפּפינדליך פאַר פעלדער און וועלדער, האָט זיך פונדעסטוועגען אויך איהם ניט איינגעגעבען זיך צו באַפרייען פון אָט דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון קרי־טיציזם.

א ווייטערער, זעהר וויכטיגער שטריך אין דער השכלה ליטעראַטור איז דאָס נעדראַנקליכע, דאָס אינטעלעקטועלע, די כונה. די גאַנצע השכלה ליטעראַטור איז א גרויסע זאַמלונג פון פּובליציסטישע אַרטיקלען — שעהן ליטעראַטור איז ערשטענס זעהר ווייניג פאַראַן און די, וועלכע איז פאַראַן, האָט איהר פּובליציסטישען הינטערגרונד.

— עס בלייבט אונז נאָך אַנצואווייזען איין איינציגען זעהר וויכ־טיגען שטריך אין דער השכלה ליטעראַטור — באַזונדערס וויכטיג פאַר אינזער פאַרשטענדניש פון דער פּעריאָדע אין דער אידישער ליטעראַטור וואָס פאָלגט נאָך דער השכלה — דאָס איז די פאָלשטענדיגע איגנאָרירונג פון דער אינדיווידואַליטעט. מיט כנסת ישראל האָט זיך אַלס־דינג אָנגע־פאַנגען און מיט כנסת ישראל האָט זיך אַלסדינג געענדיגט. רש"י'ס קאָ־מענטאַר פון שיר־השירים קען זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דער השכלה ליטעראַטור און איהר אינהאַלט. כאָטש אָט דער קאָמענטאַר איז א היבש

פון דער אידישער ליטעראטור; פון דער אידישער ליטעראטור וואס איז צום סוף פון דער השכלה געווען ניט עפּעס אנדערש ווי די אנרערע זייט פון דער מטבעה פונ'ם נאַטוראַליזם — דאָס איז דער דעמאָקראַטיזם.

דער אבסטראַקטער נאַטוראַליזם, די אבסטראַקטע באַגייסטערונג פאַר'ן בוך־לאנד, פאר דער פאַנטאַזי געביידע, איז דאָך ניט געווען גענוג אום אויסצודריקען דעם אמת'ען פאַרלאַנג זיך אָפּצואווענדען פון דער שטאַדטישער טאָג־טעגליכקייט. אויף איין זייט איז געשטאַנען דאָס קאָ־כעדיגע לעבען, דער ממשות'דיגער קאַמפּף פאַר'ן דאָ־זיין, די ווירקליכע דאגות פּרנסה — אויף דער אנדערער זייט איז די יום טוב'דיגקייט גע־ווען א צו רוחניות'דיגע; אויף איין זייט איז געשטאַנען די שטארקע ווירקליכקייט, דער מגושם'דיגער היינט, אויף דער אנדערער זייט — דער פאר־טויזענד־יאָהריגער נעכטען. דער קאַמפּף איז ניט געווען קיין גלייכער, דערצו איז אינ'ם נאַטוראַליזם אליין געלעגען א קערניגער ווי־דערשפּרוך קעגען לופט בנינים. דער נאַטוראַליזם איז אין גאַנצען קער־פּערליך און האָט זיך שווער געקענט איינפּאַסען אין א פאַנטאַזי־דאָם. דער פּועל־יוצא דערפון האָט געמוזט זיין, אז דער נאַטוראַליזם האָט זיך געזוכט זיינע וועגען אין דער ווירקליכקייט: עס האָט זיך אָנגעפאנגען מיט דעם געברויכען פון דער געשפּראָכענער שפּראַך אין דער ליטעראטור, אנ־שטאָט דער אריסטאָקראַטישער בוך־שפּראַך — עס איז געלעגט געוואָרען דער ערשטער גרונד־שטיין פאר דער אידישער ליטעראַטור.

אין דעם אָנפאַנגען פון שרייבען אויף דער נאַטירליכער איינפאַ־כער שפּראַך איז געלעגען א דאָפּעלטער פּראָטעסט קעגען די באַשטעהענדע ליטעראַטור; א פּראָטעסט קעגען די געצאַצקיטקייט, געצירקעלטקייט פון דער מליצה־שפּראַך און א פּראָטעסט קעגען דעם פאַנטאַסטיש־אריסטאָ־קראַטישען אינהאַלט. עס איז געווען א פּראָקלאַמירונג פון דער איינ־פאַכקייט אין דער ליטעראַטור, אנשטאָט דער קונסטליכקייט

אָט די ערשיינונג איז ניט נאָר פאַרגעקומען ביי אידען. דער פאָטער פונ'ם ענגלישען נאַטוראַליזם, וויליאם וואורדאסוואָרט, איז אין דער באַ־ציהונג געגאַנגען אזוי ווייט, אז ער האָט באַהויפּטעט אז די שפּראַך פונ'ם פאָלק איז די בעסטע שפּראַך פאַר דער ליטעראַטור. ער האָט די באַהויפּ־טונג זיינע געפירט ביז צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ און זי אויך ער־קלערט אויף זיין נאַטוראַליסטישען, אייגענאַרטיגען אופן: היות ווי דאָס

שפּראַך, די פאַרהערליכונג פון פּשוט'ן פאָלק וואָס שטעהט נאָהענט צו דער נאַטור.

ביי אנדערע פעלקער קומט עס גאַנץ נאַטירליך ארויס. זיי האָבען בערג, פעלדער, וועלדער און די פאַרגעטערונג קומט ארויס אויף א גאַנץ נאָרמאלען אופן. אונזער לעבען איז אין געזעלשאַפטליכער באַציהונג אוננאָרמאַל: מיר האָבען ניט קיין פעלדער, וועלדער, בערג בוימער — מיר האָבען ניט קיין לאַנד. אונזער לאַנד איז אין דער ביבעל. אידען וואוינען אין פאַרשיעדענע לענדער. דאָס זענען אָבער ניט זייערע לענדער. זייער לאַנד איז אין דער ביבעל. זייער לאַנד איז א פאַנטאַם, א גייסטי־גער בנין אויפגעשטעלט אין דער ביבעל. און עס טראָגען זיך אידען שוין הונדערטער יאָהרען ארום מיט זייער אייגען לאַנד אין זייער גייסט. זייערע בערג זענען די בערג פון לבנון, כרמל, יהודה. זייער ים איז דער ים המלח, זייער טייך איז דער ירדן; זייערע בוימער זענען באַקסער און פייגען בוימער. און ניט דער אמת'ער ירדן און ניט דער אמת'ער ים המלח נאָר די, וועגען וועלכע מיר האָבען געלערענט אין דער ביבעל. אונזערע ימים, טייכען, פעלדער, וועלדער, זענען אין דער ביבעל.

אָט דער אוננאָרמאַלער צושטאַנד, אָט דאָס פאַנטאַסטישע לאַנד, איז דער שליסעל פון דעם סוד פאַר וואָס דער נאַטוראַליזם קומט ביי אונז ארויס אין א גאַנץ אנדערער פאָרם ווי ביי אַלע אנדערע פעלקער. מיר פאַרהערליכען אויך די בוימער, די פעלדער, די וועלדער, די טייכען, ימים. דאָס פּרימיטיווע, די פּרימיטיווע מענשען, די פּרימיטיווע שפּראַך. אבער אונזער פּרימיטיווע שפּראַך איז די ביבעל־שפּראַך. אונז איז טייער יעדע ערינערונג, יעדער געדאַנק, יעדעס געפיהל וואָס דערמאָנט, וואָס רופט ארויס אסאָציאַציעס אין פאַרבינדונג מיט יענעם פאַנטאַסטישען לאַנד. אָט דאָס איז די הויפּט אורזאַכע פון'ם מליצה שרייבען; עס איז דאָס דערנעהענטערען זיך צו דער נאַטור פון א יענעם פאַנטאַסטישען לאַנד; עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס א היבש ביסעל פון דער השכלה ליטעראַטור באַווייזט א גאַנץ שוואַכען אינהאַלט: דער עיקר איז דאָרט די שפּראַך, דער קלאַנג וואָס דערמאָנט אָן דעם פּסוק, אין דעם פאַנטאַסטי־שען לאַנד.

אָבער דער אידישער נאַטוראַליזם האָט נאָך א צווייטע זייט און איז פאַר אונז נאָך וויכטיגער ווי די ערשטע און—דאָ קומען מיר צום אָנפאַנג

כמעט אלע אריבער אין דער אידישער ליטעראטור — אזוי איז מענדעלע פון איין זייט די פאָרטזעצונג פון דער השכלה און פון דער צווייטער — דער גרונדשטיין פאר דער אנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראטור.

2.
מ ע נ ד ע ל ע.

מענדעלע'ס נאַטוראַליזם איז ניט נאָר אנדערש פונ'ם נאַטוראַליזם פון דער השכלה־פעריאדע, ער איז אויך אנדערש פון דעם נאַטוראַליזם, וואָס האָט געהערשט אין זיין צייט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראטור.

וויליאם וואָרדסוואָרט און סעמועל טיילאָר קאָלרידזש — די צוויי הויפּט־פּאָרטרעטער און באשאפער פונ'ם נאַטוראַליסטישען אידעען־גאַנג אין דער ענגלישער ליטעראטור — איך נעם אלס ביישפּיל די ענגלישע ליטעראטור, ווייל דאָרט איז דער נאַטורלאַזים געווען אם בולט'סטען און איז געקומען פון דער ערשטער האנט — האָבען, ביידע שטרעבענדיג צו איין צוועק, זיך דאָך געטיילט אין צוויי ריכטונגען: די ערשטע ריכטונג איז באשטאַנען אין דעם צו באהאנדלען מיטאָלאָגישע פּערזאָנען אויף א גאַנץ נאַטירליכען אופן, באשאפען ארום זיי א ווירקליכקייטס־אטמאָס־פער און זיי שילדערען אזוי דראמאטיש־לעבעדיג, אזוי רעאל־פארשטענד־ליך און פּסיכאָלאָגיש־אמת אז עס זאָל זיך לעגען אויפ'ן שכל פּונקט ווי דאָס וואלט געווען פונ'ם לעבען גענומען. דער צוועק דערפון איז געווען צו באווייזען, אז אָט די מיטאָלאָגישע פיגורען, פאַנטאַסטישע באַ־שעפענישען זעהען אינ'ם שיין פונ'ם נאַטוראַליזם פיל שענער אוים ווי ווען זיי זענען אריבערגעטראגען אין דער איבער־נאַטירליכער וועלט. קע־גען וועלכע דער נאַטוראַליזם האָט אָנגעפיהרט זיין קאמפף; אין דעם איז פאראיינס געלעגען די פארניינונג פון דער איבערנאַטירליכקייט, די גע־גאַטיווע באַציהונג צו דער געגנערישער ריכטונג און צוגלייך דאָס ארויפ־זעצען אויפ'ן טראָן דעם נאַטוראַליזם די פּאָזיטיווע פארהערליכונג פון דער נאַטירליכער וועלט. דער כח פון דער נאַטירליכקייט האָט זיך נאָך באזונדערס ארויסגעוויזען דורך דעם, וואָס די העלדען זענען געקומען פון א מיטאָלאָגישער וועלט און זענען געווען געצוואונגען אָנצונעמען די טאָג־טעגליכע געזעצען פונ'ם ווירקליכען לעבען. דאָס איז געווען א י י ן ריכטונג.

איינפאכע פאָלק איז אין נאָהענסטען פארקעהר מיט דער נאַטור און האט וועניג געלעגענהייטען אז זיין שפּראך זאָל פארדאַרבען ווערען פון דער סאָציאלער נארישקייט, מוז דערפאר זיין שפּראך זיין די בעסטע. אזוי ארום קומט ער צו דעם פאראדאקסישען שלוס אז צווישען דער פּראזע און דער דיכטערישער שפּראך איז ניט פאראן קיין שום אונטערשיעד און עס קען אויך אזעלכער ניט זיין.

פון דעם ביז איצט געזאָגטען קומען מיר צום שלוס, אז דער זעלבער נאטוראליזם וואָס האט אין דער השכלה־פעריאדע אויפגעהויבען די מליצה צו א צוועק פאר זיך — די גייסטיגע פארבינדונג־מיט'ן גייסטיגען פאָלק — דער זעלבער נאַטוראליזם איז אויך געווען דער מאָטיוו פאר'ן אפּזאַ־גען זיך פון דער מליצה און אננעהמען די אמת'ע שפּראך פונ'ם ווירקלי־כען פאָלק.

עס וועט פאר אונז אויך אינטערעסאנט זיין צו דערמאָנען דעם פאקט, אז דער נאַטוראליזם אין דער ליטעראטור איז געגאַנגען כמעט האנט אין האנט מיט דער מאטעריאליסטישער געשיכטס־אויפפאסונג און בכלל מיט דעם מאטעריאליזם אלס פילאָזאָפישע ריכטונג. עס לאזט זיך ניט פעסט שטעלען — עס זענען ביז איצט נאך ניט פאראנען די נויטיגע פאראַרבייטען דערצו — אויב די מאטעריאליסטישע וועלט־אנ־שויאונג ווי אויך די מאטעריאליסטישע געשיכטס־אויפפאסונג האבען גע־האט א דירעקטען איינפלוס אויף דער אנטשטעהונג פון דער אידישער לי־טעראטור. מען קען אבער מאכען די השערה, אז אט די אנשויאונג, וואָס האט אוועקגעשטעלט דאס ממשות'דיגע אין פאָדערגרונד, האט א סך מיטגעהאָלפען דער נייער ליטעראטור אין אידיש. אויב אזאַ השערה איז אביסעל צו געוואָגט בנוגע צו דער אנטשטעהונג פון דער אידישער לי־טעראטור, איז אָבער אזא באהויפּטונג שטענדיג בארעכטיגט: מען זאָל זיך נאר דערמאָנען אז דער ראָל פון דער ארבייטער באוועגונג אין דער אידישער ליטעראטור.

ווי מיר זעהען איז דער אָנפאנג פון דער אידישער ליטעראטור געמאכט געוואָרען אונטער א פרעמדען אויסערליכען איינפלוס; עס איז די ווייטערע פארטזעצונג פון דער השכלה נאר אין דער אנטקעגען־געזעצ־טער ריכטונג. דער פועל־יוצא דערפון איז וואָס די זעלבע מעלות און חסרונות מיט וועלכע עס האט זיך אויסגעצייכענט די השכלה געהען

געווען פעסט איבערצייגט, אז די נעגאַטיווע קריטיק פון א געגנער קען צו גאר ניט נוצען, אז אנשטאט דעם איז נייטיג די אייגענע פּאָזיטיווע פארשטארקונג: ביידע האבען געוואוסט, אז דאָס קען זיך זיי נאָר איינגעבען דורך דער באשאפונג פון א נייער סביבה, נייע ווערטער, נייע קלאַנגען, נייע פאָרמען.

לאָמיר איצט אקאָרשט א קוק טאָן ווי עס זעהט אויס מענדעלע'ס נאַטוראליזם אין פאַרגלייך מיט די פריהער דערמאָנטע. ראשית כל נעמט ער זיך קריטיקירען דעם אידעאליסטישען נאַטוראליזמוס פון דער השכלה: — „על פּי מקרה האָט איינער אמאָל אין דעם שטעדטעל גראד געבראכט א טייטעל, האָט איהר באדארפט זעהן ווי אזוי מען איז דאָס געלאָפען אָנקוקען אויף חדושים, מען האָט אויפגעמישט א חומש און געוויזען אז תמר, דער טייטעל שטעהט אין חומש! ס'טייטש דער טייטעל, אָט דער טייטעל וואקסט דאָך פון ארץ ישראל!... קוקענדיג אויפ'ן טייטעל האָט זיך אויסגעדאכט, ארץ ישראל איז פאר די אויגען, אָט געהט מען איבער דעם ירדן, אָט איז די מערת המכפלה, דער מוטער רחל'ס קבר. דאָס כותל־מערבי, אָט באדט מען זיך אין חמי־טבריה, מען קריכט ארויף אויפ'ן הר־הזיתים, מען עסט זיך אָן מיט באקסערען, מיט טייטלען און מען לעגט אָן פולע קעשענעס מיט ארץ־ישראל ערד. אך, האָט מען געקרעכצט און אין די אויגען האָבען זיך איטליכען געשטעלט טרערען". — שוין אין דער כאַראַקטעריסטיק פון יענעם באַדענקלאָזען נאַטוראליזם באַציהט זיך מענדעלע זעהר קריטיש צום גאנצען ענין: ער שטעלט אויף א י י; שטופּע די שענסטע אידישע טראדיציעס, וואָס זענען פארבונדען מיט דער מערת־המכפלה, מיט דער מוטער רחל'ס קבר, מיט'ן ירדן, מיט דער כותל מערבי — אָט די אלע שעהנע גייסטיגע טראדיציעס, שטעלט ער אוועק גלייך מיט'ן נאַרישען פארלאנג זיך אָנצועסען מיט באָקסערען, מיט טייטלען און אָנלעגען פולע קעשענעס מיט ארץ־ישראל ערד. אבער דער־מיט אליין באנוגענט זיך ניט מענדעלע: ער געהט איבער פון אָט דער שילדערונג גלייך צו דער שילדערונג פונ'ם אומגליקליכען צושטאנד פונ'ם אידישען מאטעריעלען לעבען אין יענער צייט. ער שילדערט ווי אין טונעיאדעווקע — און פאר מענדעלען איז דאָך דער גאנצער אידישער ישוב איין גרויס טונעיאדעווקע — „האָט דער ניי־אָנגעקומענער פּריס־טאוו געהערשט ביד רמה, האָט ארופּגעריסען יארמולקעס, אפּגעשניטען

די צווייטע ריכטונג איז באשטאַנען אין דעם צו נעמען סוזשעטען פונ׳ם טאָג־טעגליכען לעבען און זיי שילדערען אויף אויסערגעוועהנלי־כען אופן, אנטוויקלען ארום זיי אזא פרעמדארטיגע סביבה, אז דער לעזער זאָל זיין דורך דעם פרעמדען טאָן געצוואונגען זיך אומצוקוקען אויף זיי, זיי שענקען אויפמערקזאמקייט גלייך ווי ער זעהט זיי דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען, כאָטש דורך דער געוואוינהייט מיט זיי פארטראכט ער זיך שוין געוועהנליך אויף זיי ניט מעהר. דער צוועק פון אָט דער ריכטונג איז געווען דערזעלבער ווי פון דער פריהער דערמאָנטער, כאָטש די וועגען זענען געווען ענטקעגענגעזעצטע. די ערשטע ריכטונג האָט דורך איבערנאַטירליכע פערזאָנען געוואָלט באווייזען דאָס גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דער נאַטור, און דערפאר האָט זי דאָס איבערנאַטירליכע געמאכט נאַטירליך; די צווייטע ריכטונג האָט דורך דער פארהערליכונג פון זאכען, וואָס מענשען האָבען שוין פארוואכעדיגט, געוויזען דעם כח פון דער נאַטור. די וואָכעדיגקייטען זענען געהייליגט געוואָרען דורכ׳ן נאַטוראַליזם. דער צוועק פון ביידע ריכטונגען איז געווען די נאַטור.— צו פארבינדען דעם מענשען מיט דער נאַטור, פון וועלכער ער איז אָפּ־געריסען געוואָרען פון איין זייט דורך דער וואָכעדיגקייט פון דער צוויי־טער זייט דורך דער איבערנאַטירליכקייט.

ווי מיר זעהען, זענען דאָ די נאַטוראַליסטען ארויסגעגאַנגען פון אַ געוויסער פּ אָ ע ט י ש ע ר וועלט־אַנשויאונג. איך אונטערשטרייך דאָס וואָרט „פּאָעטישער“ אום ניט מיספארשטאַנען צו ווערען, אז עס האנדעלט זיך וועגען אַן אַנשויאונג, וואָס די נאַטוראַליסטען האָבען פון ערגעץ געלערנט, פאר גוט געפונען און זיך גענומען זי פּרעדיגען. ניין! דאָס איז ניט דער פאַל, עס האנדעלט זיך, אויב מען קען זיך אזוי אויס־דריקען, וועגען דעם סך־הכל פון פּאָעטישער שטימונג, וואָס ווערט פאר־קערפּערט טאקי פלאַנמעסיג אבער דאָך אין פּאָעטישע ווערק.

דערביי איז וויכטיג צו באמערקען אז ביידע — סיי קאָלרידזש, וואָס האָט פארטרעטען די ריכטונג אראָפּצוציהען די הימלישע באַשעפענישען אויף דער ערד, כדי אויף אַזאַ׳ן אופן צו דערהויבען די ערדישע פּאסי־רונגען, סיי וואָרדסוואָרט, וואָס האָט צו דעמזעלבען צוועק ארויפגעבראַכט דאָס ערדישע אויפ׳ן הימעל, בדייע האָבען זיך ניט פארנומען מיט׳ן אויס־לאַכען דאָס וואָכעדיגע אדער דאָס איבערנאַטירליכע, ניין. זיי זענען ביידע

ער זיך ניט געקאַנט ארײנלאָזען אין אזעלכע דעטאַאילירטע שילדערונגען, אָבער עס בלייבט פאר אונז איז גאנצען א סוד, וואָס פאר געדאנקען האָט אָט דאָס נאטור־בילד ביי איהם ארויסגערופען, וועלכע סטרונעס פון זיין הארץ האָט עס אנגעריהרט און וואָס האָט ער געפיהלט; עס בלייבט פאר אונז א סוד — כאָטש ער איז אונז דעם סוד מגלה אויף א פובליציסטישען אופן — צי האָט מענדעלע דערזעהען אין דער נאטור דעם זין פון לעבען אדער ניט; מענדעלע׳ס נשמה באציהונג צו זיינע אייגענע בילדער בלייבט אונז גאנץ פרעמד.

און עס שטעלט זיך די פראגע: פאר וואָס שווייגט מענדעלע׳ס הארץ, ווען זיין פינזעל רעדט? פאר וואָס איז מענדעלע אזוי רייך אין פארבען, שאַטירונגען און אזוי אָרעם אין געפיהלען? פאר וואָס איז מענדעלי׳ס נאטור־שילדערונג נאר שעהן און ניט אויך לעבעדיג?

דער ענטפער איז קורץ: מ ע נ ד ע ל ע ס נ אַ ט ו ר אַ ל י ז ם א י ז א פ אַ ס י ו ו ע ר.

דאָס מוז ערקלעהרט ווערען.

כדי צו קענען זיין א נאַטור־קינסטלער זענען נויטיג — אויסער דעם, וואָס יעדער קינסטלער מוז בכלל זיין א פערזעהנליכקייט — צוויי־ערליי אויסערליכע פעהיגקייטען און צוויי־ערליי אינערליכע. די אויסערליכע פעהיגקייטען באשטעהען, ערשטענס, אין דער שארפער באַאָבאַכטונגס־קראפט און, צווייטענס, אין דער ווידערגעבונגס־פעהיגקייט. עס זענען פאראַן מענשען, וואָס האָבען שארפע חושים און זיי געהט גאָר ניט פארלאָרען, ווען זיי באַאָבאַכטען די נאַטור, אָבער זיי בלייבען דערביי, זיי קענען זיך מיט אנדערע דערמיט ניט טיילען; זיי פעהלט די ווידערגע־בונגס־קראַפט; אנדערע ווידער וואָלטען געקענט זיין גוטע נאַטור־רע־פּאָרטערס, זיי האָבען די מיטעל אלצדינג, וואָס זיי זעהען צו ווידערגע־בען, איז אבער זייער באַאָבאכטונגס־קראפט אן אָרעמע. זיי זעהען זעהר ווייניג. מענדעלע איז פון די גאָט־געבענשטע מענשען, וואָס האָבען אָט די ביידע אויסערע פעהיגקייטען, אבער איהם פעהלען די אנדערע צוויי כחות — די אינערליכע.

די אינערליכע אָדער פערזענליכקייטס־פעהיגקייטען באשטעהען אין דעם: ערשטענס, דאָס באַאָבאַכטעטע אינערליך צו איבערלעבען, עס אויס־מישען מיט די פערזענליכע געפיהלען אזוי, אז עס זאָל ווערען אייגענס

פאות, פארשפּארט אידען, ווייל זיי האָבען ניט געהאט קיין פּאספּאָרטען" א. אז. וו. און ווייזט אן אויף דער לעבערליכקייט פון דער הילף דערצו, וואָס איז באשטאַנען אין רעדען מכוח דעם תוגר, מכוח די עשרת השבטים „ווי גליקליך זיי לעבען דאָרטען אין יענע ווייטע מקומות אין גדולה, עושר און כבוד."

שפּעטער זעהען מיר ווי ער לאַכט אָפּ פון בנימין מיט סענדערלען מיט זייער קוק אויף דער נאַטור. „שיפּענדיג זיך איינמאָל אויף דער פּיאטיגנ.ילעוועקע האָט בנימין דאָרט דערזעהן אין דערמיט טייך א גאַנץ גרויסען אָרט, וואָס איז געווען גרין באוואקסען און מיט זיין גרינקייט די אויגען פארנומען. ער האָט געמיינט, אז דאָס איז א וויספּע באוואקסען מיט גראַז און מיט שמעקעדיגע קרייטעכצער" עס שטעלט זיך ארויס, אז דאָס איז גאָר א גאַנץ שמוציג, געדיכט וואסער און דער גרינער מאך האָט א ריח... בנימין ווערט אבער דערביי אזוי באגייסטערט, אז ער וויל ארויס־שפּרינגען פון'ם שיפעל און איז אין סכנה דערטרונקען צו ווערען, ווען ניט דער קאַפּיטאַן זאָל איהם געווען אָפּהאַלטען.

מיר זעהען דאָ אין מענדעלע'ן א נייגונג צו ווירקליכקייט, א באַציהונג צו אמת'ער נאַטור. אבער זיין נייגונג ווייזט זיך פאר אונז ארויס אויף א לאָגישען, חשבונ'שען אופן: ווען ער לאַכט פון'ם אידעאַליסטי־שען נאַטוראַליזם, ווען ער לאַכט פון א געדיכטער שמוציגער וואסער־לוזשע, בכן איז א סמן, אז ער איז באגייסטערט פאר דער אמ'ער נאטור — דאָס איז דער פּלפּול־וועג פון „מכלל לאו אתה שומע הן".

אבער אויך דאָרט וואו מענדעלע ווייזט ארויס פּאָזיטיווע באגייסטע־רונג פאר דער נאַטור, איז ער גאַנץ אנדערש ווי די פריהערדערמאַנטע נאַטוראַליסטען. מענדעלע'ס נאַטוראַליזם איז ניט אויסגעוואקסען צו ווע־רען א לעבענס־אנשויאונג, אז דאָס לעבען מיט און אין דער נאַטור איז דער צוועק פון'ם לעבען. עס העלפּט ניט, וואָס ער באטאָנט אין פּובלי־ציסטישער פאָרם די גרויסע באדייטונג פון דער נאַטור. עס העלפּט אויך ניט די דעטאַאילירטע נאַטור־שילדערונג ביי מענדעלע'ן. דאָס בילד איז גוט און מיט אלע איינצעלהייטען פאָטאָגראַפירט; מיר זעהען דער־פון, אז מענדעלי האָט אויגען צו זעהען נאַטור־שעהנקייט, ער האָט אויע־רען צו הערען נאַטור־קלאַנגען: מיר פארשטעהען אויך, אז די נאַטור האָט א ווירקונג אויף זיין דענקען און פיהלען, וואָרים אויב ניט, וואָלט

הענע פון דער נאַטור; דאָס אייגענטום־רעכט אויפ'ן נאַטור־בילד, די אַק־טיווע מיטשאפונג פונ'ם פערזענליכען מיט דער נאַטור צוזאַמען דאָס פעהלט מענדעלע'ן — מ ע נ ד ע ל ע ס נ אַ ט ו ר אַ ל י ז ם א י ז א פ אַ ס י ו ו ע ר.

דאָס מיינט ניט צו זאָגען. אז מענדעלע איז ניט געווען קיין פערזענליכ־קייט, עס קען זיין, אז מענדעלע האָט אויך באזעסען די אינערליכע פע־היגקייטען אויף וועלכע מיר האָבען דאָ אָנגעוויזען. אויף יע־ען פאַל איז דער פאקט, אז ער איז געבליבען פאסיוו אין זיינע נאַטור־שילדערונגען ניט קיין באַווייז פאר דער פארקלענערונג פון מענדעלע'ס פערזענליכ־קייט, כאָטש עס ווייזט אויפ'ן ערשטען בליק אזוי אויס: עס זענען אפשר געווען אויסערליכע כחות, וואָס האָבען איהם דערפון אָפּגעהאַלטען צו באַ־פארבען די נאַטור־בילדער מיט זיין אייגענער נשמה־פארב. דאַ קומען מיר צו אן אנדער ריכטונג, אויסער דעם נאַטוראליזם, אונטער'ן איינ־פלוס פון וועלכער מענדעלע האָט געשאפען — דאָס איז דער פּאזיטיוויזם אין דער רוסישער ליטעראטור.

א פּאָר ווערטער וועגען דעם פּאזיטיוויזם:

די הויפּט־עקרים פון דער פּאזיוויסטישער פילאָזאָפיע זענען אביעק־טיוויטעט און רעאליטעט. די אביעקטיוויטעט שטעלט אוועק דעם טראָפּ אויף דער זאך, וואָס איז באארבייט געוואָרען און ניט אויף דער פּער־זענליכער אויפפאסונג פונ'ם באָאבאַכטער; זי ליידט ניט דאָס סוביעק־טיווע. דער צווייטער עקר פונ'ם פּאזיטיוויזם, די רעאליטעט איז דער היפּוך פון פאנטאַזיע, פון נשמה. דער פאקט איז, אז דער פּאזיטיוויזם האָט דאָס אינדיווידואום איגנאנצען איגנאָרירט און זיך נאָר גערעכענט מיט דער מענשהייט; עס איז אויך א פאקט, אז דער פּאזיטיוויזם האָט אָלצדינג באגרינדעט אויף דער נאַטור־וויסענשאַפט.

באטראכט מען מענדעלע'ן אינ'ם ליכט פונ'ם פּאזיטיוויזם. קען עס ליכט באגרייפליך זיין, פאר וואָס זיינע נאַטור־בילדער זיינען אזוי שטרענג אביעקטיוו; עס ווערט פאר אונז קלאָר, אז ניט נאָר האָט זיך מענדעלע'ן ניט איינגעגעבען אויסצומישען די נאַטור מיט זיין פערזענליכקייט. נאָר פארקערט, אז ער האָט זיך גאָר אָנגעשטרענגט צו בלייבען אין א זייט אום צו בלייבען גערעכט צו די פּאזיוויסטישע פאָדערונגען. און אז מענדעלע איז געווען אונטער'ן איינפלוס פונ'ם פּאזיטיוויזם, וואָס האָט אין זיין

און, צווייטענס, אַט די פּערזענליכע געפיהלען צו קריסטאַליזירען צו אַן איינציגען גענעראַליזאַציאַנס־געפיהל, וואָס זאָל זיך אויסליטערען צו אַ געדאַנק, צו אַן אנשויאונג. זעהט דער קינסטלער מיט זיינע פּארשארפטע אינערליכע און אויסערליכע חושים אַ נאַטור־בילד, דרינגט דאָס אריין טיף אין איהם און פאַראורזאכט דאָרט אין זיין אינערען אַן אויפברויזען פון געפיהלען, פון געדאנקען. האָט זיך דאָס בילד אָפּגעשטעלט אינ׳ם קינסטלער, אזוי האָט עס זיך אריינגעריסען אין זיין פּסיכאָלאָגישער וועלט און זי פּאַרענדערט. ביז צו אַט דעם מאָמענט איז דער קינסטלער פּאסיוו, ער איז אונטערוואַרפען דעם איינפלוס פונ׳ם נאַטור־בילד; דער קינסטלער איז דאַ דער ליידענדיגער טייל און די נאַטור איז דער וויר־קענדיגער.

וויל אבער דער קינסטלער ווייזען דער וועלט אַט דאָס בילד: וויל ער, אַז די מענשען, וואָס וועלען זעהען אַט דאָס בילד אין דער ווירקליכ־קייט אָדער נאָר אין דער פּאַנטאַזיע דורך זיין לעבהאַפטער שילדערונג זאָלען פיהלען דאָסזעלבע, וואָס דער קינסטלער האָט געפיהלט, מוז עס שוין געגעבען ווערען ניט נאָר אויסערליך, ניט נאָר ווי עס זעהט אויס פאַר יעדען זעהעדיגען מענשען, עס מוז געגעבען ווערען מיט׳ן גאַנצען מיש־מאַש פון געפיהלען און קעגען־געפיהלען, וואָס זענען ביי איהם ארויס־גערופען געוואָרען, נאָך מעהר — און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע — פון אַט דעם מיש־מאַש פון טעזיס און אַנטי־טעזיס געפיהלען מוז זיך ארויס־קריסטאַליזירען איין איינציגער קלאָרער געדאַנק — דער געדאַנק, וואָס ווערט געבוירען און אנטוויקעלט אינ׳ם שויס פון דער פּאָעזיע. און אַט דעם געדאַנק שטעקט דאָס פּערזעהנליכע פונ׳ם קינסטלער.

מענדעלע׳ן פעהלט דאָס. מענדעלע האָט די אויסערע פעהיגקייטען. ער קען באַאבאַכטען, קען ווידערגעבען,ער ווערט אויך באַאיינפלוסט פון דער נאַטור, פאַר אונז אבער בלייבט דער איינדרוק אַ סוד. מענדעלע, ווען עס קומט צום ווידערגעבען זיין אינערליך פיהלען, זיין פּסיכאָלאָגיש רע־אַגירען אויף די נאַטור־באַאָבאַכטונגען, דאַ בלייבט ער פּאסיוו. מענדעלע קען נאָר אויפנעמען אינערליך, ווידערגעבען אָבער קען ער נאָר אויסער־ליך; אין דער באַציהונג איז ער אַ קאַלטער שפּיגעל און גיט דאָס בילד ווי ער האָט עס געזעהען און דערצו נאָך, ווי די נאַטור פון אַ שפּיגעל, מיט אַ דאָפּעלטער דיסטאַנץ. מענדעלע׳ס נאַטור־בילדער זענען אנטלוי־

א וועלט־אנשויאונג — ביי מענדעלע'ן ווערט, אזוי צו זאגען, דער פעסימיזם פ ר אַ ק ט י צ י ר ט, פראקטיצירט אין זיין בליק אויף דאָס אידישע פאָלק. ער זעהט פאר זיך תמיד די טאָרבע, אבער איהר קענט אפילו דאָ ניט רעכט קלאָר ווערען וועגען דעם, צי עס האנדעלט זיך וועגען א אידישען פעסימיסט, וואָס איז געקומען צום פעסימיזם אויף א אידישען אופן. איהר זעהט ניט אז דערפאר זענען די אומבאהאָלפענע קעגען דעם אומגליקליכען שיקזאל אידען. עס מאַכט ניט דעם איינדרוק פון קיין וועלט־אנשויאונג, מעהר זעהט איהר אז עס האַנדעלט זיך וועגען א געבילדעטען הארציגען אידען, וואָס קען ניט פארטראָגען די אומבאהאָלפענקייט פון די אידען, און זעהט ניט קיין רעטונג פאר זיי, ער ווייסט אָבער, אז ווען די אומשטענדען זאָלען זיין אנדערש וואָלט געקענט זיין בעסער אויך. ווען מענדעלע לאכט פון דער אידישער פאָליטיק היגמיער'ן אויבען, קענט איהר ניט וויסען צי לאכט ער בכלל פון פאָליטיק דערפאַר, וואָס עס איז פאר איהם א פורים־שפיעל, אָדער ער לאַכט פון דער אידישער פאָליטיק, ווייל זי איז אונטער'ן אויבען; ווען מענדעלע לאכט אויס בנימין השלישי מיט זיינע רייזען, קענט איהר ניט וויסען צי לאכט ער פון די דאָן־קיכאָטישע אונטערנעמונגען פון מענשען זיך צו העלפען קעגען דעם, וואָס מען קען זיך ניט העלפען, אָדער לאכט ער נאָר פינ'ם אידישען בנימין, וואָס זיין רייזע־צוועק זענען די עשרת־השבטים און זיינע מיטעל זענען — ארומגעהען אין די הייזער. זעהר אָפט באקומט זיך דער איינדרוק, אז דער גאנצער פעסימיזם איז טאקי נאָר א לאָקאל־נאַציאָנאלער; איהר קענט דאָס אלעס אבער ניט זיכער וויסען, ווייל מענדעלע בלייבט אויך אין זיין פעסימיזם פאסיוו.

דער איינציגער פאָעטישער הינטערגרונד, וואָס ציהט זיך דורך ווי א רויטער פאָדעם אין אלע מענדעלע'ס ווערק, און וואָס נעמט אָן דעם כאראקטער פון לעבענס־אנשויאונג איז זיין סאָציאל־עטישער שטאַנדפונקט; אויך דאָ וואקסט פאר אייך ניט ארויס קיין לעבעדיגע אנשויאונג, אבער מענדעלע רעדט דערפון דירעקט אזוי פיל און דייטעט עס אונדירעקט אזוי פיל מאָל אָן און דערצו מיט אזא פעסטער איבערצייגונג, אז עס בילדעט זיך דערפון לאנגזאם אויס א סאָציאליסטישער בליק אויפ'ן לעבען בכלל. די קוועלען פון וואנען אזא'ן אנשויאונג שטאַמט ביי מענדעלע'ן זענען ניט ווייט צו זוכען. עס איז די גליקליכע פאַרשמעלצונג

צייט געהערשט אין דער רוסישער ליטעראטור, וועגען דעם קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין: דאָס מערקט מען ביי מענדעלע'ן אויף שריט און טריט. מיר האָבען שוין אין פריהערען קאפיטעל אָנגעוויזען אויף דעם פראקטיציזם אין מענדעלע'ן. אויב עס איז ניט זיכער, אז די מאַטעריאליסטישע געשיכטס־אויפפאסונג איז די דירעקטע אורזאך פון מענדעלע'ס פראקטיציזם, איז אבער גאָר קיין ספק ניט אין דעם, אז דער מאַטעריאליזם און פראקטיציזם פונ'ם רוסישען פאזיטיוויזם זענען געווען די טאָנגעבענדע פאקטאָרען אין מענדעלע'ס פובליציסטישער נוצען־זוכעניש. אויך דער אומשטאנד, וואָס מענדעלע האָט תמיד צו טאָן מיט כנסת ישראל און אינטערעסירט זיך גאָר ניט מיט קיין קאָנקרעטע פערזאָנען, שטימט גאַנץ גוט מיט דער אביעקטיוויטעט פונ'ם פאזיטיוויזם, ביי וועמען דער איינצעלנער מענש פאר זיך איז ניט מעהר ווי א זאָאלאָגישע אבסטראקציע הן אין סטאטישער און הן אין דינאמישער באציהונג.

אבער אויך דער פאזיטיוויזם נעמט אָן ביי מענדעלע'ן אן אנדער פאָרם ווי ביי די רוסישע פאזיטיוויסטען. אויך דאָ טרעפט מען ביי איהם ניט קיין פאעטישען סך־הכל געדאנק; אויך דאָ איז ער דער באהערשטער און ניט דער הערשער; אויך פונ'ם פאזיטיוויזם האָט ער נאָר דעם איינדרוק גענומען אבער איהם ניט אויף א האָר באַרייכערט אָדער געענדערט. אויך דאָ איז ער פאסיוו. און דערפאר וואָס ער איז פאָסיוו פיהרט מענדעלע'ס נאַטוראַליזם און פאזיטיוויזם צו פעסימיזם, ווייל ער איז ניט בכח צו בויען. דער גייסט פון דער צייט האָט איהם געלערנט פאזיטיוויזם, זיך רעכענען נאָר מיט פאקטען. דערפאר קען ער זיך ניט באנוגענען מיט'ן אידעאליסטישען נאַטוראַליזם פון דער השכלה, דערפאר לאכט ער אזוי פון די מענשען, וואָס ווערען באגייסטערט פון אן ארץ־ישראל־טייטעל: פאר איהם האָט דאָס גייסטיגע דעם חן פארלוירען און ער קריטיקירט דאָס שטארק, ער זעהט אייגענטליך נאָר דאָס קריטישע אין דעם. אבער עפּעס אנדערש אויף דעם פּלאַץ האָט ער ניט באַשאַפען. דער פאזיטיוויזם אין רוסלאנד האָט אויף איהם געווירקט נאָר אויף אזוי פיל ער זאָל קענען צו־שטערען די גייסטיגע אילוזיעס, עפּעס אנדערש האָט ער געמוזט באַשאַפען און דאָס האָט ער ניט בכח געהאַט.

דאָס אינטערעסאַנטע איז, אז אפילו אין זיין פעסימיזם איז ער פארבליבען פאסיוו. ביי שאָפּענהויער און הארטמאַן איז דער פעסימיזם

אײנציגע ליעדער.

מאַני לײב; ז. מ. דילאָן; נפתלי גראָס; אידא גלאַזער; נחום י.; ש. בערגער.

פונ׳ם שטענדיגען מאָראלישען הינטערגרונד אין דער העברעאישער ליטעראטור אין דעם סאָציאלען עקר, אינ׳ם פּאָזיטיוויזם פון זיין צייט.

אויב דער הינטערגרונד, דער ליטעראַרישער סך־הכל־געדאנק פון מענדעלע׳ס שאַפען איז אינגאנצען אונטער פרעמדען איינפלוס, איז אבער דערפאר זיין פאָרם, אָדער בעסער געזאָגט די וואונדערבארע פאָרמלאָזיגקייט פריי פון יעדער באאיינפלוסונג פון פרעמדע ליטעראטור־פאָרמען. מיר שטעלען זיך דאָ אָפּ אויף דער פאָרם, — כאָטש אין אונזער איצטיגער אויפגאבע געהט אריין נאָר דער אידעען־גאנג פון דער אידישער ליטעראטור — צוליעב דעם ספּעציפיש־פסיכאָלאָגישען טייל, וואָס אָט די פאָרם אילוסטירט מיט זיך. עס איז דער געדאנקען־אימפּרעסיאָניזם — אימיצער פון די אידישע קריטיקער האָט דאָס וואָרט, דאכט מיר, שוין געברויכט, ליידער האָב איך עס ניט פאר מיר אום צו קענען דעם נאָמען אָנרופען — עס איז דאָס נאָכפאָלגען נאָך צופעליגע געדאנקען, אסאָציאציעס אָהן א באַשטימטען צוועק; דאָס איז דאָס ציהען פונ׳ם געדאנקען־פאָדעם אזוי לאַנג ווי ער לאָזט זיך ציהען אומבאזאָרגט וועגען דעם, וואָס עס וועט זיך ענדיגען; עס איז די פּסיכאָלאָגישע הערשאַפט פון געדאנקען־שפּריצען איבער געדאנקען, מיט איין וואָרט, עס איז דאָס דענקען לשם דענקען — דאָס דערמאָנט איז דעם סכאָלאסטישען פלפול, פון וועלכען חדר מענדעלע קומט

מיר וועלען אין די וויי טערע ארטיקלען זעהען, ווי אזוי מענדעלע, די פארקערפערונג פון אָט דעם קאָמפּליצירטען אידעען־גאנג אין פּאסיווער פאָרם אין דער אידישער ליטעראטור, האָט זיך ווייטער ענטוויקעלט, און ווי אזוי עס געשטאָלטעט זיך דאָרט אָט דער באַשפּראָכענער פונדאמענט.

מאַני לייב:

וואַרט ניט...

וואַרט ניט. מיין אָרט איז ניט דאָ.
אפשר וועל איך א דערוויטערטער
אין דיין גע׳חלום׳טער שעה
אויפגעהן פאר דיר א געלייטערטער.

גלייך ווי דער שטערן אין רוים
ערגעץ אין רוים א פארשוואונדענער,
פלוצלינג שיינט אויף ווי א טרוים
ציטערנדיג, העל א געצונדענער.

גלייך ווי דער וואלקען פארשווינדט,
ערגעץ אין וועג פון זיין וואנדערען;
און אז עס ברענגט איהם דער ווינד,
זעהסטו אין איהם שוין אן אנדערען.

נפתלי גראָס:

פילאדעלפיא.

פאר מיר איז געפאלען דער ריז
מיט׳ן פנים צו דר׳ערד.
די הענט אויסגעשטרעקט,
די לאָקען, וואָס האבען זיין רוקען באדעקט
צוּוואָרפען אריבער זיין קאָפּ.
און איך בין געשטאַנען פאר איהם
א פרעמדער, וואָס בין פון דער ווייטען געקומען.
געקוקט אויפ׳ן ריז, וואָס איז געלעגען פאר מיר,
געקוקט:
אָט, אָט און ער וועט זיך א הויב טאָן,
אַ טרייסעל דעם קאָפּ אויף צוריק,
די אויגען האלב ווילד און האלב מילד,
די ליפּען —
ווי ער וואָלט פון וועהטאָג זיך קרימען:
„פרעמדער דו ביזט פון דער ווייטען געקומען, —
זעה, איך בין געשטרויכעלט געוואָרען,
ווען איך בין געקומען פון ווייטען
אריבער די בערג און די פעלדער. —
זעה ,איך בין געשטרויכעלט געוואָרען,
און איצט ליג איך דאָ
איז שטויב און אין שמוץ אויסגעצויגען אויף דר׳ערד,
און איבער מיר פויזען די טעג און די נעכט
ווי טויטע ארום איבער מיר,
ווי דער אומעט ביי מיר אין מיין בלוט...
זעה, איך בין געשטרויכעלט געוואָרען
ווען איך בין פון ווייטען געקומען — — .

א. מ. דילאן:

טויט.

אויסגעצויגען ליג איך אויף דער ערד א טויטער,
מיר צוקאפּענס שטעהען ליכט און ברענען,
און אנטקעגען מיינע נאָהנטע
זיצען אלע מיט פאַרוויינטע אויגען:
די שטילקייט שרייט פון יעדען שפּאַלט און ווינקעל,
די נאכט זי שטעהט און פּאַרבט אין שווארץ די פענסטער,
דער שרעק איז ווי א שלאנג, ער ציהט זיך אויס אריבער מיר.

און ביי מיין געלעגער א געשטאַלט אין ווייסען
מעסט מיר אָן די ווייסע קליידער מיינע,
געבויגען רוהיג שטעהט זי שעפּטשענדיג א תפלה.
אָט בוקט זי זיך און קוקט אזוי פאַרטרויערט
אויסגעשטרעקט די הענט צום הויכען באַלקאָן:
פון דעם הויכען באַלקען וועהט א קאַלטער שווייגען.

אנ'איילענדיגער שפּרונג — זי שפּרינגט ארויס פון צימער
און קומט צוריק מיט פולע הויפענס וואַסער,
געמאָסטען לאנגזאם געהט זי צו צו מיר און שמייכעלט,
און וואשען נעמט זי מיין געזיכט און שטערען:
אָט ווישט זי מיט דעם ליילאך יעדעס גליעד באזונדער,
און אָט א שפּרונג ארויס דורך אלע טירען...
און א נאָהנטער מיינער לויפט איהר נאָך אין דרויסען,
און קומט צוריק מיט אויגען פול מיט טרערען.

נחום י.:

שטעהט אַן אַלטע מכשפה.

שטעהט אן אלטע מכשפה אויפ'ן פעלד
און זי האלט אין האנט דעם שארבען פון דער וועלט.
האלט איז האנט דעם שארבען, קוקט אויף איהם און לאכט
מיט דעם אייביגען געלעכטער פון דער נאכט.

לאכט די מכשפה — לאכט דער שארבען אויך, —
שעלט זי — שלאָגט אַרויס פון טויטען מויל א רויך,
קוקט זי אין די אויגען־לעכער טיעף אריין —
צינדט זיך אַן אין זיי א ברענענדיגער שיין.

גיט זי, צארענדיג, א בייזען שפּיי אויף זיי —
נעמען דאַרטען קריכען שלאַנגען אלערליי.
שלאָגט זי מיט דעם שטעקען אַן דעם טויטען ביין —
פּלאצט ארויס א טויזענטשטימיגער געוויין.

ווערט זי אויפגעשווידערט פון א ווילדען שרעק,
וויל דעם שארבען ווארפען — און אליין אוועק, —
גיט דער שארבען פון איהר האנט זיך ניט א ריהר...
זי דערזעהט: די וועלט איז צוגעשמידט צו איהר.

— וויל זי מיט דעם שארבען לויפען ערגעץ וואו
וואקסען איהרע פיס צום וויסטען באדען צו.
שטעהט א מכשפה אויפ'ן וויסטען פעלד,
און זי האלט אין האנט דעם שארבען פון דער וועלט...

אידא גלאַזער :

פליסט א שטילער שטראָם.

פליסט א שטילער שטראָם אין טיפעניש פון מיין הארץ.
וואָס מאכט מיר אויס צו גרוי עס איז דער טאָג צי קלאָר ?
פילפארביג ווי דער טורמאלין איז העלען שיין פון זון
רוישט און לויפט אזוי דער שטראם זיך טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר.

ווילדע בלומען, ווילדע גראזען וואקסען אויף זיין ברעג
אין די ווילדע גראזען הילט מיין הארץ זיך איין,
און מיין גרויע ווירקליכקייט שפיגעלט זיך אין שטראם,
שפיעלט זיך מיט'ן וואסער־שוים אין רעגענבויגען־שיין.

ה. געלבוים:
ביים שייד־וועג.

א. בערגער:

קברים.

מאהן־צובליהטע פעלדער,
פלאמיג רויט.
און ווי קערנער — קברים
דורכגעזועט.

וויין־געדיכטע גערטנער
טרייבען־גלות,
און אין קוסטען־קברים
אימיץ רוהט...

איינזאם וויסטע וועגען.
אויף דער מיט,
איבער שטילע קברים,
אימיץ קניהט.

1.

די שטוב איז געשטאַנען ביים שייד וועג, ביי אַ גרויסען דורכפֿאָר ווינקעל, פֿון וואַנען עס האָבען זיך פֿאַרנומען וועגען קיין פֿאָרטזשוירוויס און סטיוועגסוויל.

אמאָל, גאָר אַמאָל איז זשאַן מוריי געווען באַלעבאָס פֿון דעם הויז. ער האָט זי אויפֿגעבויט און אָוועקגעשטעלט אויף אָט דעם אָרט, נאָך אין יענע טעג ווען מענשען פֿלעגען פֿאָרען אויף שמאָלע, לאַנגע וועגענער און זייערע לאַנגע האָר זענען איבער די נאַקענס געלעגען, און אויף זייערע קעפּ האָבען זיי די דזשאָרזש וואַשינגטאָנער הִיט געטראָגען.

דעמאָלט האָבען זיך נאָך פֿאַרביי די פֿענסטער געזעהן די ברייט אויסגעשפּרייטע פֿעלדער, מיט'ן קליינעם וועלדעל אויף'ן באַרג, און ביינאַכט פֿלעגט מען אין די פֿענסטער אָנקלאַפּען:

— באָס! אַ באָס! איז דאָס דער וועג קיין סטיוועגסוויל?

נאָר איצט. האָט מען דאָס גאַנצע שטיק געגענאיבערדיגע לאַנד מיט הייזער פֿאַרבויט. דער הער פֿישהאָרן האָט די הויז אין זיינע הענט איבערגענומען. איהרע ווענט מיט עלעקטרישע דראָטען דורך געלעכערט, און איהרע פֿענסטער מיט געשטריקטע פֿאָרהאַנגען פֿאַרהאַנגען. אַזוי איצט שטעהט די הויז אַ טונקעלע, ווי מיט אַ שאָטען פֿאַרצויגען.

פֿון דער זייט, ווי דער וועג פֿאַרנעמט זיך קיין סטיוועגסוויל, איז אויף אַן אַלטען גראָבען בוים צוגעשלאָגען אַ דין ברעטעל, אויף וועלכען עס איז אויסגעמאָלט אַ האַנט, וואָס ווייזט אָן מיט איין פֿינגער דעם וועג. אונטער דער האַנט איז אָנגעשריבען מיט גרויסע שוואַרצע בוכשטאַבען — „סטיוועגסוויל — פֿינף מייל“.

אַהין, מיט דעם וועג קיין סטייוועגסוויל, האָט זיך דאָס גאַנצע דאָרף אונזערס געצויגען. דער וועג פֿונקט אַנטקעגען דער שטוב, דאָרט ביים פֿאַרנעמען זיך לינקס איז שטענדיג געווען פֿול מיט אויסגעטראָטענע

זאל זיך וועלען ענטשולדיגען, וואס ער ליגט יענעם אונטער די פיס. וואס מיר וואונדערט נאר, איז אויף מוצ׳ן. ער איז קליינערהייט א גאנץ באוועגליך הינטעל געווען. ער פלעגט מיר צעבייסען די שפיצען פון מיין ווינטערדיגען מאנטעל. אלע אין דער פריה, ווען איך האב זיך אין שול געאיילט, האב איך געמוזט מיינע שיך איבער אלע צימערען לויפען זוכען, און ווען איך פלעג מיינע הענט אין א בויגען אויסלעגען, איז ער געשפרונגען איבער דעם בויגען, געשפרונגען און געהאווקעט פון פרייד.

מיט אמאל אבער איז מוצי געווארען שטיל און פויל און גענומען שלאפען גאנצע טעג, און איז פונקט ווי פרינץ געווארען א שפיעלצייג פאר די שטאדטישע מענשען, וואס קומען צו אונז אין שטוב אריין.

די אלטע הויז, וואס געדענקט נאך דעם געגענד א ווילדען, א שיטער־רען יענע צייטען, ווען פאר די הינט האט מען געמוזט א שטארקען שטע־קען אנגרייטען, האט זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו די היינטיגע הינט און היינטיגע מענשען, און האט וואויל און פרום אריינגענומען אין זיך דעם נייעם טומעל און געפילדער, דאס שטענדיגע דינגען זיך צווישען די סוחרים, מיין מאמע׳ס שווערען זיך פאר די קונים, און דעם הער פיש־הארנס פרומע רייד, אז ביי איהם קריגט מען די בעסטע מציאות.

גריבער, פון די פערדישע טריט, וואס האבען אהן אויפהער, טאג ווי נאכט, געטאפיעט און געלאפען. — דארט אין סטיווענסוויל, האט מען די מעהרסטע געשעפטען געמאכט. אהין איז צוויי־דריי מאל א טאג די באהן אנגעקומען, פאר אונז נייעס און מסחור געבראכט. און די שטוב האט דורך איהרע פענסטער די פארבייפאהרער געזעהן, זיך צו דעם נייעם סארט מענשען צוגעוואוינט, און ווי אן אלטער, געטרייער שומר, דאס שטיקעל וועג פארביי די פענסטער באלויכטען.

דורך דער גאנצער לענג פון דער הויז האט זיך געצויגען א לאנגע, טיעפע ווערארנדע, אנגעשטעלט מיט שטרויענע וויגשטוהלען. א טיר, אויף וועלכער עס איז מיט גאלדענע בוכשטאבען געווען אנגעשריבען: „א. פישהארן — ריעל עסטייט אגענט“ האט געפיהרט פון דער ווערארנדע אין אפיס אריין, וואו עס האבען זיך געווארפען אין די אויגען צוויי שאפעס אנגעפיקעוועט מיט ביכער, און א גרויסער טיש מיט אנגעווארפענע פאפירען. אין מיטען פון דעם צימער איז געשטאנען אן אייזערנער אויווען באפוצט מיט ניקעל, ארום וועלכען, עס האבען זיך א גאנצען ווינטער געווארעמט די צוויי הינט פון אונזער הויז. דאס צימער איז שטענדיג געווען פול מיט רויך און אנגעווארפענע שטיקלעך סיגארעטס פון די מענשען, וואס האבען זיך אין הויז געדרעהט. ווייל דער הער פיש־הארן איז א גרויסער אגענט געווען. זיין נאמען האט איבער'ן גאנצען געגענד גע'שמ'ט. איז די שטוב שטענדיג א פולע געווען. שטענדיג מיט מענשען און טומעל, ווייל אויב עס זענען דארט קיין קונים ניט געווען, זענען אבער שטענדיג געווען א פאר מענשע,ן וואס דרעהן זיך ארום אזא הויז. קומען אריין, גיבען א שמעק — וואס הערט זיך, און לאזען איבער א פולע שטוב מיט רויך.

די הינט פלעגען זיך אזוי א גאנצען טאג ליגען נעבען דער שוועל אויסגעצויגענע, דרימלען, אדער כאפען פליגען. פרינץ איז שוין אזוי צוגעוואהנט געווען צום שטענדיגען פארקער פון מענשען, אז ער פלעגט זיך לאזען טרעטען אויף די פיס, צי אויפ'ן עק, אהן דעם מינדעסטען פראטעסט. פארקערט, פרינץ האט נאך א טבע, אז ווען עמיצער טרעט איהם אן אויפ'ן עק, פארבייסט ער מיט א מאדנעם חן די ליפען, גיט אין דער שטיל א פארשטיקטען ביל, הויבט זיך אויף, טרייסעלט זיך אפ, און געהט אוועק אין א ווינקעל מיט א חניפה'דיגען דרעה מיט'ן עק, גלייך ער

לערנט זיך עפּעס? ווי אזוי איז ער אין שול? אין וועלכען קלאַס?

דאַס האָט מיין מוטער ניט געוואונדערט. זי האָט איהם גוט גע־קענט. געוואוסט, אז ער טראַכט פון אַלעס מיט אַמאָל. הערענדיג די מעשיות פון איהרע געשעפטען, טראַכט ער דערווייל וועגען די קינדער, און פרעגט זיך נאָך אויף זיי.

מיין מוטער איז אויך געווען אַן אונרוהיגע, נערוועזע. פון אויפרעגונג פלעגט זי אָפט אויף א טאָג בלייבען אין בעט ליגען. דערביי האָט זי שוין געהאַט איהרע מיטלען, ארומנעמען דעם קאָפּ מיט א נאַסען האַנטוך, און אַלע צוויי שעה א פּראָשעק איינעמען, וואָס זי האָט שטענדיג געהאַט אנגעגרייט ביי זיך אין צימער.

זי איז געווען א שעהנע, ענערגישע, און פון דער גאַנצער וועלט חן. איז געווען אויף איהר טונקעלען פּנים אויסגעגאָסען. צוויי שאַרפע טיפע ווינקלען זענען ארום איהר מויל געלעגען. איהרע אויגען זענען געווען שאַרפע, שווארצע, מיט וואַסערדיגע ווייסלען ארום דעם שווארצאַפּעל, און איהרע האָר זענען געווען האַרטע, שווארצע, ווי פערד. ווי די נאַכט אין אַסיען צייט ביי אונז אין דאָרף.

איהרע באַוועגונגען זענען געווען גרויס־שטאָדטישע. שטענדיג אין א שווארץ זיידען קלייד, די האָר פאַרקאַמט דאַמעמעסיג, מיט א הויכער פריזור, האָט דאַס איהר צוגעגעבען דעם אויסזעהען פון אַן אריסטאָקראַ־טישער דאַמע. און עס איז געווען א גרויסער סורפּריז פאַר א פרעמדען מענשען, ווען ער האָט אויסגעפונען אַז מיין מוטער קען אַפילו איהר נאָ־מען ניט אונטערשרייבען. נאָר אַפילו דעמאָלט, ווען דער פרעמדער מענש האָט געזעהן, ווי זי רוקט אונטער א פּאַפּיר צום אַגענט פישהאַרן, אז ער זאָל עס פאַר איהר איבערלעזען, האָט דער פרעמדער נאָך אַלץ געטראַכט — מן הסתם טוט זי עס, ווייל זי פוילט זיך אליין צו לעזען. צי ווייל עס פּאַסט איהר אַזוי צו איהר אריסטאָקראַטישקייט, אז דער הער פיש־האַרן זאָל זי באַדינען.

ביים סוף, ווען מיין מוטער איז אריין אין גאָר די גרויסע געשעפ־טען, וואו עס האָנדעלט זיך מעהרסטענס מיט פּאַפּירען און וועקסלען, האָט זי זיך אויסגעלערנט איהר נאָמען אונטערשרייבען, וואָס עס האָט זי די גרעסטע מיה געקאָסט.

זי פלעגט נעמען די פעדער אין האַנט. גאָר נידעריג, דאַרטען ביים

2.

מיין פאָטער האָט אין דער גרויסער שטאָדט געוואוינט. ער פלעגט זעלטען ארויסקומען צו אונז. עס האָט געטראָפען אז מיר האָבען איהם גאנצע חדשים ניט אָנגעזעהן. און ניט איין יום טוב איז ביי אונז צוליעב דעם פארשטערט געוואָרען. ווייל ווי גרויסמוטיג מיין מאמע איז ניט געוועזן, האָט זי דאָך אין א יום טוב דערפיהלט די עלענדקייט, וואָס האָט זיך איבער אונזער הויז צולייגט. מיר, קינדער, ניט האָבענדיג קיין מורא פאר קיינעם, און קיין צוגעבונדענקייט צו דער שטוב, פלעגען גאַנץ אָפען ארויסווייזען אונזער לאנגווייליגקייט צום יום־טוב׳דיגען טיש, און איינ־ציגווייז זיך צוגעהן. אָדער זיך צושלאָגען אין מיטען דערינגען, אזוי אז מיין מאמע האָט שוין אליין געדאנקט גאָט ווען מיר פלעגען פון טיש אוועק.

ער איז געווען א שטילער מענש, מיין פאָטער. א שוואכער. מיט שי־טערע, עטוואס רויטליכע האָר, אויף זיין ביינערדיגען קאָפּ. זיין פנים איז איהם געווען איינגעפאלען. מיט שארפע קינבאקען, אזוי ווי ביי א מענ־שען, וועמען עס פעהלען די צייהן אין מויל. פלעגט שטענדיג געהן אין אן אויבערמאנטעל, סיי זומער סיי ווינטער. פלעגט זיך פון צייט צו צייט באווייזען צו אונז אין דאָרף. מיין מאמע האָט דערפון שטיל אין הארצען הנאה געהאט, מיט דרך ארץ איהם דאָס עסען דערלאנגט. איהם אויף דער פוהר מיטגענומען, ווען זי פלעגט מיט א קונה פאָהרען א פארם אָנ־קוקען, און אויפ׳ן וועג האָט זי איהם פון איהר מסחור דערצעהלט. ווי־פיל פארמס זי האָט דורך דער צייט פארקויפט, און וויפיל געלט עס איז אויף איהר חלק אויסגעפאלען.

מיין פאָטער האָט אלעס אויסגעהערט. שטיל מיט׳ן קאָפּ צוגעשאָ־קעלט. ווי א מענש א בר דעת, האָט ער מיט איבערלעגטע באוועגונגען אלעס פארנומען, און אין מיטען א פרעג געטאָן:

— און זיטא וואָס מאכט? שוין געענדיגט איהר קורס? און פאול

ליכט, און פאר אונזערע אויגען האט זיך אויסגעשפרייט א ברייט, פריי פעלד, האבען מיר זיך מיט אמאל דערפיהלט פריי און לעבעדיג, און מיר פלעגען זיך א לאז טאן שפרינגען און בילען און האווקען, פונקט ווי מען וואלט אונז ביידען פון א קייט אפגעבונדען.

שפּיץ. האָט זי איהרע פינגער אנידערגעלעגט: זיי, פאַרשטעהט זיך, גלייך מיט טינט אויסגעשמירט, און זי פלעגט אזוי שטאַרק די פעדער צום פּאַפּיר צודריקען, אז זעלטען האָט מען שוין געקענט די פעדער א צווייטען מאָל נוצען. און דערנאָך האָט מיין מאַמע, שעה'ן לאנג געקענט מיט איהר ווייסען נאָזטיכעל די פינגער פּוצען.

מען האָט זי אזוי, גאַנץ אָפּט געקענט טרעפען אויף דער ווערענדע אין א ווינקעל זיצען. זיך שאָקלען. טראַכטען פון די גרעסטע אונטערנעמונגען, וואָס האָבען אין די טויזענטער באַטראָפען, און צו דער זעלבער צייט פּוצען די פינגער מיט איהר ווייסען נאָזטיכעל, וועלכע זי האָט אין טינט איינגעשמירט.

פונדעסטוועגען האָט דאָס אלעס אבער ניט געשטערט, אז מיר זאָלען פון אונזער מוטער א גוטע ערציהונג קריגען. שטענדיג ביים אוועק געהן, אָדער צוריק קומען, האָבען מיר קינדער זיך געמוזט מיט דער מאַמען צוקושען. מיינע שוועסטער, אזוי ווי די יענקים, די טעכטער פון ניו־ענגלאַנד, האָבען זיך אויסגעלערנט רעדען שטיל און לאַנגזאַם, און קיין איין מאָל אפילו ניט געזאָגט סתם מאַמע, נאָר שטענדיג געברויכענדיג די ווערטער — „מאַמע טייערע“.

מיין עלטערע שוועסטער, זיטאַ, וואָס האָט שוין געהאַט א חתן, און איז שוין געוועזן א גאַנצע קעמפּעריין פאַר פרויען־רעכט, וואָס איז דעמאָלט שטאַרק אין דער מאָדע געוועזן, פלעגט נאָך אלץ ביי דער מאַמען זיך נאָכפרעגען, ווען זי פלעגט וועלען מיט איהר חתן שפּאַצירען געהן: — מאַמע טייערע! מעג איך איצט מיט פּאָול'ען שפּאַצירען געהן? א גוטע נאַכט, מאַמע טייערע! און זיך מיט איהר אויפ'ן סאַמע מויל צוקושען.

איך פלעג זיך אויך מוזען מיט מיין מאַמען קושען יעדעס מאָל ווען איך בין אוועקגעגאַנגען; און יעדעס מאָל בעטען ערלויבניש מיטצונעמען מוצי'ן מיט זיך. מיר איז דאָס אלעס אָנגעקומען שווער. איך האָב צו דער מאַמעס מויל ניט געקענט דערלאַנגען. אָפּט מאָל איז זי געוועזן פאַרנומען, און איך האָב געמוזט וואַרטען אויף איהר, און מוצי דרעהענדיג אונגעדולדיג מיט'ן עק, האָט מיך נאָך אונגעדולדיגער געמאַכט. נאָר דערפאַר אז מיר האָבען זיך א לאָז געטאָן איבער'ן גאַס, אויפ'ן פרייען פעלד, וואו יעדעס ווינקעל איז געוועזן אָנגעפילט מיט זון און

אין פאסט דאס קעסטעל איז אויף זיין נאמען געווען. א חוץ די גרויסע בוכשטאבען אויף דער טיר מיט זיין נאמען, איז אויפ'ן ראג, ווייט ארויס צום וועג געהאנגען א גרויסע שילד, וועלכע האט זיך גע־וויגט אויף צוויי גרויסע, פארבויגענע טשוועקעס מיט גאלדענע בוכ־שטאבען — „א. פישהארן, ריעל עסטייט אגענט, סוחר פון פארמס, שטאדטישע הייזער און לעבעדיגען סטאק".

פישהארן איז געווען אן אלטער בחור: אז ער איז אריבער די פערציגער, האבען עדות געזאגט, זיין גרויער קאפ האר, מיט די קניי־טשען אויף זיין הויכען שטערען און ארום מויל. ער איז געווען, וואס מען רופט א דזשענטעלמען. שטענדיג גלאט ראזירט. אהן וואנצען, ווי אן ענגלענדער. און ווי מעהרסטע אלטע בחורים, האט ער זיך געהאלטען ריין. איז געווען איבערלעגט און אויסגערעכענט. האט געבענקט נאך א שטילען פאמיליען לעבען און איז געווען סענטימענטאל.

צו מיין מאמען האט דער הער פישהארן זיך באצויגען היימיש, מען קען זאגען אינטים, אבער צו דער אייגענער צייט, מיט רעספעקט, און קיינמאל ניט געמאכט א טראט אהן מיין מאמעס צושטימונג.

מיין מאמע האט זיך צו איהם באצויגען ווי צו אן אייגענעם מענ־שען, אי גוט, אי שלעכט, צוזאמען האבען זיי זיךביידע שטענדיג וועגען געשעפט גע'סוד'עט. ארומגעפאהרען, געהאנדעלט, און ווען נויטיג אונ־טערוועגענס אונטערגענעכטיגט.

צייטענווייז, ווען דער הער פישהארן האט זיך ערגיץ וואו פאר־זאמט, האט מיין מאמע געשריען אויף איהם, זיך געבייזערט, ברוגז גע־ווארען מיט איהם, און מיט איהם ניט גערעדט, ביז א נייער קונה פלעגט די שוועל אריבערטרעטען, איבערגעבען דעם הער פישהארן דעם בריעף, וואס דער קונה ברענגט געוועהנליך פון דעם שטאדטישען אגענט.

דעמאלט האט זיך שוין מיין מאמע מעהר ניט געקענט באהערשען. זי פלעגט אונטערגעהן צו איהם, פון דער זייט א פרעג טאן: — עפעס נישט קשה פון א קונה איז דאס?

אויף דערויף פלעגט זיך פישהארן א בלאז טאן. אראפלאזען די אונטערשטע גראבע ליפ, און ווי איינער, וואס פעסטשעט זיך פאר עפעס פלעגט ער האלטענדיג די אויגען ארונטערגעלאזט צום בריעף ענטפערן:

— עס ווייזט אויס א קונה! ער האט א פאר טויזענדער אין קעש.

3

מיט אונז אין הויז האָט געוואוינט דער אגענט פישהאַרן.

אין אמת'ן האָבען מיר געוואוינט ביי איהם אין הויז. ער פלעגט צאָלען די צינזען פאר דער הויז. ער האָט אויסגעהאלטען די שטוביגע הוצאה. מיט די דינסטען און משרתים זיך גערעכענט, און די פערד אין שטאָל מיט האָבער און היי באוואָרענט.

די הויז איז אויף זיין נאָמען געווען. דער אלטער ביל סמיטה, דער איינציגער היטער ביי אונז אין דאָרף, וועלכער האָט אויך אכטונג געגעבען אויף דעם דאָרפ'ס אייגענטום, און איז אויך געווען דער איינמאָנער פון די צינזען, פלעגט זיך ארייזשאַרען צו אונז אין שטוב, מיט'ן בוך אונ־טער'ן אָרעם, אויפמישען דאָס בלעטעל, וואו עס איז געווען מיט אלע איינצעלהייטען אויסגעשריבען — ה. פישהאָרן, אייגענטימער פון דער אמאָל געוועזענער „זשאן מוריי'ס הויז", איצט די „פּרינסטאָן", אויף דעם צפון ־ מזרח'דיגען ווינקעל פון דעם אלטען ליבערטי וועג, איצט באַ־וואוסט אונטער'ן נאָמען „דער סטיווענסוויל וועג" דאָרף צאָהלען זעקס און צוואנציג דאָלער צינזען, אכט דאָלער פאר דעם וואסער טעקס, און א דאָלער מיט זיבען און צוואנציג פאלט אויס אויף א חלק פון יעדען אייגענטימער, וואָס די געמיינדע האָט אויסגעלעגט ביים אויספלאַס־טערען דאָס שטיקעל וועג, וואָס ציהט זיך פון דעם אלטען נאריס'ס פאָרם, פארביי דער שול, אראָפּ מיט דעם זשעפערסאָנוויל וועג צו פּאָרט זשוירוויס צו — איהר האָט ביז פופצען טעג פון דער היינטיגער מעלדונג.

דאָס אלעס האָט דער אלטער ביל סמיטה געלייענט הויך אויף א קול. פישהאָרן האָט דערפון הנאה געהאט. ער איז אין די ביכער, גלייך מיט די אלע אָנגעזעהענע באלעבאטים פארשריבען, האָט ער גלייך, שוין אויפ'ן אָרט ארויסגענומען זיין טשעק־בוך, אויסגעשריבען א טשעק און דערלאנגט.

אויף דערויף האָט איהם אונזער שכן, דער האָטעל אייגענטימער, ניט איינמאָל א שטאָך געטאָן:

— דו וואָלסט דען אין גאַנצען געקענט עפּעס א מסחר׳ל אויספיהרען, ווען ניט די מאַדאם שטיינגאָלד!

פישהאָרן האָט זיך אין אזא פאַל פאַרשעמט. אראָפּגעלאָזט די אונ־טערשטע ליפּ. און ווי איינער וואָס וויל זיך קליגערען האָט ער צוריק געענטפערט:

— נו, דערפאַר האָב איך דאָך מיר אויסגעקליבען מאַדאם שטיינ־גאָלד פאַר א שותּפ׳טע! אבי איך ווייס כאָטש וואָס צו טאָן

דער אמת איז טאַקע געווען אז ער איז געווען אן אומבעהאָלפענער מענש. אָהן מיין מאַמען האָט ער קיין צעהן טריט ניט געקענט מאַכען. איז מיין מאַמע אין הויז ניט געווען, איז דער קונה אימער מיט גאָר ניט אוועקגעפאָהרען. צוליב וואָס זיין אלט, אָפּגעלעבט האַרץ פלעגט זיך שיער ניט פון יסורים צוברעכען, פאַר דער שאַנדע און וועהטאָג, וואָס ער האָט די פאַר דאָלער פון זיין האַנט ארויסגעלאָזען.

צוזאַמען אבער מיט מיין מוטער, זענען דאָס די בעסטע צוויי אגענ־טען געווען. זעלטען האָט זיך א קונה פון אונזער הויז ארויסגעדרעהט. מיין מאַמע מיט איהר חכמה און פלינקייט, און דער הער פישהאָרן, מיט זיין אונשולדיג, הערליכען פּנים האָבען שטענדיג דעם נויטיגען איינ־דרוק געמאַכט.

דאָס האָט געמיינט א פערדינסטעל פון עטליכע הונדערט מזומן, פלעגען זיי ביידע גלייך אָנהויבען צו רעדען און סוד'ען זיך.

איך האָב דעם מענשען שוין אין הויז געטראָפען. ווען איך בין א גרויסער געוואָרען איז ער שוין ביי אונז ווי אן אייגענער געוועזן. ביי מיר וואָלט דעמאָלט אפילו רעכט געווען איהם פאר מיין טאַטען אָנצונעמען. וואָס איך האָב טאקי א שטיק צייט געמיינט. ער פלעגט מיך קליינער־הייט די זיטען און מנהגים פון אונזער דאָרף לערנען, און מיין טאַטען, ווען ער פלעגט צו אונז אין דאָרף קומען, האָב איך גערופען אָנקעל.

פישהאָרן פלעגט מיך אלע פרייטאָג אוועקנעמען מיטנעמען מיט זיך אין דעם גרויסען לייסיום, וואו אונזער „טים" האָט דעמאָלט געשפּיעלט די איינציגע „בעסקעט באָל גיים", וואָס מען קען דורך די ווינטער חדשים שפּיעלען.

איך געדענק עס ווי היינט, ווי מיין הארץ פלעגט זיך מיר שיער אפּרייסען פון וועהטאָג, ווען די פאַרטזשווירוויסער באַיעס האָבען אונזערע איינס נאָך איינס צוקלאַפּט:

— געט איט, דזשאָני! — האָב איך אינאיינעם מיט דעם הער פּיש־האָרן אין פארצווייפלונג געשריען. — נאָך אמאָל! א וואָרף! אין בעס־קעט! מאך א בעסקעט! און צום סוף פלעג איך אין אזעלכע אָוועטנטען א צובראָכענער, און דערשלאָגענער אהיים קומען, מיט דער איינציגער האָפענונג אין הארצען, אז ווען איך וועל אויסוואַקסען, וועל איך זיי ווייזען, וואָס עס הייסט א בעסקעט באָל גיים.

פישהאָרן פלעגט זיך א ווײַלע אָפּשטעלען ביי דער טיר. פלעגט טומלען אינאיינעם מיט די איבעריגע ארויסגעהער, קריטיקירען דעם רויטען לערער פון אונזער שול, פאר וואָס ער גיט ניט אכטונג גענוג אויף אונזערע באַיעס, ווען זיי פראַקטיצירען די „גיים", און צום סוף זיך אָנשטויסען אויף אונזער שכן דעם האָטעל אייגענטימער, און אינ־איינעם מיט איהם אהיים געהן.

אויפ'ן וועג האָבען זיי אודאי גערעדט פון דעם אָוועט. נאָר זיי האָ־בען שוין גערעדט ווי מענשען ערפאהרענע, וואָס ווייסען אז ניט אלעמאָל געווינט מען. און פישהאָרן האָט עס פארגליכען צו זיינע געשעפטען, — אז אמאָל קען מען א חודש צייט זיך ארומשלעפּען מיט א קונה, און צום סוף לאָזט זיך אויס אז אויסגעבלאָזען איי.

אפּלעבען דעם שטילען געגענד, צולאזען וואָלקענס רויך איבער די וועל־דער און קליינע שטיבלעך, זיך אָפּשטעלען אויף די קליינע סטאַנציעס, אויסלאָדען פון זיך אַלע גוטע זאַכען, וואָס די מענשען האָבען באַדאַרפט, א פייף טאָן „זיי געזונט" און זיך לאָזען צו א צווייטער סטאַנציע.

איך געדענק, ווי איך פלעג צום וואָקזאַל לויפען. באַגעגענען דעם אַלטען קאָנדוקטאָר רודאָלף, וועלכער פלעגט אַלע טאָג מיט'ן זעלבען צוג אָנקומען. ווענען אַלע אין דאָרף האָבען געקענט, און מיט ווענען איך האָב זיך געגרויסט. ער פלעגט אָפט ביי מיין מאַמען א פּאָר דאָלער כאַפּען, דער־פאַר וואָס ער האָט אונזערע קונים פון אַנדערע אַגענטען אויסגעהיט, און מיט מיר, ווי מיט א גרויסען גערעדט.

יעדען טאָג מיט'ן זעלבען שמייכעל אויף זיינע אַלטע, אייגעשרומ־פּענע ליפּען, האָט ער מיר איבער'ן באַק געגלעט:

— העלאָ סאָניע! גאָר ניט פאַר דיר היינט, מיין זוהן! א צווייטען מאָל! און מיט זיין אַלטען רייזע־טאַש אין דער רעכטער האַנט, האָט ער זיך אונטערגעהאָצקעט אין דעם גרויען, ווי אויסגעגאָסענעם שטיבעל, וואָס מען האָט גערופען וואָקזאַל.

דערנאָך האָבען זיך אַלע וועגעלעך און פוהרען א לאָז געטאָן אַראָפּ באַרג. ווער מיט אָנגעלאָדענער סחורה אויפ'ן וואָגען, ווער מיט פּאַסאַ־זשירען, און ווער מיט א לעדיגען וועגעל, וואָס האָט בייז אונטערגע־ברומט און געשאָלטען גאָט ווייס ווענען פאַר די אומזיסטע פּאָר מייל וואָס ער האָט דאָס פערד געטריבען.

פון אונטער די וועגענער האָט זיך אויפגעהויבען א שטויב, און א טומעל. איינער האָט דעם צווייטען זיך געפּרואווט איבעריאָגען. די פערד געשמיסען, און אריבערגעשריען.

איך פלעג זיך פון אונטען אויף א פוהר אַרויפכאַפּען. אַרונטער־שפּרינגען ווען יענער האָט מיך באַמערקט. שטעהן אויפ'ן זייט פון וועג, ביז א צווייטער האָט מיר אַרויפגענומען און אהיים געבראַכט.

אין אָוונט פלעגט די איינציגע גאַס, וואָס איז אין דאָרף געווען, באַלויכטען ווערען מיט עלעקטרישע לאָמפּען. אויף יעדען ראָג איז גע־ווען א הויכער סלופּ מיט א גרויסען עלעקטרישען לאָמפּ, וואו עס פלעגט קומען דער זעלבער ביל סמיטה מיט א לאַנגען שטעקען, ערגיץ א קוועטש טאָן און דעם לאָמפּ אָנצינדען.

4.

דאס דארף איז געלעגען צולעגט אויף א פלאך שטיק לאנד. ארום און ארום ארומגערינגעלט מיט הויכע בערג — „די קעסטסקילס".

מיט א ברייטען געפלאסטערטען שאסע, וואס האט זיך פארנומען פארביי אונזער הויז, האט מען זיך אראפגעלאזט פריער אראפ צו דעם קיילעכדיגען פאטער זשאן'ס טייך, וואס האט זיך געוויגט ווי א קיילעכ־דיגער שפיגעל און דעם שוים פון דעם טאל אנטקעגען דער זון, דערנאך האט מען זיך אויפגעהויבען אויף דעם בארג נומער זעכצען, וואס האט זיך געדרעהט זעכצעהן מאל ארום זיך, ביז מען איז ארויפגעקומען אויף זיין שפיץ.

דארט, אויף יענעם בארג, האט מען געקענט זעהן דאס דארף אונזערס; פארטזשווירוויים האט פון דארט אויסגעזעהן, פריהער ווי אנ־געווארפענע פלעקען אויף א לייוועגד, און וואס מעהר מען האט געקוקט אלץ שארפער האבען אפגעלעבט פאר'ן אויג די צואווארפענע קליינע שטיבלעך וועלכע זענען געלעגען אויסגעלעגט אין דער פארמע פון א קעסטעל.

שטעהענדיג אויף יענעם בארג האט מען געקענט זעהן ווי עס קומט אן דער צוג. ווי ער נעמט זיך דרעהען ארום און ארום דעם הויכען בארג. סאפעט און פייפט, הויבט זיך און קריכט אלץ העכער און העכער.

די איינציגע, אייזערנע רעלס, וואס איז צווישען די אלטע, טיפע וועלדער געלעגען, האט געגלאנצט אנטקעגען דעם קלארען הימעל, זיך אויסגעבויגען ווי א שלאנג, דא ארונטער אין א טאל, באוואקסען מיט הויכע בוימער און דא ווידער ארויסקומענדיג אויף א גלייכען הויכען וועג, און זי האט מיט פרייד אויפגענומען דריי מאל א טאג דאס פרעהלי־כע קלאפען און פייפען און טומלען פון די אייזערנע וואגאנען.

אזוי ווי א געטרייער פריינד, פלעגט דארט דער צוג דורכלויפען.

מײן מאַמע׳ן זיך אָפּבעטען, א רופּטאָן מוצי׳ן מיט זיך. בײדע האָבען מיר זיך א לאָז געטאָן מיט׳ן װעג קײן סטײװענסװיל צו; אױפ׳ן װעג זיך ארױפגעכאַפּט אױף א פאָרבײ פאָהרענדען װעגעל און אזױ ארײנפאָהרען אין סטײװענסװיל.

מוצי פלעגט מיר נאָכלױפען, שפּרינגען און האװקען. ער האָט געקענט ערגיץ אין די קוסטעס פארשװינדען. זיך יאָגען נאָך די האָזען צװישען די שטײנער. דערבײ האָט ער געהאַט זײן אײגענע, קלוגע מעטאָדע: — ער האָט זיך אװעק געשטעלט בײ אן אָנגעװאָרפענער קופּע שטײנער, װי ער האָט דעם קלײנעם, אונערפארענעם האָז דערשמעקט דאָרט האָט ער אָנגעהױבען בילען און שפּרינגען ארײן אין די לעכער פון דער קופּע שטײנער, ביז דער האָז האָט זיך דערשראָקען, איז פון דאָרט ארױסגעלאָפען. און מוצי האָט איהם דעמאָלט מיט זײנע שאַרפע צײנער א חאַפּ געטאָן און צו דער ערד א שלײדער געטאָן.

אײן מאָל װען איך בין אזױ אָנגעקומען קײן סטײװענסװיל, און האָב זיך פארנומען צום װאָקזאָל, און בין דאָרט ארומגעלאָפען אױף דער שמאָלער, שטײנערדיגער פּלאַטפאָרמע, ביז עס איז אָנגעקומען דער צוג, איז דער אַלטער קאָנדוקטאָר רודאָלף, צוגעקומען צו מיר און מיר, װי אימער איבער׳ן באַק געגלעט: — הײנט האָב איך א גאַסט פאר דיר — האָט ער מיט שײנענדיגע אױגען מיר געזאָגט — אַט דער יונגערמאַן פרעגט זיך נאָך אױף דײן מאַמען, זײן נאָמען איז גרינבאַרג, נעם פיהר איהם אהײם. דער נאָך האָט ער מיט א חניפה׳דיגען קול פארענדיגט:

— כע, כע, כע, די גאַנצע װעג האָב איך פון איהם קײן אױג ניט אָפּגעלאָזט. א סך בעלנים האָבען איהם געזוכט ארײנצופּאַקען. אבער איך האָב איהם פון אױג ניט אָפּגעלאָזט.

איך האָב פארשטעהט זיך גלײך געכאַפּט א פוהרעל, גענומען דעם יונגען מאַן און אהײם געפאָהרען.

ביים לייסיום איז געשטאנען א שילד, באלויכטען מיט עלעקטרי־שע לעמפלעך, וואס פלעגען זיך אווטאמאטיש, פון זיך אליין, אנצינדען און אויסלעשען. עס האט זיך אנגעהויבען דערמיט, וואס פריהער פלעגט די שילד זיך מיט אמאל אויסלעשען, דערנאך האבען זיך איינציגע בוכ־שטאבען באזונדער אנגעצונדען — ל־י־י־ס־י־ו־ם, און דערנאך זיך ווידער אויסגעלאשען.

די קונציגע מאכערייקע, פון וועלכער מען האט א שטיק צייט גע־האלטען אין איין רעדען ביי אונז אין דארף, און אויף וועלכער פארמערס פון מיילען ארום זענען עקסטרא געקומען קוקען אין די אווענטען, האט אנגעהאלטען ביז דער גרויסער זייגער אויף'ן געריכטס הויז האט אויסגעקלונגען צעהן מאל.

דארט, נעבען דעם לייסיום, זענען זיך צונויף געקומען די גאנצע יונגווארג אונזערע. מען איז געשטאנען אין דרויסען. געראויכערט סיגארעטען. געגעסען טשאקאלאד, און געלאכט אויף'ן חשבון פון דעם קריפעל ניק, וואס האט מיט'ן גאנצען קערפער געציטערט ווען ער האט באדארפט א טראט מאכען.

— ניק! — האט איינער פון די באיעס אווארף געטאן א שטיק טשאקאלאד — כאפ!

ניק האט זיך אנגעהויבען צוגרייטען צום טראט, וואס ער האט באדארפט מאכען. צונויף גענומען די הענט ארום די זייטען, אייגעבוי־גען דעם קאפ, און צונויפבויגענדיג ביידע קני האט ער אין גאנצען אנ־געהויבען צו ציטערען, און זיך א ווארף געטאן נאכ'ן שטיק טשאקאלאד.

אלע האבען אויסגעשאסען אין א געלעכטער.

עס זענען געווען אווענטען, ווען איבער דעם לייסיום מיט זיין טאנ־צענדיגען שילד, איז געהאנגען א קלארער, בלויער הימעל, פון וואנען עס האט ארויסגעשיינט א פולע, קיילעכדיגע לבנה. דעמאלט האט מען גע־קענט זעהן, ווי די בערג ארום אונזער דארף, איינגעהילט אין א בלויער דונקעלהייט, הויבען זיך אויף ארויף צום הימעל מיט זייערע שפיצען און שליסען איין און דריקען אונזער דארף מיט א שטילקייט, וואס האט ווי די אייביגקייט אונז געפרעסט.

אז אומעט פלעגט מיר דעמאלט ארומנעמען, און מיין געמיט פלעגט מיר שווער ווערען. אין אזעלכע אווענטען האב איך געקענט ביי

דער הער פישהארן האט דעם בריף איבערגעלייענט. מעשה גרויסער געשעפטסמאן זיך פערטראכט. אראפגעלאזען די אונטערשטע ליפ און אין דער אויך, אזוי אז דער יונגערמאן זאל הערען. האט ער א פאר מאל איבער געפרעגט מיין מאמע, וואס פאר א פארם זי דענקט, וואלט אמ־בעסטען פאר דעם יונגענמאן געפאסט. און חאטש דער בריף, איז א גאנץ געוועגליכער געווען, אט אזא, ווי עס שרייבט געוועגליך צו, דער שטאטי־שער אגענט, ווען ער שיקט א קונה צו, האט איהם פונדעסטוועגען דער הער פישהארן נאך אמאל און נאך אמאל געלענט. געטראכט. געקנייטשט דעם שטערען. און געהאלטען אין איין איבערפרעגען מיין מאמען, וואס זי דענקט וועגען דעם יונגענמאן.

דאס האט דעם יונגענמאן׳ס צוטרוי נאך מעהר געוואונען. ער איז געווארען צוהיצט גערעדט פון פארמעריי. פערטרויליך דערצעהלט ווי־פיל געלט ער פארמאגט, און וואס פאר א פארם ער וואלט אמבעסטען געגליכען. און מיין מאמע, כדי נאך מעהר זיין באגייסטערונג צו פאר־גרעסערען האט אנגעהויבען:

— איהר ווייסט וואס איך טראכט? — האט זי צום הער פישהארן זיך אויסגעדרעהט, און דערביי זיך געוויגט אין דעם וויגשטול ביים שענעם, מיט ניקעל באפוצטען אויוועז — איך טראכט אז דעם אלטען נארים׳עס פארם, איך מיין זשארדש נארים׳עס, וואלט געווען ווי אנ־געמאסטען פאר דעם יונגענמאן. קיין גרויס פלאץ איז עס ניט. פיער קיה מיט א פאר פערד. אלערליי מאשינעריי. א גוטע הויז. ניט ווייט פון „סעקעט־לייק” און עס איז דארטען דא הונדערט אקער לאנד.

— עס איז איהם זיין ווייב געשטארבען — האט זי זיך אויסגע־דרעהט צום יונגענמאן — און מען וואלט דעם פלאץ א גרויסע מציאה געקענט קריגען. איך גלויב פאר א „ליטעל נאטהינג”.

רעדענדיג, האט זי זיך אין גאנצען אויסגעדרעהט מיט׳ן שטול צום יונגענמאן:

— אליין אן אלטער מאן, די ווייב איז איהם געשטארבען. די קינדער האבען איהם פארלאזען, און אליין קען ער גאר ניט טון, מוז ער זיין פארם פארקויפען: גלויב איך, אז מען קען איהם צו דער וואנט צוקוועט־שען. אויב איך מאך קיין טעות ניט, קען מען די פארם פאר פיער טוי־זענט קויפען, און נאך ווינציגער, ווי מיט טויזענט קעש.

5

דער יונגערמאַן, אַריינקומענדיג אין הויז, האָט זיך פאַרזיכטיג אין אַלע זייטען אַרומגעקוקט, ווי איינער רעט, זעהן וואוהין ער איז דאָס אַריינגעפאַלען. ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, צו זיך אַנידער זעצען אויף אַ שטול, צו רעדען מיט עמיצען. צו גאָר בלייבען שטעהן ביי דער טיר.

ער האָט אויסגעקליבען דאָס לעצטע. געמאַכט אַ פּאָר טריט פון טיר, און איז געבליבען שטעהן.

מיין מוטער האָט איהם אָבער באַלד פון זיין פאַרלעגענהייט אַרויס געפיהרט, און מיט אַ שמייכעל אַרום איהר קלוגען מויל אַרויסגעהאַלפען: — זיצט. טוט זיך אויס. פיהלט זיך היימיש. דערווייל זייט איהר אַ גאַסט. מיר וועלען נאָך צייט האָבען פון געשעפט צו רעדען. און צוגעמענדיג זיין מאַנטעל פון איהם, האָט זי איהם אַ שטול, נעבען קאַנטור אונטערגעטראָגען — מיר דאַרפסלייט נעמען זיך צייט. עס איז דאָך ניט אין שטאָדט, ווי אַלעס איז „האָרי־אָפּ“.

מיין מאַמעס פריינדליכקייט האָט דעם יונגען מאַן רעדעוודיג געמאַכט. ער האָט צושפּילעט זיין ראָק, אַרויס גענומען פון בוזעם קעשענע אַ בריף. אָנגעהויבען רעדען פריער אויף ענגליש, דערנאָך אויף אידיש: צום סוף זיך אוועק געזעצט און דערלאַנגט דער מאַמען דעם בריף.

— דערווייל בין איך נאָך אַ שטאָט מענש — איז דער יונגערמאַן אַליץ רעדעוודיגער געוואָרען — ביז איך וועל קויפען אַ פאַרם, בין איך נאָך אַ שטאָטיגער. איהר ווייסט דאָך, ווי ביי אונז זאָגט מען — „טיים איז מאָני“.

עס איז אוועק אַ שמועס ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. מיין מאַמע האָט דעם בריף צום הער פישהאָרן צוגעטראָגען, וועלכער האָט זיך ביים קאַנטור צוזאַמען מיט דער קיילעכדיגער שטול געדרעהט.

גער אויף דער וואנט וואלט איהר ניט איבערגעשלאָגען, אויסקלינגענדיג צוועלף מאָל.

ביז דעמאָלט איז דער יונגערמאַן שוין אין גאַנצען איהרער געווען. זי האָט מיט איהם געקענט מאַכען, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט.

מיין מאַמע האָט איהם אַזוי פיעל פון דער פאַרם אַנדערצעהלט. איהם אַזוי פיעל פלענער פאָרגעלעגט, און איהם איבערצייגט אַז ער דאַרף בלויז וועלען צונויף שאַרען דאָס געלט, וואָס וואַלגערט זיך דאָרט אויף דער פאַרם אַרום, אַז דער יונגערמאַן האָט זיך געבעטען, מען זאָל איהם, וואָס שנעלער די פאַרם ווייזען.

זיין האַרץ האָט שוין אין איהם געשפּרונגען פון אונגעדולד, און ער האָט שוין מיט זיינע אייגענע אויגען געוואָלט זעהן די פאַרם ווי ער וועט זיין היים מאַכען. וואוהין ער וועט זיין פרוי מיט זיינע קינדער אַרויס ברענגען. און דעמאָלט, ווען מען האָט שוין געזעהן אַז מען איז מיט דעם יונגענמאַן זיכער, האָט זיך דער הער פּישהאָרן אַ הויב געטאָן, אַ זאָג געטאָן — בלי נדר מאָרגען גאַנץ פריה פאָהרען מיר אַרויס. אוועק נעפירט דעם יונגענמאַן אין אַ באַזונדערען צימער, מיט אַ פרישׁ אויס־געבעטען געלעגער, וואָס האָט געשמעקט אונטער דער אויפזיכט פון מיין גוטער מאַמע.

די גאנצע צ יט, װאָס מײן מאַמע האָט גערעט, איז דער הער פּיש־האַרן אין זײן שטול געזעסען. זיך אײנגעהערט אין מײן מאַמע׳ס רעד, און געהאַלטען אין אײן היטען מיט זײנע אױגען, דעם אײנדרוק, װאָס מײן מאַמע׳ס רעד האָבען אױף דעם יונגענמאַן געמאַכט.

פּישהאַרן האָט מיט׳ן קאָפּ צוגעשאָקעלט, פּאַטאַקעװעט איהרע רעד, און מײן מאַמע׳ס רעד האָבען זיך װי א לױפענדער װאַסער פון א קװאַל גע־גאָסען, געקלונגען און זיך אָפּגעשלאָגען אין דעם גרױסען צימער פון אונזער שטוב.

פאַר שעה׳ן לאַנג, האָט זיך מײן מאַמע אין אַזאַ פאַל געקענט אַרײנ־לאָזען אין אַלערלײ שמועסען. רעדען פון אַלץ אין דער װעלט. און אַזױ בעגײסטערט װערען פון איהרע אײגענע רעד, פון איהרע שנעלע אײנ־פעלע, װאָס פלעגען קומען צו איהר בשעת אין רעדען, אז זי האָט דעמאָלט געקענט אפילו א שטײן ריהרען.

איהרע רעד פלעגען אַרױסקומען קײלעכדיג, ריהרעװדיג, האָט זי נאָר אױסגעפונען אז דער יונגערמאַן איז אַן אַרבײטער, ערגיץ אין א שאָפּ, האָט זי מיט איהרע קײלעכדיגע רעד אָנגעהױבען:

— װאָס מ׳שטײנס געזאָגט איז דעם אַרבײטער׳ס לעבען אין שטאָט! א גאַנצען טאָג ליגען פערשקלאָפּט בײ דער מאַשין. ניט אָנזעהן די ליכטיגע װעלט פאַר די אױגען. קײן ביסעל פרישע לופט ניט אײנ־אָטעמען. ציטערען פאַר׳ן פאָרמאַן, פאַר׳ן באָס, און פאַר װעמען ניט? — האָט זי מיט א האַרץ פול װעהטאָג אױסגעשריען — און װאָס מ׳שטײנס געזאָגט האָט מען דערפון? א פריען טױט. שװינדזוכט. פיער פינסטערע צימערלאַך ערגיץ אױף לודלאָו סטריט. מיט אַכט באָרדערס און זײ.

— און דאָ פרעגט איהר װאָס? — האָט זי פלוצים זיך אַלײן אי־בערגעשלאָגען, און אָנגעהױבען מיט א װײכען, לאַנגזאַמען טאָן — דאָ זײט איהר אַלײן א באַלעבאָס. פאַר זיך א ביזנעס. העלפט גאָט, האָט מען דאָ א געלעגענהײט רײך צו װערען. און חלילה אין ערגסטען פאַל, האָט מען שטענדיג װי דעם קאָפּ אװעק צו לעגען. עסען האָט מען. די קינדער־לאַך שטענדיג אױף דער פרײער לופט. ניטאָ קײן זאָרגען פאַר דירה געלט. פאַר קױלען.

און גאָט װײס, װי לאַנג זי װאָלט אַזױ נאָך גערעט, װען דער זײ־

גרויסע, און ארבייטאַרישע, מאַכען אַ רוהיגען, שטילען לעבען, איז דאַס פאַר איהם געווען דאַס גליק פון וועלכען ער האַט געטרוימט.

ווען עס האַט נאַר אָנגעהויבען צו בלויען אויף טאָג, איז ער פון זיין בעט ארויס. זיך אָנגעטאָן, און איז ארויס אין גאַס.

אין דרויסען איז געווען שטיל. וואו ניט וואו האַט זיך אַ פּאַרמער מיט די קאַנען מילך אויף זיין וועגעל באַוויזען. די זון האַט נאַר וואָס אָנגעהויבען אין מזרח זייט אויפגעהן, און דער הימעל אין יענעם ווינקעל איז געווען רויט און צוגליהט.

און ווען ער האַט געזעהן, ווי אַ פּאַרמער איז מיט זיין פערד און וואַגען צוגעפאָרען לעבען דער געריכטס הויז, נעבען פאַנטאַן זיך אָפּגע־שטעלט, לויז געמאַכט דעם צוים פון זיין פערד און דעם פערד אַ טרונק געגעבען, האָט עס איהם אַ ציה געטאָן אהין — זעהן ווי דאַס פערד טרינקט... און ער האַט זיך צום פאַנטאַן פארנומען.

אַ ווייַלע איז ער דאָרט געשטאַנען. אַ צווייטער פּאַרמער איז צוגע־קומען. דאַס פערד האַט זיך אַליין צום פאַנטאַן פארנומען. אויסגעשט־רעקט דעם לאַנגען האַלז, זיך געוואָרגען מיט דעם צוים אין מויל, זיך גע־ריסען צום קאַלטען, פליסענדיגען וואַסער, האָט זיך דער פּאַרמער מיט־אַמאָל אויפגעהויבען, זיך אויסגעצויגען איבער׳ן רוקען פון פערד און דאַס לעדערעל לויז געמאַכט, און דער יונגערמאַן איז געשטאַנען און געקוקט אויף דעם ווי אויף זאַכען וואָס ער זעהט, נאָר ער גלויבט זיינע אויגען ניט.

נאָכדעם האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער לאַנגער גאַס באַקוקען דאָס דאָרף.

די שטילקייט און ריינקייט פון דאָרף האָבען איהם נאָך מעהר באַצויבערט. פערטיפט אין זיינע געדאַנקען, און פער׳כשופ׳ט פון דעם שטילען פריהמאָרגען, האָט ער איבער דער גאַס ארומגעשפּאַנט. שוין יאָהרען לאַנג ,ווי ער טרוימט פון אַזא רוהיגען, שטילען לעבען. ווייט פון שטאָט מיט איהר טומעל און געררודער. און ארומגעהענדיג אַזוי איבער דער קילער, שטילער גאַס, האָט ער געפיהלט ווי זיין הארץ שפּרינגט אין איהם פון פרייד.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט, זענען שוין אַלע אין שטוב ארומגע־

6.

דער יונגערמאַן איז געווען אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט אַ פּאָר לאַנגע דינע פיס, און מיט געדיכטע, שטייפע האָר אויף זיין קאָפּ. ער איז געווען, וואָס מען רופט אַ „סקילד לייבאָרער“, אַ גוטער מאַשיניסט, און בטבע אַלעס אויסגערעכט, ביז צום לעצטען. ער האָט ליעב געהאַט מאַטעמאַטיק, און ער פּלעגט אַלעס ביז צו דער פּינקטליכקייט אויסרע־כענען. זיינע הענט זענען געווען גראָבע, פערהאַרטעוועטע, מיט אָפּגע־ריסענע שטיקער הויט פון זיינע פינגער, און אויף דעם גראָבען פינגער פון זיין רעכטער האַנט, האָט איהם געפעהלט דער נאָגעל, וואָס דאָס האָט צוגעגעבען עפּעס אַ מאָדנעם אויסזעהן צו זיין האַנט.

ליגענדיג יענער ערשטער נאַכט, אין דעם ריינעם בעט וואָס מיין מאַמע האָט פאַר איהם צוגעגרייט, האָט ער מן הסתם אַלץ רוהיג און געלאַ־כען איבערגעטראַכט. ווי אַ בעל חשבון אַלעס אויסגערעכענט. אַזוי פיל און אַזוי פיל באַטרעפט די פאַרם. אַזוי פיל און אַזוי פיל וועט ער איינ־צאָלען. פון די איבעריגע געלט, וועט דער פּראָצענט באַטרעפען אַזוי פיל, און נאָך מיין מאַמעס רעד, וועט די פאַרם אריינברייננגען פונקט צוויי מאָל אַזוי פיל וויפיל דער פּראָצענט צוזאַמען מיט'ן קרן, וועט יאָהרליך באַטרעפען. הייסט עס אַז ער וועט נאָך קענען אַ דאָלער שפּאָרען. אַזוי טראַכטענדיג און אַלץ אויסרעכענדיג איז איהם געוויס די פאַרם אַזוי אין האַרצען אריין, אַז ער האָט שוין גענומען טראַכטען פון איהר ווי פון אַן אייגענער זאַך.

דער אויסגערעכענטער יונגערמאַן, האָט געוויס אין בעט ליגענדיג אויסגערעכענט, וויפיל געלט ער וועט אין עטליכע יאָהר אַרום אָפּשפּאָ־רען. דעמאָלט וועט ער שוין האָבען די פאַרם אויסגעצאָהלט. אַלע יאָהר וועט איהם צוקומען פון די קליינע קעלבער, קיה. די הויז וועט ער ביס־לעכווייז צובויען. און אַזוי ווי זיין השגה איז ניט געווען קיין זעהר

נעס פון זייף. מען איז געפארען בארג אראפ און בארג ארויף. צווישען יונגע וועלדער און פארביי דעם קיילעכדיגען „סעקעט־לייק“. דארט האָט מען זיך פארנומען לינקס, פארביי געלאָפען א קליין יונג וועלדעל, וועל־כעס האָט אמאָל באלאנגט צו די נאריסעס, נאר זינט די ווייב זיינע איז געשטארבען, און די קינדער האָבען זיך אנגעהויבען ארומקריגען צווישען זיך, האָט מען אויסגעפונען, אז דעם וואלד האָט די ווייב זיינע אמאָל געקראָגען א ירושה פון דעם אָנקעל וויליאם פעלטאָן, און אזוי ווי מען האָט דאָס דעמאָלט ניט פארשריבען אין די ביכער, ווייסט מען איצט ניט וואוהין עס באלאנגט. צו געהט עס צוריק צו די פעלטאָן׳ס צו בא־לאנגט עס צו די נאריס׳עס.

— איהר זעהט — האָט מיין מאמע אָנגעוויזען אויף׳ן וועלדעל — דאָס באלאנגט שוין צו דער פארם, וואָס מיר פאָרען אָנקוקען. און אָט יענעס פעלד אויכעט! און מען איז ארייננעפאָרען אויף׳ן הויף פון דעם אלטען דזשאָרזש נאָריס, ווי עס איז געשטאנען א נידריג, גוי׳ש שטיבעל, מיט קליינע, אלטמאָדישע פענסטערלאך. פישהאָרן האָט שוין אודאי גוט אין זין געהאט זיך אָפצושטעלען מיט׳ן וואָגען אזוי, אז עס זאָל זיך פריער פון אלץ אָנזעהן דער סאָד מיט די אלטע פרוכט בוימער און ניט די אלטע שטאל מיט׳ן צובראָכענעם טויער.

גרינבארג איז אראָפ פון וועגעל. די שטילקייט אויף דער פארם, מיט דעם געפענטעטען פערד איבער׳ן הויף, אין די ארומיגע הויכע בערג האָבען זיין געמיט געמאכט ציטריג און פיינליך־אויפרעגענדיג. ער האָט דער־פיהלט א שטילע רוהיגקייט איבער זיין לייב זיך צולייגען. דער שטאָד־טישער מענש, וועלכער איז א גאנצער בעל חשבון געוועזן, האָט זיך דאָ אויף דער ברייטער פארם גאר אינגאנצען פארלוירען.

פישהאָרן האָט ניט געוואלט ער זאָל די הויז זעהן, ער האָט שוין פון פריהער געוואוסט אז דער דאך איז צובראָכען, אז די ווענט זענען איינגעבויגענע, האָט ער צו מיין מאמען א וואונק געטאָן. זי איז מיט גרינבארגען פאָרגאנגען אין סאָד, כסדר געהאלטען אין איין אָטעמען די פרישע לופט, און גלייך, ווי זי זאָל דעם אָטעם ניט קענען חאַפּען האָט זי מיט דער האנט אָנגעוויזען אויף דעם ארומיגען שעהנעם געגענד און מיט האלבע ווערטער אונטערגערעט:

גאנגען. אויף׳ן טיש איז געשטאנען א שמעקעדיגער, היימישער פריש־טיק. אייגענע אויסגעשלאָגענע פוטער. גאנצע קריגלען מיט מילך און פולע טעלער מיט שמעקעדיגען קעז. עס איז געווען מיין מאמע׳ס איינפאל אז א קונה דארף מען געבען גוט צו עסען. פרישען קעז ערשט פון ווארינעק ארויס, מיט פערשידענערליי געבעקסען און די גוטע, און אויוון געבאקטע „רואד־איילענדער" קארטאפעל.

עס איז געווען מיין מאמעס איינפאל, אז דער טיש זאל וואס רייכער אויסזעהן. מיט אלערליי מילעכיגס, און ביים טיש זאל מען פון וועלט זאכען און וועלט פאליטיק רעדען. מען פלעגט געוויינליך צופאסען דעם שמועס, ווי, און וואס פאר א קונה עס איז געווען. יענעם פרימארגען געדענק איך האט מיין מאמע גערעט פון דער יוניאן באוועגונג. וואס פאר א שאנסען עס האט דער ארבייטער קלאס אין דער צוקונפט, און צו מייאר גיינאר פון ניו־יארק איז טאקע אויף אן אמת א ליבעראלער מענש

פישהארן האט זיך ארומגעדרעהט איבער׳ן הויז. ער איז, ווי א בארנומענער מענש ארומגעלאפען. ארוים אין שטאל, זיך באלד אומגעקערט, געכאפט א בים און איז צו צום טעלעפאן. ער האט געהאט א קליינע מאשינקע, וואס קלאפט אפ געדרוקטע בריף, איז ער צו אהין, א קלאפ געטאן, און איז ווידער אין גאס ארויס.

צום סוף איז ער מיט א קנאק צום הויז צוגעפאהרען. איינגעשפאנט מיט די צוויי גוטע פערד. קיידי אין דער רעכטער זייט און בייבי אין דער לינקער זייט, וועלכע פלעגען מיט זייערע דריבנע, מיידעלשע טריט, ווי א פייל פון בויגען געהן. מען האט זיך אויף דעם ווייכען מיט ספרוזשינעם וועגעלע אויפגעזעצט און מען איז אוועק געפארען.

די פארם איז געלעגען א מייל אכט פון דארף. און איז דערפאר נאך ווייטער געווען פון א באהן סטאנציע. אום דאס זאל זיך דעם יונגענמאן אין די אויגען ניטווארפען, האט דער הער פישהארן די צוויי פערד פון זיינע הענט ארויסגעלאזט, וועלכע זענען דעמאלט, ווי צוויי פויגעל געפלויגען, און מיין מאמע האט געהאלטען די גאנצע וועג אין איין רעדען.

די זון אויף׳ן הימעל איז שוין הויך געשטאנען. ארום די פערד׳ס בייכער, און שטאלצע קעפ האט א ווייסע שוים ארויסגעזעצט, ווי מילי־

שלעפט, און צו דעם אלטען נאריסעס פארם איז מען נאך אמאל גע־פארען.

גרינבארגען איז שוין איצט דער וועג א באקאנטער געווען. געוויסע פלעצער האבען זיך שוין אין זיין מח אפגעקריצט, און האבען פאר איהם שוין גענומען אויסזעהן, ווי אלט באקאנטע זאכען.

מיט דעם אלטען נאריסען האט ער שוין אליין גערעט. פישהארן איז דערביי ארומגעגאנגען איבער'ן סאד, געריסען עפעל, געלייגט זיי אין די קעשענעס, און זיך אין גאנצען ניט געמישט אין זייער שמועס.

גרינבארג מיט דעם אלטען האבען זיך פארקליבען אין סאד. זיך אנגעשפארט אן אן עפעל בוים און אין איינעם געפלאנעוועט וואו וואלט בעסער געווען די ערד פאר קארן, און וואו פאר דער רעטשקע.

ער האט אויסגעפרעגט, וועלכען שטיק לאנד פריהער צו אקערען און וועלכען מען דארף לאזען מיט היי, און נאך טויזענדער זאכען האט ער ניט געפרעגט, נאר געוויס געטראכט בשעת אין רעדען מיט דעם אל־טען גוי.

דער עיקר איז ער געווען פארנומען מיט'ן געדאנק וועגען האדעווען היהנער. ער האט געהערט פון די „אינקיובייטארס", ווי מען לעגט מיט אמאל אריין הונדערט מיט צוואנציג אייער, און ווי זיין טבע, האט ער אלעס אויסגערעכענט און באטראכט.

— ווען ער וועט למשל קויפען אזא מין „אינקיובייטאר" אהין אריינלעגען הונדערט מיט צוואנציג אייער. דורך'ן סיזאן קען מען איהם דריי מאל אויפשטעלען: וועט דאך דאס זיין די בעסטע זאך, וואס ער קען דעם ערשטען זומער טון. אי געלט! ווי וועט ער נעמען געלט, ווען ער וועט דאס גאנצע ביסעל מזומן פאר דער פארם באצאלען? האט ער טאקע געטראכט דערפון, זיך איינגעהערט אין פישהארן'ס פלענער, אז מען קען קריגען געלט אויף א מארגעדזש, און זאל ער זיך דערפאר גאר ניט זארגען:

— אט נעמט און ברענגט ארויס אייער פרוי — האט איהם פיש־הארן צוגערעט — דער עיקר זאל איהר נאר די פארם געפעלען ווערען. די איבעריגע זאכען וועלען מיר שוין ווי עס איז זעהן אראנזשירען. ווארים איהר מוזט וויסען אז אזא בארגען קאן זיך נאך ארויסגליטשען

— ווי שארף — די לופט — אפילו די גרעסטע קרענק קען מען דא אויסהיילען.

פישהארן איז ארויסגעקומען מיט דעם אלטען נארים. און אלטער איינגעבויגענער גוי, מיט א פאר גרויע פראנציאזעפישע באקענבערד. דער אלטער איז איינגעבויגען אונטער געקומען. געסאפעט און זיך גע־האצקעט און ארויסגערעט מיט א גיכען אלטמאדישען אקצענט.

— צע, צע, א פירמע, א פירמע, א פארמער ווילסטו ווערען, הא! א פארמער. אן ערליכער מענש, א גוטער מענש. יא זוהן אן אנשטענדיגער מענש ווילסטו ווערען. איך בין דא געבוירען געווארען. מיין טאטע, מיין זיידען.—די רויט־הויטיגע. די אינדיאנער זענען דא נאקעטע ארומגעלאפען. זעסט יענעם טאל!—דעם טייוועלס טאל; א הייל, און אינדיאנער הייל געווען אמאל. עס איז גוט דארט אנצושיטען קארטאפעל אויף'ן ווינטער. עס איז ביי מיר נאך קיינמאל קיין קארטאפעל ניט פארלוירען געגאנגען. דארפסט זיך בלויז היטען פאר די האזען, מיט די קליינע צעהנדלעך. צע, צע, צע, צע, צע, צע.

עס איז פארשטעהט זיך געווען מיין מאמעס פלאן צו זאגען גרינ־בארגען, אז כאטש זי איז זיכער אז די פארם איז אן אמת'ער „בארגען" פונדעסטוועגען וואלט זי ניט וועלען אז ער — גרינבארג זאל גלייך פון ערשטען קוק שוין נעמען און קויפען, זאל ער נאך אפווארטען, נאכ־טראכטען. — מיר טרייבען פון אונזער הויז קיין מענשען ניט ארויס. — ער וועט קאנען אנקוקען נאך א פאר אנדערע פארמס. — זיך דער־ווייל דורכשרייבען מיט דער ווייב...

האט זיך נאכדעם גרינבארג, א פרעהליכער און אן אונרוהיגער אומ־געקערט צוריק צו אונזער שטוב. — איז שוין געווארען א היימישער ביי אונז. איז מיט פישהארן ארומגעפארען. זיך געשפילט מיט פרינצען און מיט מוצי'ן, און געהאלפען איינשפאנען און אויסשפאנען די פערד. פלעגט ליבהאבען צו קלאפען און גלעטען מיט זיין האנט איבער די רוקענס פון די פערד. האט הנאה געהאט צו הערען ווי די פערד האבען מיט די קאפיטעס איבער דעם הילצערנעם דיל געקלאפט. געהירזשעט און גע־קוקט אין די הענט אריין.

דורך דער צייט האט ער אסך פארמס אנגעזעהן. פישהארן האט איהם שטענדיג אויף זיין וואגען מיטגענומען. מיט איהם זיך ארומגע־

7

אונטערדעסן איז אונטער געקומען נאָך א קונה.

דאָס איז געווען אַן עלטערער, פרומער איד. ער האָט אויסגעזעהן פון א יאָהר עטליכע און פערציג. א נידעריגער, ברייט ביינענדיגער. ער האָט געהאַט עפּעס אַזאַ מין מאָדנעם הוסט, וואָס פלעגט זיך צום סוף פאַרגעהן ווי אין א קוויטש.

אין שטאָט האָט דער דאָזיגער איד געהאַט א געשעפט פון שטיקלאַך סחורה, וואָס פאַלען אָפּ פון די צושניידער אין די שעפּער.

דאָרט, אין די שעפּער, האָט ער געהייסען „איזי, דער רעגס־פּעד־לער". מען פלעגט איהם היטען, ווען ער איז אונטער די טישען פון די צושניידער געלעגען, און די שטיקלאַך שמאַטעס צונויפגעקליבען. מען האָט פון זיין שוואַרצער, פערפּלאָנטערטער באָרד געלאַכט. אַמאָל, אין שפּאַס איהם פאַר דער באָרד א צופּ געטאָן. און מען האָט פון איהם קיין אויג ניט אַראָפּגענומען, ווען ער האָט דעם זאַק מיט די שטיקלאַך אויף דער וואָג געלייגט.

נאָר אין דער היים, און אין שול, און אין שאָפּ זיינעם, האָט ער געהייסען ר' יעקב. זיינע ארבייטער האָבען פאַר איהם, פּונקט, ווי פאַר יעדען באַלעבאָס, מורא געהאַט.

זיי האָבען שנעלער מיט די פינגער די שטיקלאַך שמאַטעס געקלי־בען, ווען ער האָט זיך אויף דער שוועל פון זיין שאָפּ באַוויזען. אַלע וואָך, האָט ער, ווי יעדער באַלעבאָס, זיינע ארבייטער געהאַלט אויסגע־צאָלט. איינעם פון דער שטעלע אָפּגעזאָגט. ביי א צווייטען פון זיין געהאַלט אַראָפּגעריסען, אַט פּונקט, מיט אַלע פּיסטשעווקעס, ווי עס טוען אַלע באַלעבאַטים.

ער האָט ביי די „ביזנעס" זיינע, א סך געלט אָנגעקליבען. די לאַנד־סליַיט האָבען דאָס דערשמעקט, און איהם אין שול זיין כבוד אָפּגעגעבען.

פון אונטער די הענט. ווער ווייסט וועמען דער גוטער יאהר קאן אהער פלוצלונג אנטראגען.

גרינבארג'ן איז דאס אין קאפ אריין. ער האט געטראכט, אז ער וועט גלייך אויף זיין פארם א דריטען מארגעדזש נעמען. און ער איז איצט נאך אומרוהיגער איבער'ן צימער ארומגעגאנגען. אומגעדולדיג גע־ווארט אויף זיין פרוי. זיך געוואונדערט, ווארום זי איז נאך ניטא. און איז הארצען האט ער מורא געהאט טאמער וועט עמיצער אונטערקומען און די פארם אויסקויפען.

תפילין קענען נאך אמאל פסול זיין. ס'איז שווער זיך צו פארלאזען היינטיגע צייטען. נאך אין אמעריקא.

— דאס וועט איהר שוין זעהן, צו מיר זענען אידען — האט מיין מאמע געענטפערט.

און די שטוב האט גאר אן אנדער פנים באקומען. מיין אלטענקע באבע, וועלכע איז פון אלטקייט, די מעהרסטע צייט געלעגען בעזונדער אין א צימער, אדער זיך געווארעמט ערגעץ אויף דער זון, האט זיך מיט אמאל אנגעהויבען ארומדרעהן איבער'ן צימער. מיט'ן טיכעלע ביז איבער די אויערען, עס זאל זיך חלילה קיין האר ניט ארויסזעהן, און מיט'ן ברייטען פארטוך איבער איהר גרויסען בויך, זי האט זיך ארומגעשארט איבער'ן צימער. געהאלפען גרייטען צום טיש. און כסדר געהאלטען אין איין דאוונען. ארומגעהענדיג, מורמלען מיט'ן מויל.

דעם טיש אט מען אויך געגרייט אנדערש ווי נעכטען. היינט איז דארט געווען זאלץ און ברויט פאר המוצי. וואסער אין א קווארט צום וואשען זיך. מיט פיינע שמעקענדיגע רעטעכלאך און חריין.

— ס'איז דאך א אידישע הויז — האט דער איד פרעלעך א זאג געטון — ווי איך בין א איד, כ'האב זיך גאר ניט געריכט צו טרעפען דא אזא אידישע הויז.

— אידען זענען אידען איבעראל — האט מיין מאמע געענטפערט מיט א פרומער מינע — מעגען מיר נאך זיין צוויי טויזענט יאהר אין גלות, אבער אונזער אידישקייט וועט מען פון אונז ניט אוועקנעמען.

די גאנצע צייט פון עסען האט מען גערעט פון אידישקייט. דעם יונגענמאן גרינבערגען האט מען דאך שוין פארעכענט פאר א היימישען. מיט איהם זיך ניט גערעכענט מעהר. און מיין מאמע האט היינט די גאנצע צייט ביים טיש גערעט מיט א פרומער מינע אויף איהרע ליפען פון די שלעכטע צייטען, וואס עס איז אויף די אידען געקומען.

זי האט אזוי גלאט און קיילעכדיג איהרע ווערטער און משלים ארויסגעבראכט, אז אלע זענען ביים טיש מיט אפענע מיילער געבליבען זיצען, און זיך איינגעהערט אין מיין מאמעס רעד.

זי האט פלוצעם זיך אנגעהויבען קלאגען אויף איהר ביטער מזל.

— א פרוי — האט זי אנגעהויבען — לעבט איינע אליין. פארוואָרפען ערגעץ צווישען גוים. קיין טאטע, ווי ביי לייטען איז

אמאל א מפטיר און אמאל אפילו א שטיקעל שלישי, אזוי אז מען קען זאגען, אז דאס איז געווען אן אנגעזעהענער מענש אין זיין שטאנד.

צו אונז אין שטוב, איז דער איד אריינגעקומען אביסעל זיכערער ווי די איבעריגע קונים.

ער האט שוין פון פריער געוואוסט ווער מיין מאמע איז. ווער דער הער פישהארן איז. ווילאנג מיין מאמע מיט דעם הער פישהארן זענען שותפים. וויפיל פראצענט מיין מאמע קריגט און וויפיל דער הער פישהארן קריגט.

דער עיקר, האט ער געוואוסט אז אגענטען זענען שווינדלער. אז מען טאר זיך אויף זיי ניט פארלאזען. אז אין אזא הויז מוז מען האלטען, ווי מען זאגט, די אויגען פאראויס. און היטען וואס ארום טוט זיך.

ער האט למשל אנגעהויבען זיין שמועס אויף אזא אופן:

— נו מילא — האט ער געזאגט — עס איז דאך ניט שייך, מסתמא איז דאך דער מאן דער באלעבאס. מען רעט דאך דארט וועגען ביזנעס. א מאנסבילישע ארבייט. און דערביי האט ער דערלאנגט דעם הער פיש־הארן, דעם בריף, וואס ער האט געבראכט פון דעם שטאטישען אגענט.

פישהארן האט צוגענומען דעם בריף. און ווי זיין טבע, זיך געדרעהט אויף׳ן שטול נעבען קאנטור. דעם בריף אפאר מאל, פון יוצא וועגען איבערגעלייענט. געטראכט, און זיך אנגעבלאזען. און נאך אמאל גע־לייענט.

מיין מאמע איז זיך געשטאנען אין א זייט. א קלוגער שמייכעל האט זיך צוליגט ארום איהר שענעם מויל. זי האט געשווינגען. זיך איינגעהערט אין דעם אידענ׳ס רעד, און ווי איהר טבע זיך געפוצט איהרע לאנגע נעגעל מיט איהר טיכעלע.

צום סוף האט זי זיך אפגערופען:

—צום אלעמערשטען וועלען מיר גרייטען צום טיש. א איד פון וועג, מן הסתם נאך קיין אנבייסען ניט גענעסען. און ניט געדאווענט. פישהארן! — האט זי זיך צו פישהארן׳ען אומגעקערט — אוואו איז ערגעץ אייער טלית און תפילין?

— א איד פארט ארוים מיט אייגענע תלית און תפילין — האט דער איד געענטפערט מיט איראניע, גלייך ער זאל דערמיט מיינען צו זאגען אז אויף אגענטען טאר מען זיך ניט פארלאזען — פרעמדע

יענעם צימער געשטאַנען, אַ קלאַפּ געטאָן אויף אַ קלאַוויש, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבער'ן גרויסען צימער.

ער האָט זיך אָנגעהויבען דרעהן איבער דער שוועל. איז אריינגע־קומען אין קאַנטור. אַ קוק געטאָן אויף'ן אידען, איז צוריק ארויס. מען האָט לייכט געקענט באַמערקען אַז ער האָט עפּעס צו זאָגען, נאָר ווייסט ניט ווי אַזוי אָנצוהויבען. דרעהט ער זיך און טראַכט, און צום סוף האָט ער ארויסגעזאָגט:

— אַלרייט, אויב דער שטן וועט זיך נאָר ניט אריינמישען, האָף איך אַז מיר האָבען פאַר אייך די ריכטיגע פאַרם.

און ווי נאָר ער האָט די ערשטע פאָר ווערטער ארויסגערעט, אַזוי איז דעם מענשען לייכטער געוואָרען. עס האָבען ביי איהם אָנגעהויבען צו גלאַנצען די אויגען. מיט באַגייסטערונג האָט ער פאָרגעזעצט:

— פינף און צוואַנציג שטיק רעגיסטרירטע קיה, איז דאָרטען דאָ. פיר פאָר פערד. צוויי פאָר אָקסען. אַלערליי מאָדערנע מאַשינען צו דער ארבייט. אַ טויזענד היהנער. אַ הויז מיט פופציג, מעבעלירטע צימערען. איהר קענט פאַר דער הויז אליין, איבער'ן זומער נעמען פינף און צוואַנציג הונדערטער, ווען איהר זאָלט זי בלויז פאַר'ן זומער פאַרדינגען.

דערויף איז אונטערגעקומען מיין מאַמע:

— דאָס הייסט, אַז איהר'ט וועלען די הויז פאַרדינגען. עס איז אַזאַ גאַסט־הויז. אַ האָטעל. איז אויב איהר ווילט עס אליין ניט האַלטען, גיבען מיר אייך גלייך אַ שכן, וועלכער וועט אייך געבען פינף און צוואַנ־ציג הונדערטער פאַר די זומערדיגע פיר חדשים.

— און דריי הונדערט מיט פופציג אַקער לאַנד — האָט דער הער פישהאָרן פאָרגעזעצט — פופציג אַקער שווערע וואַלד, ווי איהר קענט די בוימער אויף בוימאַטריאַל האַקען. פופציג אַקער פּאַשע, מיט אַ לויפענדיגען טייך אויף דער פאַרם, און די איבעריגע לאַנד איז אין גאַנ־צען גוט צו דער ארבייט.

מען האָט זיך אויף דעם פריערדיגען יונגען מאַן שוין אין גאַנצען ניט אומגעקוקט. ער האָט זיך ארומגעשלעפּט איבער'ן דאָרף. זיך גע־דרעהט אין שטאַל ארום די פערד, זיך געלערנט די פערד איינשפּאַנען, און מיט אַ שרעק אין הארצען אַלע מאָל די פערד געגלעט.

ניטא. און גאט זאל זיך אויף איהר מרחם זיין און איהרע קינדער פון גוישע הענט אויסהיטען. זיי זאלען חלילה אין גוישע הענט ניט ארייני־פאלען.

דער איד איז געווארען פרעליכער, היימישער. פון די הייסע גלע־זער טיי, איינס נאכ'ן צווייטען האט ער זיך צוווארעמט. אראפגעווארפען פון זיך דעם הוט. איז געבליבען זיצען אין דער יארמולקע. און דעמאלט האט מען געקענט זעהן זיין שעהנעם קאפ, מיט צוויי טיפע ווינקלען זיך ארייגשניידענדיג ביז הויך אויף'ן שטערען. ער האט אנגעהויבען מיין מאמען טרייסטען:

— גאט איז אלעמען'ס פאטער — האט ער פרום מיט א צארטקייט אין קול געזאגט — מען דארף גאר ניט האבען קיין אייגענעם טאטען! אזוי לאנג מען איז נאר א פרומע, אידישע טאכטער, העלפט גאט.

מען איז צום סוף איבערגעגאנגען צום געשעפט. דער איד איז גע־ווארען אנפענהערציגער. דערצעהלט מיין מאמען וויפיל געלט ער פאר־מאגט — נייז, פון געלט וועט גאר קיין מניעה ניט זיין! אפילו צעהן טויזענט אין קעש קען ער געבען. דאנקען גאט זיין ביזנעס טראגט איהם גענוג. נאר דער הוסט! צוליב דעם הוסט מוז ער אלעס אין שטאט צו־ברעכען. א דאקטאר האט איהם געהייסען.

נאד'ן עסען האט זיך דער הער פישהארן מיט מיין מאמען אין א צווייטען צימער אפגעזונדערט. דאס איז געווען א גרויסער קונה. ער האט געזוכט א פארם אין די צענדליגע טויזענדער. מען האט שוין פון ער־פארונג געוואוסט, אז אויב איינער זוכט צו קויפען א פארם, מחמת זיין געזונט, און אז א דאקטאר האט נאך דערצו געהייסען, איז עס א זיכערער קונה. אזא איינעם טאר מען פון אויג ניט אפלאזען. און מען דארף נאך היטען איהם פון די איבעריגע אגענטען, וואס דרעהן זיך אין דארף ארום. האט זיך מיין מאמע מיט דעם הער פישהארן פארמאכט אין דעם צווייטען צימער. מען האט באשלאסען גלייך, טעלעגראפיש, ארויסרופען דעם שטאטישען אגענט. פישהארן איז געווען נערוועז. ווי שטענדיג אין אזא פאל איז ער געווארען צוטראגען. מורא געהאט אז וואס ער זאל ניט זאגען און טון, זאל ער עפעס ניט קאליע מאכען. האט ער געהאלטען אין איין נאכגעהן מיין מאמען. מיט איהר זיך כסדר ישוב'ן, און פון אויפרעגונג איז ער אלע מאל צוגעגאנגען צו דער פיאנא, וואס איז אין

לאנג רעדען, און אזוי לאנג זיין הויז באזוכען, ביז מען האט איהם צו אונז אין דארף ארויסגעשיקט.

ער האט געמוזט אלעס אויסגעפינען. צוגרייטען. וויסען דעם חאַ־ראקטער פון דעם קונה. וויפיל געלט ער פארמאגט. איהם צום באַן אוועקפירען ביז ער האט איהם צו אונז אין די הענט איבערגעגעבען.

דער דאזיגער אגענט פון שטאט, איז געוועזן א יונגער, נידעריגער מאַן. ער איז געוועזן פעהיג געגוג אליין אויסצושטעלען די אנאנסען, וואס ער האט אין די שטאטישע צייטונגען געגעבען, און געוואוסט, אז אויב דער הער פישהאָרן שרייבט איהם, אז ער האט א פארם זעקס מייל פון שטאט, מיט דריי קיה און א יונגען חזיר, זאל ער אנאנסירען: — א פארם גליק, וואס טרעפט איינמאל אין הונדערט יאהר! א קריסט איז פאראליזירט געווארען! זיין גאנצע פארם, וואס באשטעהט פון הונ־דערט אקער לאנד, צעהן שטיק קיה, חזרים, א לויפענדעס וואסער אויף'ן הויף, הייזער, שטאלען, טשיקען־קופס, אלערליי מאשינעריי, אין גאנצען פאר דריי טויזענט דאלער, מיט פינף הונדערט קעש".

דערפאר, וואס ער האט דאס אלץ אליין אנגעשריבען, האט איהם מיין מאמע געגעבען דעם אטעסטאט פון אינטעליגענץ.

ער האט געוואוסט אז מען דארף לויבען די פארמס. פער'מאוס'ן אין יענעמ'ס אויגען דאס שטאטישע לעבען, און מגזם זיין א יעדע זאך איבער וואס איהם איז אויסגעקומען צו רעדען.

שטענדיג, ווען מען האט למשל באדארפט זאגען ״איינס, איז ביי איהם ארויסגעקומען הונדערט. צעהן, האט ער זיך געקענט ארויסרעדען צעהן הונדערט, און ווען עס האט שוין געהאלטען ביי גרעסערע ציפערען, ווי למשל פופציג קיה, אדער הונדערט עפעל בוימער, אדער טויזענט היהנער, האט ער זיך שוין דאמאלט געקענט אוועקלאזען אין די גרויסע טויזענטער, אדער ווערען אזוי צוטומעלט, אז ער זאל שוין גאר קיין ציפערען ניט דערמאנען, נאר א זאג טאן — „ווי איז דען דא אזוי פיעל ציפערען דערפאר! עס איז אהן א שיעור".

עס איז קאמיש געוועזן צו שטעהן און הערען, ווען די דריי, מיין מאמע, דער הער פישהאָרן און דער אגענט פון שטאט האבען זיך גענו־מען לויבען א פארם.

— איך האב אליין איבערגעצעלט פופציג שטיק קיה — האט מיין

8

דעם זעלבען טאָג, אין אָוונט, איז מיט דעם לעצטען צוג אָנגעקומען דער שטאָט אַגענט.

דאָס געשעפט האָט זיך אייגענטליך געפירט אויף זעהר א גרויסען מאַסשטאַב.

מיין מאמע און דער הער פּישהאָרן זענען געוועזן די אַגענטען פון דאָרף. זיי האָבען באַדאַרפט נאָכזוכען די פאַרמס. אויסגעפינען די בעדינגונגען. אויסהאַלטען די גאַנצע הוצאה פון דעם ארומפאָרען מיט די קונים. צושטעלען פערד, גיבען עסען און א געלעגער פאַר די מענשען וואָס פלעגען צו אונז ארויסקומען.

עס האָט זיך געמאַכט וואָכען, וואָס אונזער גאַנצע שטוב מיט אַלע צימערען זענען געוועזן ווינציג פאַר אַלע מענשען, און מען האָט אָפּגע־דונגען צימערען ביי אונזער שכן ראַזשירס די אייגענטימער פון דעם אַלטמאָדישען האָטעל „וויקטאָריא“.

די גאַנצע הוצאה, מיט די דינסטען און משרתים האָט געפירט דער הער פּישהאָרן. פאַרשריבען אין א קליין, אָפּגעריבען רויט ביכעלע, האָט ער דאָס שטענדיג ארומגעטראָגען אין בוזעם קעשענע. און דערנאָך זיך מיט מיין מאַמען גערעכענט, וועלכע האָט דאָס אַלעס, וואָס איז ביי איהם אין ביכעלע געווען פאַרשריבען, געטראָגען אויף איהר קאָפּ און שטענדיג געדענקט פּינקטליך וויפיל געלט מען האָט אויסגעגעבען.

די שטאָטישע אויסגאָבען האָט געפירט דער שטאָטישער אַגענט.

ער האָט געהאַלטען אָפיסעס אין פערשידענע אבטיילונגען פון שטאָט. געגעבען שטענדיגע אַנאָנסען אין די טעגליכע צייטונגען. אַ קונה וואָס האָט נאָר אריבערגעטראָטען דעם שטאָטישען אַגענט'ס שוועל, האָט ניט געטאָרט פאַרלוירען געהן. מען האָט געמוזט צו איהם אזוי

דער יונגערמאן איז רויט געווארען. דאס גאנצע בלוט איז איהם אין פנים געקומען, און ניט קענענדיג זיך באהערשען, האט ער אויף'ן קול אנגעהויבען צו שרייען:

— די ציין וועל איך אלעמען אויסזעצען! אט נעם איך איהם שוין, און פאר אוועק פון דאנען. איך! — בלויז איך, האב איהם. מעהר חלק פאר אייך האב איך דא! און ער האט זיך פארמאסטען אין דער לופט מיט א קולאק.

עס איז אנגעקומען מיין מאמע. איהם איינגעשטילט. געזאגט אז עס איז ניט מעהר, ווי א קלאנג. אז דערווייל איז נאך ניטא צוליב וואס זיך צו קריגען. דערווייל דארפען אלע צוזאמען ארבייטען, ווייל עס איז א גרויסער קונה.

דער יונגערמאן איז שטיל געבליבען. איז געבליבען זיצען אין וויני־שטול נעבען אויוועז. געריבען דעם שוך פון דעם רעכטען פוס אין די הויזען פון דעם לינקען פוס, א קוק געטאן אויף'ן שוך צו ער גלאנצט, און ווידער איהם געריבען. און ווען ער האט זיך אביסעל בארוהיגט, האט מען זיך אלע דריי אנגעהויבען צו סוד'ען. מען האט גלייך באדארפט האבען א שכן, וועלכער זאל ביי דעם אידען די הויז איבער'ן זומער דינגען. האט מען באשלאסען, אז דער שטאטישער יונגערמאן, זאל נאך היינט ביי דער נאכט זיך זעהן מיט מיסטער ליוויי, ער זאל איהם דערצעהלען פון אלץ, און זאל איהם הייסעןווארטען אויף א טעלעגראמע.

— איהר וועט איהם צוזאגען א פינף און צוואנציגער — האט פישהארן איהם געזאגט — די געלט וועלען מיר שוין פארזארגען.

דער יונגערמאן האט זיך אויפגעשטעלט. געוואוסט זיך ארומגעדרעהט איבער דעם צימער. געבעטען גאט אין הארצען אז מען זאל דעם מסחור שליסען. און אין הארצען האט ער געטראכט אז אויב דער מעקלער — מיסטער ליוויי וועט וועלען א פופציגער, וועט ער איהם אויך געבען.

מאמע אנגעהויבען, און איידער זי האט נאך איהר זאץ געענדיגט, האט דער אגענט גלייך אונטערגעכאפט מיט א פערדרוס אין זיין קול:

— וואס זאגט איהר! פופציג קיה! ? — אפשר טויזענט שטיק איז דארטען דא. אט לאמיר שוין אריבערפארען און איבערציהלען אלע קיה און קעלבער, און טעלעצעס און יאלעווקעס און ביקלאך, וואס לויפען איבער דער פאשע ארום. איך זאג אייך, אפשר טויזענט שטיק! נו און היהנער! גאר אהן א שיעור, מען קען זיי גאר ניט איבערציהלען.

אזוי האט זיך געקענט דער מענש די גרעסטע גוזמא אפזאגען. מא־כען פון יעדער פארם א פריצישען מאיאנטיק, און צום סוף זיך רייבען איין האנט אין דער צווייטער, ווי איינער רעט: ווי געפעלט אייך עפעס א לשון, וואס איך לעג אוועק.

אבער אויף זיין פנים האט מען געקענט זעהן צוויי קעלבערנע אוי־גען וואס האבען תמ׳עוואטע, פאר זיך געקוקט. א נידעריגען שטערען, באוואקסען מיט שטייפע, אויפגעשטעלטע האר. זיינע קליידער זענען געוועזען ביליגע, אהן געשמאק, אבער שטענדיג מיט׳ן קנייטש אויף די הויזען, וועלכע האבען געגלאנצט פון דעם אפטען פרעסען זיי. ער האט אלע מאל געריבען זיינע שיך אין די הויזען, כדי דער גלאנץ זאל אויף זיי שטעהן.

יענעם אווענט, ווען ער איז צו אונז אריינגעקומען, איז ער געוועזען צוטומעלט. דער גרויסער פארדינסט, וואס איז איהם דא געשטאנען, האט איהם אינגאנצען צוטומעלט. ער האט זיך געשראקען, איז געוועזען נערוועז, און אריינקומענדיג האט ער גלייך א פרעג געטאן:

— וואו איז ער?

— ער איז דא, — האט פישהארן געענטפערט און אנגעוויזען אויף׳ן צווייטען צימער — ער שרייבט א בריף אהיים.

—נו, וואס הערט זיך?

— דערווייל געהט עס אלרייט — האט פישהארן געשמייכעלט.

— דאס איז א איד אן עושר! — האט ער ארויסגעסאפעט, ווי איי־נער, וואס איז אנגעקומען פון א ווייטען וועג — מען טאר איהם פון די הענט ניט ארויסלאזען.

— איך האב געהערט, אז בערגער האט זיך שוין גערדרעהט ארום איהם — האט פישהארן געזאגט.

דוכט אז אַט פֿאָהרט מען אַריין אין טייך מיט די פֿערד, מיט דעם וואָגען, מיט אַלעמען. נאָך אַ גליק, וואָס גאָר נאָהענט ביים ברעג, האָט זיך דער וועג פֿאַרנומען לינקס אַרום טייך.

דאָרטען, אויף דעם וועג, ביי דעם ברעג פֿון טייך, האָט מען געקענט זעהן צענדליגער שיפֿלעך מיט פֿרעהליכע, יונגע מענשען איבער'ן טייך זיך גליטשען. די קליינע, דריבנע, ווייסע כוואַליעס האָבען ווי ווייסע, קליינע שאָף צום ברעג זיך געשטופּט, זיך אָפּגעשלאָגען, און צוריק אַנט־לאָפֿען. אַלטע, הויכע ביימער האָבען אויף'ן גרונט פֿון טייך זייערע שטאַמען און צווייגען צולייגט, ווען די זון איז הויך איבער'ן הימעל גע־שטאַנען.

עס איז געווען סוף זומער. אַלעס איז מיט אַמאָל געוואָרען רויט. דורכזיכטיג, און שאַרף.

עס זענען געוואָרען רויט די בלעטער אויף די ביימער. די לופֿט ריין, דורכזיכטיג און קרעפֿטיג. פֿון די פֿעלדער האָט מען שוין אַראָפּ־גענומען דאָס היי און גלייכע, פּירעקעדיגע, מיט שטיינער אָפּגעצאַמטע שטיקער ערד זענען געלעגען ריין, אָפּגעשווירען און גלאַט גלייך ווי עמי־צער וואָלט מיט אַ גרויסען בעזים דאָרט אויסגעקערט. מען האָט שוין געשניטען דעם האָבער, מיט דער קוקאָרוזע און איבער די פֿעלדער האָט זיך געטראָגען דאָס פֿרעליכע קלאַפּען און פּייפֿען פֿון דער דרעשמאַשין.

זיי זענען צוגעקומען צום פֿאַרם. אַריינגעפֿאָרען אויף'ן הויף, זיך אַ דרעה אַרום געטאָן איבער דעם קיילעכדיגען אַריינפֿאָר, פֿאַרפֿאָרען אונטער דעם דעכעל, וואָס פֿאַרשטעלט פֿון זון, און דאָרט די פֿערד צו־געבונדען.

דער איד איז צוטומעלט געוואָרען. אַזוי פֿיל רייכקייט און באַ־לעבאַטישקייט האָט ער אַליין ניט ערוואַרט צו טרעפֿען. אַ פּולער שייער מיט היי, אַזש ביז אַרויף אויף'ן בוידעם צום דאַך צו. די קליינע, שטי־בעלאַך, וואָס זענען איבער'ן הויף צו דרום צו געשטאַנען, זענען געווען פֿול אָנגעפּאַקט מיט פֿרעליכע, ווייסע היהנדעלאַך, וואָס האָבען זיך אָהן אויפֿ־הער געדרעהט, אַריין און אַרויס פֿון די שטיבלאַך, ווי מוראַזשקעס. קיה און קעלבער, זענען איבער די פֿעלד געווען צוואָוואָרפֿען, ווי פֿלעקען אי־בער דעם ריינעם אָפּגעשווירענעם לאַנד, און ווען ער איז אין שטאָל אַריין האָט איהם געגעבען אַ שלאָג אַ ריח פֿון זיסער מילך, און קאַלך מיט

9

אויף מארגען איז פון אונזער הויז א פולע פור מיט מענשען אינ
איינעם מיט דעם רייכען אידען געפארען צו דער פארם קיין דזשע־
פערסאנוויל.

דער וועג פון אונז קיין דזשעפערסאנוויל איז נאך טויזענט מאל
שענער געוועז ווי דאס דארף אונזערס.

באוואקסען פוןביידע זייטען מיט סאסנעס און טאפאלען, האט זיך
דער וועג אראפגעלאזט בארג אראפ צום „סוואן לייק" דורך דער ארים־
טאקראטישען דערפעל דזשעפערסאנוויל, וואס איז געלעגען איינגעשלא־
סען אין די ארומיגע הויכע, בלויע און רויטע בערג.

דזשעפערסאנוויל, האט גע'שמ'ט מיט איהר אריסטאקראטישקייט.
מיט דער גוטער אדמיניסטראטיווער באלעבאטישקייט. איהרע וועגען
זענען געוועז געבראקירטע, מיט ווייסע, צוריבענע שטיינדלאך, קיילעכ־
דיג און גלאט אויסגעשיט און פון ביידע זייטען מיט ווייס אפגעפארבטע
פארענטשעס, דארט ווי עס זענען געוועז רינעס אדער א טיפער וואלד.

עס איז געוועז ניט לאנג זינט אידען האבען זיך דארט אנגעהויבען
בעווייזען, זענען די קריסטען געוועז צו זיי גאסטפריינדליך. זיי עצות
געגעבען ביים אקערען און זייען, און ווי צו האלטען זייערע שטיבלאך ווייס
און ריין און מיט שמעקעדיגע בלומען און היי ארום די הייזער. און ווען
א פארביי פאהרער איז אויף יענעם וועג געפאהרען האט ער זיינע אוי־
גען ניט געקענט אפרייסען פון דעם שטילען צויבער, וואס איז געלעגען
אויף יענעם דערפעל צוווארפען.

פאהרענדיג, האט זיך געקענט דאס האריץ אפרייסען פון שרעק.
ווען פאר די אויגען, האט זיך מיט אמאל ענדעקט דער קיילעכדיגער
„סוואן לייק", דער וועג איז געלאפען גלייך אין טייך אריין, האט זיך גע־

איז דאס ? א חשבון פון טויזענט מיט צוואנציג דאלער. נו לאמיר שוין זאגען עלף הונדערט.

איין גאט, וויים נאך וואס ער האט צוגעגעבען די אכציג דאלער, ווען טויזענט מיט צוואנציג איז פונקט זיבעצען מאל זעכציג. נאר ער האט זיך אליץ מעהר צווואראעמט. דער שטאטישער אגענט איז אזש רויט געווען פון אויפרעגונג. געהאלטען אין איין דערמאנען — און פון די טשיקענס ! און פון די עפעל בוימער ! פישהארן האט פארגעזעצט :

— נו, און עס קאן נאך צופאלען אזעלכע צוויי, לאמיר זאגען דריי הונ־דערט דאלער, טאקסעס און שטייערען, און לאמיר אפילו צורעכענען נאך צוויי הונדערט דאלער. מאלע וואס עס מאכט זיך אין אזא הויז, ועט עס זיין צוזאמען א חשבון פון עלף הונדערט, און דריי—איז פערצען, און צוויי איז זעכצען הונדערט דאלער ארום און ארום. טו וואו איז דער דין, אז פאר דער הויז אליין, נעמט איהר אפ, בלויז פאר'ן זומער, פינף און צוואנציג הונדערטער ?

— און ווי איז די פארם ? האט זיך שוין מיין מאמע ניט געקענט איינהאלטען — און דאס איז א חשבון ? — האט זי זיך צושריען — א מענש נעמט און מאכט א חשבון ! האסטו געהערט אמאל. און ווי זענען די דרייסיג שטיק רעגיסטרירטע קיה, אלע מיט די בלעכלאך אויף די העלזער ? און די טויזענט היהנער ? דאס אליין האט דאך די ווערט די פינף טויזענט דאליארעס וואס ער צאהלט איין. ער קען דאס דאך אויף מארגען פארקויפען און ארויס נעמען די געלט. און די דר ייהונדערט אקער לאנד ? און די זעקס פאר פערד ! און אליין האלטען די הויז איבער'ן זומער, ניט ארויסגעבען ? און עס איז אזוי אוועק א צעטעל פון פראגען. דער הער פישהארן האט ניט געענטפערט, געקוקט מיט א שמייכעל אויף דעם אידען. מיין מאמע האט ווידער געשטעלט פראגען, זיך געהיצט און געדונגען, גלייך זי זאל דאס ועלען קויפען די פארם ניט דער איד.

מען האט אזוי ביזקעל הויז געערדט. עס איז צוגעפאלען די נאכט. דער גאנצער געגענד ארום איז געווארען איינגעהילט אין א טונקעלען שאטען. די פערד זענען לאנגזאם ביים ברעג וועג געגאנגען. ריטמיש מיט די קאפעטעס איבער'ן שאסעע געקלאפט, געשמעקט מיט די נעזער און דעם וועג געטאפט.

ביים שליאך, ווי עס האבען זיך פערנומען פארשידענע וועגען, האט

וועלכען די וועגט זענען געווען אויסגעווייסט.

ער איז ווי פער'כישופ'ט דעם הער פישהארן נאכגעגאנגען, אויף אלעס זיך גע'חידוש'ט, געהאלטען אין איין פרעגען זיך — וואס איז דאס און וואס טוט מען דערמיט.

ווען מען איז איבער אלע פעלדער דורכגעקראכען, איבער די וועלדער און פאשע לאנד, איז מען צוגעקומען צוריק צום הויף. נאך אמאל באקוקען די שטאלען און שטיבלאך און די סיילע, און מען האט דעם אידען איבערגעגעבען צו מיין מאמען זי זאל איהם ווייזען די הויז.

די הויז איז געווען א גרויסע. פופציג צימערען א חוץ די צוויי „באנגעלאוו'ס" איבער'ן וועג. א גרויסער עסצימער מיט שטולען און טישלאך און זילבערנע עסצייג. אין דער פראנט פון הויז האבען זיך געצויגען ווי א דליד טיפע ווארענדעס אין דער מיטען מיט א זון פארלאר פאר די ווינטערדיגע געסט.

געהענדיג, האט מיין מאמע געשוויגען. זי האט געזעהן, ווי דער איד איז פארקאכט, ווערט נתפעל פון אלעס, ווי איינער וואס האט עס נאך ליינמאל ניט געזעהן, האט זי געטראכט: זי וועט בעסער שווייגען, ניט רעדען, זאל ער אנהויבען פריער.

איהר הארץ האט זיך געווים ציטערדיג באוועגט און געקלאפט;—ווען זי פירט דא דעם מסחור דורך וואלט איהר א פאר שענע הונדערטער געבליבען, און זי האט זיך געווים, ווי שטענדיג, אין איהרע קריטישע מינוטען, צו גאט געווענדעט, צוגעזאגט א נדר פאר מאיר בעל הנס, און פאר דער ארץ ישראל פושקע, און גלאט געשיקט א געבעט אהן ווערטער, א געבעט פון טיפען הארץ ארויס, וואס גליטשט זיך דורך ווי א ווינט דורך די ליפען.

אויף'ן וועג צוריק, זענען די פערד לאנגזאם געגאנגען. פישהארן האט די לייצעס צווישען ביידע קני ארייגעלעגט, אראפגענומען די פערד פון דעם מיטען וועג, צום זייט צו, זיי געלאזט אליין דעם וועג טרעפען, און האט געהאלפען דעם אידען רעכענען.

— איהר פארשטעהט, — האט ער גע'טענה'ט — אז איהר וועט איינצאלען איצט, לאמיר זאגען, פינף טויזענט, בלייבט שטעהן, אזוי, גרוים, ווי זיבעצעהן טויזענט פינף הונדערט. הייסט עס, אויף זעקס פראצענט, האבען מיר א חשבון פון זיבעצעהן מאל זעכציג, איז וויפיל

10

אויף מארגען אין דער פריה, איז צו אונז פארפארען מיסטער ליוויי. א דיקער, הויכער מאַן. זיין פּנים איז געווען ברוין, פארברענט פון זון און ווינט. ער האָט געהאט לאַנגע, דיקע הענט. ברייטע פּלייצעס מיט א פּאָר שווארצע, קלוגע אויגען, און האָט גערעדט שנעל, הויך, האַלב ענגליש און האַלב אידיש.

ער איז אַנגעקומען מיט אַן אָטאָמאָביל. מיט א ברייטקייט אריין אין שטוב אריין. אין מויל א דיקען סיגאר, און איבער זיין וועסט, איז פון איין קעשענע צו דער צווייטער געווען איבערגעצויגען א דיקע, לאַנגע, גאָלדענע קייט.

— א פּארם וויל איך אַנקוקען — האָט ער מיט א ברייטקייט אריינגעלעגט די הענט אין די הויזען קעשענעס, און געקלונגען מיט די מטבעות, וואָס זענען ביי איהם אין קעשענע געלעגען — א „מין, יו נאָ“, א גוטער ברודער מיינער, האָט מיר געהייסען פאר איהם א פארם אַנקוקען, קיין געלט איז קיין מניעה ניט, יו נאָ, באָט הי וואנטס די רייט סטאָף!

די לעצטע ווערטער האָט ער ווי אויסגעזונגען. מיט גרויסקייט און מיט אַן אַנשטעל, וואָס האָט זיך זעהר געפּאַסט צו זיין הויכער, דיקער פיגור.

פישהאָרן האָט איהם ערנסט געענטפערט. דערצעהלט פון דער און פון יענער פארם, איהם פאַרגעשטעלט פאר דעם אידען, וועלכער איז גלייך מיט איהם א גוטער ברודער געוואָרען. איהם דערצעהלט פון דער פארם, וואָס ער האָט געזעהן און איהם געפרעגט, וואָס דענקט ער וועגען אזא מין אונטערנעמונג.

— וועל, — האָט מיסטער ליוויי דעם שטערען געקנייטשט — איט׳ס אַפּ טו יו! אזא פארם, אויב עס וועט זי קויפען דער ריכטיגער

זיך פישהאָרן מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן, גענומען די לייצעס אין האַנט, אַ טשמאָק געטאָן מיט די ליפּען — געט אַפּ בייבי, געט אַפּ קיידי, און די פערד דערשמעקענדיג די נאָהענטקייט פון דאָרף האָבען זיך מיט זייערע דריבנע טריט אַ לאָז געטאָן באַרג אַרונטער.

אין הויז האָט זיך מיין מאַמע מיט דעם הער פישהאָרן אין דעם באַזונדערן חדר פאַרמאַכט. גלייך נאָך דעם האָט זיך פון ערגעץ וואו אונטערגערוקט דער שטאָדטישער אַגענט. מען האָט גערעדט, און אַלע מאָל איז אַ צווייטער מיט אַ נייעם איינפאַל אַריינגעפאַלען. ווען זיי זענען אַרויסגעקומען, האָט מיר מיין מאַמע אונטערגעטראָגען אַ בויגען פון דער טעלעגראַפען אַגענטור און מיר אויף גיך געהייסען שרייבען אַ טעלעגראַמע צו מיסטער ליוויי:

— „קומט גלייך אַרויס. דער פּלאַץ געפעלען. אַ שווער שטיקעל אַרבייט. קומט אונבעדינגט“.

געפונען א גרויסער זומער האטעל און א פארם פון א דריי הונדערט אקער. א חוץ דעם פלעגט ער פון צייט צו צייט האפען עטליכע הונדערטער פון מעקלעריי. פון געלט, וואס ער פלעגט געבען אויף מארטגעטזשעס, און זיין הויז איז געווען אנגעפילט מיט כל טוב.

זייענדיג רייך, נאך בחורווייז, האט ער זיך פון דער גרויסער שטאט א כלה גענומען. די כלה זיינע איז געווען א בוהאלטערין אין א גרויסען געשעפט אויף דואיין סטריט, און וואלט אפילו ניט געווען גע'חלומ'ט פון נעמען א פארמער פאר א מאן, נאר אזוי ווי זי איז געווען א יתומה, און א שוואכע דערצו, האט זי געטראכט, סיי ווי סיי פארט זי דאך יעדען זומער אין די בערג ארויס, עס קאסט אפ אזוי פיל געלט און דו האסט ערשט דערפון קיין הנאה ניט, וועט זי שוין בעסער חתונה האבען, און יעדען ווינטער, ווען עס שטעלט זיך דער טעאטער סיזאן וועט זי פארען אין שטאט אריין.

אויף דעם פארם האט זי אריינגעבראכט די שטאדטישע מאניערען. זיך גרויס געהאלטען, ניט גערעדט אנדערש ווי ענגליש. איז אלע צוויי וואכען געבליבען ליגען אין בעט. צוגענומען דינסטען און משרתים און זיך געבראכט פון דער גרויסער שטאדט א פאנאגראף מיט רעקארדס פון קארוזא'ן און הערי לאודער.

מיסטער ליוויי'ן איז דאס געפעלען געווארען. ער האט דערפאר פאר איהר גרויס דרך ארץ געקראגען. איהר באלד זיינע געשעפטען צום פיהרען געגעבען. דאס הייסט די ביכער, מיט די חשבונות, מיט די ביכלעך פון די בענק. און ווען זי האט א קינד געבוירען, האט ער זי גערופען מאמע און זי האט איהם גערופען פאפא.

מיין מאמע האט דאס אלעס געוואוסט. האט זי געזעהן מאכען דעם טיש וואס רייכער. מען האט געשטעלט פולע קריגלעך מיט גערדיכטער סמעטענע. פרישע וואריקעס מיט קעז האט מען דערלאנגט און די גוטע „ראודאיילענדער“ קארטאפעל האט מען געגעסען מיט זויערמילך.

— איהר זענט דאך שוין מן הסתם א שטאדטישער איצט — האט זי איהם צוגעשמייכעלט — און לאכט פון אונזערע דארפישע מאכלים.

דערנאך איז אוועק א שמועס, אזוי זיך פון דער זייט, וועגען דער פארם. מיסטער ליוויי האט געהאלטען אין איין טענה'ן אז דזשאן סטראנג'ס איז דער ריכטיגער פלאץ פאר זיין פריינד, און אז ער האט

מאז, וועט ער מאכען גוטע ביזנעס? באט יו עוו גאט טו בי די רייט מען!

— און וואס הערט זיך מיט זשאן סטראנג'ס פלאץ? — האט זיך מיסטער ליוויי אין מיטען געוואנדט צום הער פישהארן.

— דאס איז דאך דער פלאץ — האט זיך דער איד א חאפ געטאן — אט דעם פלאץ האבען מיר דאך געזעהן!

מיסטער ליוויי האט זיך אנגעבלאזען. געמאכט א פארדריסליכע מינע. גלייך, ווי ער זאל עפעס האבען אנגעוואוירען. און זיך אפגערופען צו פישהארן:

— איך האב די גאנצע צייט געדענקט אז דער פלאץ וואלט געווען דאס ריכטיגע פאר מיין פריינד.

— איך האב דאך נאך ניט געקויפט — האט דער איד זיך אפגערופען — איהר קענט עס נאך אנקוקען.

— זעהט איהר, דאס טון מיר ניט — האט פישהארן געענטפערט — כל זמן מיר ווייסען ניט באשטימט אז איינער וויל א פארם ניט קויפען, ברענגען מיר א צווייטען ניט.

— נאך דאס פעהלט אונז — האט זיך מיין מאמע ארייגעמישט — מעהר, וואלט ער ניט באדארפט דער גוי, ווען ער זעהט אז מען לויפט איבער זיין פארם. זיי האבען שוין אזוי אויך גענוג שכל.

— וועל — האט מיסטער ליוויי נאך אמאל מיט בעדויערען ארויסגערעדט — וועל, וועל. הייסט עס מען דארף אהיים פארען.

— וואסער היים פארען — האט פישהארן אונטערגעכאפט — מיר האבען נאך גענוג פלעצער צום פארקויפען. אז ניט זשאן סטראנג'ס איז שוין אוים ביזנעס?

— וועל, — האט מיסטער ליוויי געזאגט, און איז געבליבען שטעהן פארטראכט, און פער'מרה'שחורה'ט גלייך, ווי אויף דעם איינציגען פלאץ וואלט זיין גליק באשטאנען, און אויב ניט דער פלאץ איז זיין לעבען קיין לעבען ניט.

מיין מאמע האט דערוויל געהייסען גרייטען צום טיש. לכבוד דעם נייעם גאסט האט מען ארויסגענומען דאס זילבערנע עסצייג, מיט'ן ליי־נענעם טישטוך, מיט די קליינע סערוועטלאך נעבען יעדען שטול. ליוויי איז געווען א רייכער פארמער פון אונזער געגענד. ביי איהם האט זיך

.11

װען דער רײעכר מיסטער ליװײ איז אָנגעקומען, איז דער יונגערמאַן גרינבאַרג נאָך אומרוהיגער געװאָרען. ער האָט זיך פאַר דעם מענשען גע־שראָקען. געזעהן אין איהם א קאָנקורענט און מורא געהאַט טאָמער כאַפּט ער זײן פּארם אױס. נאָר באַלד האָט ער זיך באַרוהיגט. געהערט װי יענער רעדט פון שװערע טױזענטער, איז איהם אױפ׳ן הארצען לײכטער געװאָרען. פאַרקעהרט, ער איז מיט איהם א גאַנער גוטער־ברודער געװאָרען. בײ איהם עצות געפרעגט. גערעדט װעגען ביזנעס, און כמעט שױן, װי באַשטעלט אן הלואה, אזױ שנעל װי ער װעט נאָר די פּאַרם קױפען.

— איהר װעט מיר געבען א טשאַטעל מאָרגעדזש — האָט מיסטער ליװײ שױן צוגעשטימט — יו נאָ װאָט אי מין! איך מײן, איהר האָט דאָרט דרײ קיה, צװײ פערד, אפילו אַלטע, אבער דאָך א אידען א טובה טאָן. און מן הסתם עטליכע היהנער געפינען זיך דאָך דאָרט. װעל איך א טשאַטעל מאָרגעדזש נעמען, יו נאָ, עס װעט שױן זײן אָלרײט.

דער מיסטער ליװײ האָט די לעצטע װערטער װי אױסגעזונגען. געװען זיכער בײ זיך. מיט די קלינגערס אין קעשענע געקלונגען, און ארױסגע־שטעלט זײן ברוסט מיט דער גאָלדענער קײט איבער זײן װעסט.

גרינבאַרג האָט איהם געװאָלט באַדאַנקען. אזױ װי עס פיהרט זיך. נאָר יענער האָט זיך גלײך פון איהם אָפּגעקערט, און שױן גערעדט מיט פישהאָרן פון טױזענטער.

מען מוז זאָגען, אז דער מיסטער ליװײ האָט אױסגעצײכענט זײן ראָליע געשפּיעלט: זײן פּראָסטער, אבער פּראַקטישער שכל האָט איהם שטענדיג די ריכטיגע װערטער אונטערגעזאָגט, און זײן האַלטונג, שטענ־דיג פון דער זײט, אזױ זיך דערנעבען, האָט יענעם שטענדיג אין זײן נעץ ארײנגעצױגען. ניט רעדענדיג קײן סך, האָט ער פאַרזיכטיג אַלעם אױס־

גאר אנדערש ניט געטראכט. און אז צוליעב דעם איז ער ארויסגעקומען. און אז פון געלט וואלט גאר קיין רעד ניט געווען.

— ער האט מיר אויסדריקליך געשריבען — האט מיסטער ליוויי גע־זאגט — געה און קוק אן, און וואס דיר וועט געפעלען, נעם און קויף. אפ טו טוירדי טויזענט יו קען, גא.

פישהארן האט איהם אלץ געטרייסט. צוגעזאגט ווייזען נאך שעהנע־רע פלעצער — עסט פריהער אפ. מיר וועלען ארויספאהרען, וועט איהר זעהן.

דער איד האט זיך אויפ'ן שטוהל געדרעהט. ניט געקענט איינזיצען. זיך געשלאגען מיט דער דעה, וואס צו טאן. זיך אויפגעהויבען און ארייז אין קאנטור.

מיין מאמע איז איהם נאכגעגאנגען:

— אט נעמט און באשליסט — האט זי איהם שטיל איינגערוימט— איידער ער זעהט די פארם. איהר זעהט דאך ער מיינט ביזנעס. נעמט און גיט א טעלעגראמע, זאל אייער פרוי ארויסקומען איידער עס ווערט צו שפעט.

— דאס איז מיין פרוי. זי האט אין וועג געבלאנדזשעט. שוין צוויי טעג אונטער וועגענס איז זי.

מיין מאמע האט זיך גלייך צוגעלאזט צו דער פרוי, ווי אין גאנצען פארגעסענדיג אין געשעפט, האט זי זיך צו דער פרוי געווענדט, זיך מעהר ניט געמישט אין די מענערשע געשעפטען. זיך גענומען מיט ווארעמקייט רעדען מיט דער פרוי פון איהר שווערען וועג פון דער שטאדט, פון שטאדטישע זאכען, זיך נאכגעפרעגט אויף די לעצטע מאָדעס.

די פרוי האט זיך צואווארעמט, איז געווארען היימיש. זיצענדיג אין שטוהל, נעבען אונזער אויבען, מיט דעם צופלאמטען פנים און ברייטע היפּס, האט זי אויסגעזעהן ווי איינע, וואס האט שוין א האלבען טוצען קינדער ארויסגעווארפען, און זיך נאך פונדעסטוועגען אלץ געפּאדערט.

און גאר אין גיכען האט שוין מיין מאמע מיט איהר פון די גוטע געריכטען געשמועסט. און ווער וואלט דען דעמאלט געקענט זאגען, אז מיין מאמע פיהרט אזעלכע גרויסע געשעפטען, אין יענעם אוועקט, ווען די צוויי פרויען זענען ארום דעם שעהנעם אויבען געזעסען און פון פרויען באלעבאטישקייט גערעדט? מיין מאמעס רעד זענען אזוי פרויעש ארויס־געקומען, און זי האט אזוי באגייסטערט פון די מאכלים גערעדט, אז די מאנסבילען ביים טיש האבען געמוזט זייער שמועס אפּשטעלען און אין מיין מאמעס רעד זיך איינהערען:

— איהר זענט דאך דער טייוועל אליין! — האט זיך מיסטער ליוויי מיט אמאל אפּגערופען, מיינענדיג דערמיט צו קאמפּלעמענטירען מיין מא־מע'ן — ווי זי רעדט דאס פון דעם גולאש! צי איז דען דא אזא זאך אויף דער וועלט, פון וואס דאס זאל ניט וויסען! — האט ער זיך געווענדט צו די מענער.

— נעהט, געהט, — האט זיך מיין מאמע גע'חנ'דעלט — מיר מי־שען עפּעס א סך אין אייערע ענינים? לאזט נאר די ווייבער צורוה, וועט שוין אלעס גוט זיין.

ביז שפּעט אין דער נאכט אריין, האט מען אזוי גערעדט און געפּלא־פּעלט, ביז מיין מאמע און די פרוי האבען זיך ביידע אונטער די הענט גע־נומען, פארווארפען די שאלען איבער די אקסלען, און זענען פאמפּלאמטע פון שטוב ארויס.

אויף מארגען איז מיין מאמע און גרינבארג מיט זיין פרוי צו דעם

געטאפט און אויסגעפונען. און זיין רייך האלטען זיך, האט איהם צוגע־געבען דעם טאן פון זיכערקייט מיט וועלכען ער האט אלעמען גענומען.

דאס אלעס האט גרינבארג'ס מוטה צוגענומען. ער האט געטראכט, וואס פאר א ווערט משטיינס געזאגט האט זיין מסחור, אנטקעגען די רייכע קונים וואס קומען אהער. אט דרעהט זיך ארום א איד, אן אלטמאַ־דישער. א גרינער, קען אפילו קיין ענגליש ניט רעדען, און קויפט אזא גרוי־סע פארם. אי ווען ער האט יענעמ'ס געלט! ער וואלט שוין געוואוסט, ווי אזוי זיך איינצושטעלען. נאר וואס איז דער וואונדער, א מענש, א גרינער, קען אפילו קיין ענגליש ניט רעדען.

ער האט אננעהויבען באוואונדערען דעם מיסטער ליוויי. זיך איינ־געהערט אין זיינע רעד. ביים טיש איהם גלייך אין מויל אריינגעקוקט. און שוין נאר אנדערש ניט געטראכט, ווי אז אזוי שנעל, ווי ער וועט דעם קאנטראקט מאכען, וועט ער ביי איהם גלייך אן הלואה מאכען.

אט אזוי האט זיך שוין אליין געארבייט דער פלאן ביי גרינבארג'ן. מען האט איהם שוין ניט צוגערעדט. זיך מיט איהם ווינציג וואס אפגעגע־בען. דער מיסטער ליוויי, וועלכער איז גאר צוליעב איהם ניט געקומען, האט אבער אין דער שטיל, אזוי זיך, פון דער זייט, זיין חלק צוגעטרא־גען. זיין קלינגען מיט די מטבעות אין די קעשענעס, און דאס אנזאגען אז ער וועט איהם צו יעדער צייט געלט לייהען, איז געווען דער בעסטער מיטעל צו מאכען גרינבארג'ן אונגעדולדיג ווארטען אויף זיין פרוי, וועלכע ער האט שוין צום צווייטען מאל דורך א טעלעגראמע ארויסגערופען צו אונז אין דארף ארויס.

שפעט אין אווענט האבען זיך מוצי און פרינץ, ביידע מיט אמאל צו דער טיר א ריס געטאן, אוועקגעלעגט די פאדערשטע פיס אויף דער טיר און אנגעהויבען בילען.

אין דרויסען האט זיך אפגעשטעלט א פוהר. פישהארן איז אויף דער פאראנדע ארויס, מיט א לאנטערן באלויכטען די טרעפ. אריינגעפיהרט א יונגע נידעריגע פרוי, מיט ברייטע היפס, און נידעריגע, אהן אפזאצען שיך.

גרינבארג האט זיך פון שטוהל א הויב געטאן, איז צו צו איהר, און צום סוף זי צו מיין מאמע'ן צוגעפיהרט:

.12

מר. ברעדלי איז געווען א מאן פון א יאהר פופציג. מיט א גרויען, קורצגעשוירענעם קאפ האר. מיט שטייפע, קורצע וואנצען, פארזיכטיג ארומגעשוירען. זיין פנים איז געווען שטייף, ענערגיש, מיט טיפע קנייטשען ארום זיין מויל און אויפ'ן שטערען. נאר זיינע אויגען זענען געווען בלויע, מילדע, און דאס האט צוגעגעבען צו זיין געשטאלט דעם אויסדרוק פון א פעהיגען, צייטענווייז לייכטזיניגען מענשען. ער איז געווען א מענש מיט טראדיציעס. דער גאנצער פאליטיקער אין אונזער געגענד. און אמאל אין די יונגע יאהרען האט ער פארטראטען אונזער געמיינדע אלס זער פראקוראר אונזערער, און ניט איינמאל איז איהם אויסגעקומען צו פאדערען דאס לעבען פון א מענשען דערפאר, ווייל יענער איז א פארברעכען געגען געזעץ באגאנגען. און איצט האט ער זיך ארומגעטראגען מיט'ן באוואוסטזיין פון יענע יאהרען, ניט געהאלטען פון די היינטיגע אדוואקאטען, און זיך צום סוף ארייגעלאזט אין די 'ריעל עסטייט" ביזנעס.

אפיציעל האט ער געהייסען, וואס מען רופט א „קארפארייטשאן לויער". נאר אין דער שטיל האט ער געגעבען געלט אויף מארגעדזשעס. געכאפט א קאמישען, ווען עס האט זיך געפאדערט אן אדוואקאטס אן אויפטו, און זיך געלאזט ארומרינגלען פון דער חברה אגענטען.

ווען מיין מאמע האט מיר געהייסען צום מיסטער ברעדלי אריבערגעהן, האב איך מיר מיינע שיך אפגעפוצט. מיין מאמע האט מיר די האר פון קאפ פארשארט, און מיר אנגעזאגט איהם איידעל צו בעטען, ער זאל די פאפירען צוגרייטען.

מיסטער ברעדלי האט גוט געוואוסט דזשארוש ניירויסעס פארם. צוליעב דעם שטיק וואלד איבער וועלכען מען האט זיך אזוי פיל ארומגעקריגט אין די לעצטע פאר יאהר. ער האט גוט געוואוסט אז די שטיק וואלד, וואס איז געלעגען נעבען טייך, האט אמאל באלאנגט צו די פעל־

אלטען נאריסעס פארם געפאהרען. מוצי און פרינץ האבען נאך דעם וואגען נאכגעקוקט, ניט געוואוסט אין וועלכער זייט זיך צו פארנעמען. נאר ווען איך האב זיי א רוף געטאן, זענען זיי ביידע מיט פרייד צו מיר א שפרונג געטאן. איך האב פון שראנק ארויסגענומען סטיווענסאן'ס שענע מעשה, ווי די געזונטע מענער לאזען זיך אוועק זוכען דאס אינזעל מיט'ן אוצר, און בין מיר מיט זיי אוועק אין סאד אריין.

שפעט נאך מיטאג האט מיך מיין מאמע גערופען:

— זוהנעלע! זוהן מיינער, געה אריבער צו מיסטער ברעדלי. זאג איהם, ער זאל מארגען אין דער פריה ווארטען אויף מיר. זאל ער האבען אנגעגרייט אלע פאפירען. און נאכזוכען אין די רעקארדס דעם אלטען נאריסעס'עס פארם. מיר וועלען דארטען זיין פונקט צעהן א זייגער.

אויף איהר פנים איז געווען צולעגט א צופרידענע מינע. זי האט ארייגעלעגט איהר האנט אין איהר טאש. ארויסגענומען א פולע האנט מיט קליין געלט, און מיר עס דערלאנגט.

וואו זי הויבט זיך אן, וואו זי ענדיגט זיך, און ווי אזוי זי איז צונויפגע־שטעלט געווארען. א שטיקעל א ירושה פון א מוהמע'ן, און א ווינקעל פון א פעטער, און א שטיק וואלד פון דעם וואנדערער וואס פלעגט זיך פון צייט צו צייט אין דעם געגענד באווייזען.

מיסטער ברעדלי האט דאס געלייענט, הויך, מעכאניש, לאנג. דער אלטער דזשארדזש נארעס האט זיך אויפגעשטעלט ביים לעזען. אראפ גענומען דעם הוט, און עס האט זיך געדוכט, ווי ער זאל זיך צלמ'ן. גרינ־בארג האט זיך ערנסט איינגעהערט. מיין מאמע'ן האט עס געלאנגווייליגט. זי האט שוין געוואלט וואס שנעלער פטור ווערען פון דעם עסק. זי האט געוואלט וויסען וואס עס הערט זיך אין דער היים מיט'ן רייכען קונה, און איז אלע ווייל געלאפען צום טעלעפאן, געוואר ווערען וואס עס טוט זיך אין שטוב.

צום סוף האט מיסטער ברעדלי געענדיגט לעזען. ביידע, דער אלטער נארים און גרינבארג מיט דער ווייב האבען זיך אונטערגעשריבען. זיך געגעבען די הענט. מען האט דאס געלט געגעבען מיין מאמע'ן. זי האט דאס געגעבען צום אלטען נארים, וועלכער האט א האלב דערפון גלייך צוריקגעגעבען צו מיין מאמע'ן.

גרינבארג מיט זיין ווייב האט זיך אויפגעזעצט אויף דעם אלטען נאריסעס וועגעלע. דאס וועגעלע האט זיך געבראכען אונטער זייער זיץ. די דארע שטעקעלעך פון די רעדער האבען געקנאקט פון טרוקענקייט. דאס פערד איז לאנגזאם, מיט שווערע טריט איבער'ן וועג געלאפען, און דער אלטער נארים האט כסדר מיט זיינע ליפען געשמאטשקעט, געשמיסען דאס פערד, און געשריען — געט אפ! געט אפ! יו לייזי פעלאוו.

גרינבארגען איז מיט אמאל שווער אויפ'ן הארצען געווארען. ער האט געשוויגען. זיך געוויגט אויף דעם וועגעלע. די זון האט זיך שוין אנגעהויבען זעצען. די אויסגעשפרייטע פעלדער האבען ווי געלד אנטקעגען דער אונטערגעהענדער זון געגלאנצט. די פארמישע שטיבלעך זענען שטילע ביי די ברעגען וועג געשטאנען און אויפגענומען דאס מעקען פון די קיה, וואס האבען פון דער פאשע זיך אומגעקעהרט.

עס איז מיט אמאל פאר גרינבארג'ן זיין גאנצע לאגע קלאר געווא־רען. די פאר טעג, וואס ער איז ביי אונז אין שטוב געזעסען, האט ער געפיהלט זיך פריי. אהן זארג, און פול מיט האפענונג. נאר איצט איז

טאַן'ס, וועמענס פאַרם האָט זיך געגרענעצט מיט נאַריסעס פאַרם. אַז דאָס האָט נאַריס'עס ווייב געקראָגען אַ ירושה.

ווען דער אַלטער פעלטאָן איז געלעגען אויפ'ן טויטען בעט, איז איידער דער אַלטער פעלטאָן האָט זיינע אויגען צוגעשלאָסען, האָט ער צונויף גערופען די שכנים, דעם גלח, מיט אַ שוואַך קול אָפּגעזאָגט די צוואה, און דאָס שטיק וואַלד, האָט ער געזאָגט, שענקט ער אַוועק צו זיין שוועסטער עוועלין, דזשאַרדזש נאַריסעס ווייב. אויף פּאַפּיר האָט מען אין יענע צייטען ניט געדאַרפט שרייבען, וואָרים מען האָט געוואוסט אַז אַ מענש זאָגט עפּעס פאַר'ן טויט, וועלען עס די קינדער מקיים זיין. און אַזוי איז טאַקע געווען.

נאָר זייט דעמאָלט זענען שוין פיעל וואַסערען פאַרלאָפען. עס האָבען זיך געביטען פיל פון די מנהגים ביי אונז אין געגענד. מיסטער ברעדלי אַליין האָט טאַקע גע'טענה'ט, און איבער'ן טיש געקלאַפּט, אַז סאַליוואַן קאַונטי איז נאָך ניט געזונקען אויף אַזוי פיל, אַז מען זאָל מוזען אין אַ גע־מיינדע פון אמת'ע קריסטען, וועגען אַזעלכע זאַכען צום געריכט געהן. און אַז דאָס וועט בלייבען אַ פלעק אויף אונזער געמיינדע. נאָר דער יונגער ווילסאָן, אַ שנעק, ערשט, ווי מען זאָגט פון איי אַרויס, איז געשטאַנען און ציטירט פון עפּעס אַ דיקען בוך, וואו עס איז בפירוש געשטאַנען געשרי־בען, אַז דאָס וואָס עס ווערט אויפ'ן פּאַפּיר ניט פאַרשריבען און גע־חתמ'עט, האָט ניט די געזעצליכע רעכט אויף דער זאַך, וואָס איינער פאַ־דערט.

ברעדלי האָט געוואוסט, אַז דער יונגער ווילסאָן האָט רעכט. און ווען מיין מאַמע האָט איהם געבעטען דעם געשעפט דורכפיהרען, און עפּעס אַ שכל דערביי אויפטאָן, איז ער אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער, גע־קנייטשט דעם שטערען און צום סוף באַשלאָסען צו שרייבען דעם „דיט" נאָכ'ן אָריגינאַל נאָך. עס הייסט, פּונקט אַזוי, ווי עס האָט איהם געהאַט דער אַלטער דזשאַרדזש נאַריס, ווען ער האָט זיין פאַרם געקויפט.

עס איז אַוועק אַ צעטעל פון לעזען ווערטער און נעמען וועלכע גרינבאַרג האָט ניט אָנגעהויבען אפילו אַ וואָרט פאַרשטעהן. פון מעריב זייט ביים ברעג פון הויכען שטיין, ביז'ן דעמבעווען בוים, אַרונטער צו דרום, פאַרביי דעם טוירעל, אַרונטער צו מזרח, איבער דעם פלאַכען שטיין, און אַזוי ווייטער האָט זיך געצויגען די געשיכטע פון דער פאַרם.

13.

דער רייכער קונה, ר׳ יעקב, איז אויפגעשטאנען גאנץ פריה. געלעגט טלית און תפילין. זיך געשאָקעלט מיט׳ן פּנים צום וואנט אין מזרח־זייט פון קאנטור. פישהאָרן האָט זיך געדרעהט אריין און ארויס. געהייסען שפּאנען די פערד, און צום סוף מיט דעם אידען צום וואָקזאַל אין סטיוווענסוויל געפאָהרען.

מיסטער ליוויי האָט זיין אויטאָמאָביל אָנגעגאסען מיט וואסער. איז ארום איהם ארומגעגאנגען א פּאָר מאָל, באטראכט די שרייפלעך ארום די רעדער. באטאפּט די גומענע רייפען ארום דעם ראָד, זיך אויף איהם אָנגעלעהנט און באשלאָסען אז ער וועט נאָך קענען אזוי אהיים פאָהרען. ער האָט איהם אָנגעדרעהט, זיך ארייגעכאַפּט אינעווייניג און איז אוועקגעפלויגען.

אין שטוב איז געוואָרען שטיל. ליידיג און אומעדיג. דער רייכער קונה האָט זיך צו לאנג געראָטען, מישב געווען. געדעכנט מיט פישהאָרן און זיך ניט געקענט באשליסען צי זאָל ער קויפען די פאַרם, צי זאָל ער ניט.

די פאַרם איז איהם געפעלען געוואָרען. דאָס לאנד איז געווען גוט, און צולעגט ארום דער הויז, און די הויז איז געווען נאָך בעסער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, און וועגען געלט איז אויך ביי איהם קיין מניעה ניט געווען, נאָר ער איז געווען צוטומעלט, זיך ניט געקאָנט קאָנצענטרירען אין זיינע געדאנקען און זיך ניט געקענט באשליסען. עס איז געווען ביי איהם צי א גרויסער איבערבייט אין זיין לעבען צו מאכען. דאָרטען אין שטאָדט, האָט ער שוין געהאַט זיינע טעג און וואכען איינגעשטעלטע. שוין יאָהרען לאנג, ווי ער איז אין זיינע ביזנעס געווען. ער האָט געוואוסט יעדען ווינקעל פון די גרויסע שעפּער, וואו ער פלעגט די שטיקלעך סחורה צונויפקויפען. שוין געוואוסט וועלכען „פאַרמאַן" ער מוז מיט א דרייער׳ל אונטערשמירען און וועלכען מיט בלויז א סיגאר. זיין חיונה איז געווען א

אויף איהם מיט אמאל אנגעפאלען די שווערקייט פון לעבען און די זארג. פאר זיינע אויגען, זיצענדיג אויף דעם וועגעל, איז מיט אמאל פארביי־געפלויגען זיין גאנץ לעבען. דאס שטענדיגע ארבייטען אין די שעפער. דאס יאגען זיך און הארעווען, און די שטענדיגע מורא פאר'ן מארגענדיגען טאג.

איצט האט איהם ארומגענומען א שרעק פאר דער צוקונפט. פאר דאס, וואס עס דארף קומען. ער האט זיך געשראקען פאר דעם נייעם גע־גענד. פאר דעם נייעם לעבען, וואס ער געהט פיהרען, און פאר דער נייער סביבה וואוהין ער איז אריינגעפאלען. און א שטילע תפילה האבען זיינע ליפען געשעפטשעט, ער זאל אויף זיינע וועגען ניט געשטרויכעלט ווערען.

בלייבען א קראנקע פון אויפרעגונג ליגען אין איהר בעט. בענקען נאך מיין טאטען און וויינען אין דער שטיל. פארביי איהרע אויגען איז פאר־בייגעלאפען איהר לעבען. די שטארקע ליבע, וואס זי האט אמאל געהאט צו מיין פאטער, און ווי פארלאזען און עלענד זי איז איצט. זי פלעגט ארייננפאלען אין א היסטערישען געוויין און אזוי בלייבען אויף א טאג ליגען אין בעט.

ווען פישהארן איז אהיים געקומען איז שוין געווען פינסטער. ער איז געווען מיד און אויפגערעגט. אן אונבאהאלפענער איז ער אריין צו מיין מאמע'ן אין צימער. דערזעהענדיג זי ליגען אין בעט, האט זיך א ציטריג געפיהל איבער זיין הארץ צולעגט. ער איז צוגעגאנגען צו איהר בעט, זיך אוועקגעזעצט.

ער האט געשוויגען. געקוקט אויף מיין מאמע'ן. זי האט ארויסגע־נומען איהר נאקעטע האנט פון אונטער דער קאלדרע. זי פארלעגט אונטער'ן קאפ. דערנאך צונויפגענומען ארום האלז איהר נאכטהעמד.

פישהארן'ען איז, ווייזט אויס, מיט אמאל ווארעם געווארען און ענג אין האלז, — ער האט זיך אויפגעשטעלט. א קוק געטאן דורכ'ן פענס־טער און איז ארויס פון צימער.

מיין מאמע האט זיך אויפגעהויבען. זיך אנגעטאן. איינגעצויגען דעם קארסעט, פארביסען מיט די ליפען, ארויפגעווארפען אויף זיך דאס שווארצע זיידענע קלייד, וואס האט געפאסט צו איהר מידען פנים און איז ארונטער אין אפיס.

עס זענען געווען א פולע שטוב מיט מענשען. מען האט גערויכערט, גערעדט פון פארמס. פון די הייליגע טעג, וואס האבען זיך שוין געקליבען קומען, און מען האט נביאות געזאגט, צי וועט היינטיגער ווינטער זיין א שווערער צי א גרינגער.

פישהארן איז א כמורנער ביים טיש געזעסען. געשריבען בריעף און גערעכענט אין זיין קליין, רויט ביכעל.

מיין מאמע האט מיט א שמייכעל אויף איהר פנים דורכ'ן צימער זיך דורכגעשארט. צו איינעם א קלוג ווארט געזאגט, צו א צווייטען א שמייכ־לענדען בליק צוגעווארפען. און ווער וואלט דען דעמאלט געקענט זאגען, אז זי איז ערשט ניט לאנג א היסטערישע אין איהר בעט געליגען!

זי האט בלויז איהרע ליפען געביסען; זיך געפוצט איהרע לאנגע

שטענדיגע, מאָנטאָג קלייבט ער ביי גינזבורג בראָדערס און דינסטאַג ביי דער „מאָדערן סוט קאָמפּאַניע“, אַזוי אַלע טעג, אַלע וואָכען פון אַ גאַנץ יאָהר.

אויך אין דער היים, און אין זיין שאָפּ און אין דער שול זיינער, האָט ער זיינע מנהגים, זיין שטאַנד, און מען ווייסט, ווער ער איז. און דאָ, פּלוצים אַריינפאַלען אין אַ נייער סביבה, נייע ביזנעס, און ווער ווייס מיט וואָס, דאָס וועט זיך אויסלאָזען.

איז ער אַרומגעגאַנגען צוטומעלט. זיך ניט געקענט באַשליסען, און איז טאַקע אָן אונענטשלאָסענער אַהיים געפאָהרען.

ער האָט געזאָגט, אַז ער פאָהרט דאָס אַרויסנעמען זיין ווייב, איהר די פאָרם ווייזען, און זיך מיט איהר מישב זיין, נאָר מיין מאַמע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט דער עיקר, זי האָט געזעהן, נאָך זיין רעדען נאָך, אַז דער איד קען זיך ניט באַשליסען, און זי האָט נערוועז אַרומגעשפּאַנט איבער דער קיך. געהייסען קאָכען דאָס און דאָס, און בשעת מעשה געטראַכט פון פּלענער, ווי אַזוי ווייטער מיט דעם אידען צו האַנדלען.

— איך האָב אייך טויזענט מאָל געזאָגט — האָט זי נערוועז אויף דער קיכען געשריען — אַז צום ווינציגסטען אַ שעה זאָלען זיך די פּאַסאַ־ליעס ווייקען. און זי האָט פון כעס און אויפרעגונג פאַרקאַטשעט די אַר־בעל, געכאַפּט דאָס מעסער מיט אַ ציבעלע און אָנגעהויבען אָפּשיילען די ציבעלע.

זי האָט דאָס באַלד אוועקגעלעגט, צוגערופען מיין עלטערע שוועסטער זיטאַ. זי אָנגעהויבען מוסר׳ן פאַר וואָס זי איז אַזוי נאַכלעסיג, האָט שוין מעהר ווי אַ חודש צום טאַטען ניט געשריבען, און זיך באַקלאָגט אויף איהר עלענדקייט און איהר שווער מזל.

אין אַזעלכע מאָמענטען האָט זיך מיין מאַמע אין איהר גאַנצער בולט־קייט אַרויסגעוויזען. דער שלייער פון אָנגעצויגענקייט און שטענדיגען נע־מאַכטען שמייכעל און אָנשטרענגען זיך, איז פון איהר פאַרשוואונדען. עס איז געבליבען שטעהן אַ מיטעל־יאָהריגע פאַרמאַטערטע פרוי, וואָס לעבט אָן איינזאַמען, צובראָכענעם לעבען. איהרע אויגען, מידע אָפּגעלעבטע; איהר טאַליע אַ צולאָזטע. אַ מענש, וואָס האָט אַ לעבען לאַנג זיך אָנגע־שטרענגט, געלאָפען, און איז פאַרמאַטערט.

אין אַזעלכע טעג האָט זי זיך געקענט פאַרמאַכען אין איהר צימער.

און אונטערגעפייפט, און אזוי ביז ער האָט זיך אויפגעכאפּט, איז אריין אין אַפּיס, אויסגעלאָשען די ליכט.

מוצי האָט זיך אויפגעהויבען, זיך ווידער אוועקגעלעגט, זיך אויס־געצויגען אויפ'ן דיל, און מיט דעם רעכטען פוס זיך געקראַצט אין אויער.

די מענשען דערזעהענדיג, אז עס איז פינסטער געוואָרען, האָבען זיך אויפגעהויבען און א היים געגאַנגען.

נעגעל פון די ווייסע הענט, און מיט איהר גאנצען כח איינהאלטענדיג איהר אויפרעגונג, האט זי צו פישהארן׳ען א זאג געטאן:

— איז וויפיל האבען מיר געמאכט? און וואס וועט איהר טאן מיט מיסטער ברעדלי׳ן?

ברעדלי האט דעם גרעסטען חלק פון דעם קאמישאן באדארפט קריגען. מען האט די פארם, צוליב דעם שטיק וואלד, ניט געקענט פארקויפען אהן דעם חתימה פון די קינדער, און ברעדלי האט דאס אויף זיך גענומען.

— טו זאגט, וואס וועט איהר מיט ברעדלי׳ן טאן? — האט זי נאך אמאל איבערגעפרעגט אז אויפגערעגטע און א שטרענגע. איהר קול איז געווען נערוועז. עס האט זיך געדוכט אז את, את וועט די פרוי אריינפאלען אין א היסטעריקע און זיך צעוויינען.

פישהארן איז געזעסען ביים טיש. זיינע אויגען ניט ארויסגענומען פון דעם רויטען ביכעל. איהם האט באנג געטאן אויף די פאר דאלער, וואס ער האט שוין אריינגעלעגט אין זיין קעשענע. האט ער אראפגעלאזט די אונטערשטע ליפ, זיך אנגעבלאזען און ניט געענטפערט.

מיין מאמע האט פלוצלינג אין טיש א קלאפ געטאן. א געשריי געטאן: — גרויסער נאר! און איז אן אויפגערעגטע ארויס פון צימער.

ווי א יונגע מיידעל איז זי ארויף געלאפען די טרעפ. די גאנצע ענערגיע, וואס זי האט נאר געהאט, האט זיך געגעבען א שפאר ארויף, און פון אויפרעגונג איז איהר געווארען הייס דאס פנים.

זי איז ארויף צו זיך אין צימער. זיך אריינגעלעגט אין בעט, און א פיבער האט גלייך גענומען ווארפען איהר גאנצען קערפער. די גאנצע צייט, וואס זי וואוינט דא אין דער הויז — ביים שייד וועג — מיט דעם הער פישהארן, מיט דעם נארישען הער פישהארן, איז פאר איהר אויפגעשטאנען און א באליידיגטע, באנארישטע האט זי זיך פון דעם אין פיבער געווארפען.

פישהארן האט זיך אויפגעהויבען. איז אריין אין קיך. געבעטען ביי דער קעכין עסען. אפעסענדיג, האט ער אנגעהויבען אויף זיין שטוהל צו דרימלען. זיינע אויגען זענען איהם צונויפגעקלעפט געווארען. די קאפ האט זיך אראפגעלאזט. זיינע נאזלעכער האבען זיך צושפרייט. געבלאזען

אין וואלד ארוב זוכען. האט עס זיין צייט פארנומען און ער איז צופרידען געווען.

— זעה, מיינע פינגער — פלעגט ער זיך א צופרידענער פאר זיין ווייב זיך פעסטשען — ס'ארע מאזאליעס! גלייך, ווי איך וואלט מיין גאנצען לעבען א מלמד געווען.

— און מיינע? — האט זיין ווייב זיך צוריק גע'חנ'דעלט — זעה, ווי געשוואלען! ווייסט, אין דער היים איז א סך לייכטער! דארט מעלקט מען אט אזוי! — און זי האט געוויזען, ווי מען מעלקט אין דער היים די קיה — דארט ציהט מען, אט אזוי, און דא דריקט מען.

זיי האבען איינע פאר די צווייטע זיך באריהמט. צופרידענע גערעדט פון טאג ארבייט. אין דער שטילקייט פון פארם, און אין די שענע, לוי־טערע הערבסט טעג, האבען זיי זיך געפיהלט אינטימער, צוגעבונדענער איינער צום צווייטען. זיי האבען שטילע, ביידע, ביים טיש די אייגענע קארטאפעל און מילך און פוטער געגעסען. מידע פון טאג האבען זיי ביידע מיט'ן לאנטערן איבער'ן הויף ארומגעגאנגען, אלעס פארמאכט, פאר־שטעלט און פול מיט צארטקייט אין זייערע נשמות זיך אין בעט גע־לעגט.

נאר באלד איז אונטערגעקומען דער ווינטער. שטארקע, שטילע, לוי־טערע פרעסט, האט זיך איבער די בערג צולעגט. טיפע שנעען ביז איבער ד׳ פלויטען, האבען דעם געגענד פארשיט. מען האט דעם וועג ניט גע־פונען. מענשען פלעגען מיט זייערע פערד און שליטענס איבער די פלויטען קריכען. דעם וועג טאפען, און זעלטען פון הויז ארויספאהרען.

די יהנער האבען זייערע אייער געזשאלעוועט, אפשר איינס, צוויי, א טאג. די קיה האבען פון קעלט אין דעם אפענעם שטאל זייער מילך איינגעהאלטען. איינע, די רויטע, זשוירסי, די בעסטע קוה, וואס ער האט פארמאגט, איז שוין אין די הויכע מאנאטען געווען, האט זי אין גאנצען איהר אייטער פארמאכט און אפילו א טראפען מילך ניט ארויסגעלאזט.

אין די טיפע שנעע'ן פלעגט ער זיך איינמאל אין וואך אין דעם דארף אוועקלאזען. מען איז ארויסגעפאהרען פארטאג, מיט'ן זונען־אויפגאנג. זיין פרוי האט אליין אין הויז מורא געהאט צו בלייבען, זענען זיי ביידע אין דעם שליטען אריינגעקראכען. מען האט פון שטוב ארויסגעטראגען די קי־שענס מיט די קאלדרעס, זיך איינגעדעקט, און גרינבארג האט אלע מאל

14.

גרינבארג איז שוין געווען א תושב ביי אונז אין דארף. פאר דער צייט האט ער זיך אין גאנצען אומגעביטען. ער איז געווארען העכער, דארער, אויסגעצויגען, און זיינע מוסקעלען אויפ'ן פנים, און אויף זיינע הענט זענען געווארען שטייפע און אנגעצויגענע.

מיט א לאנגען, הויכען, דארען פערד, איינגעשפאנט אין א „באק־בארד" פלעגט ער אלע טאג צו אונזער שטוב צופאהרען. ער פלעגט אונז אלע אין דער פריה ברענגען מילך, אריינקומען דורך דער אונטערשטער טיר אין קיך אריין און דארט די מילך לאזען. ער איז געווען אנגעטאן אין א פאר „אווער־אלס" מיט הארטע, ברוינע שיך, און א בלוי פלאנערלען העמד. מען האט נאך געקענט דערקענען אז ער איז ניט לאנג א פארמער צוליעב די גרויסע שטאדטישע שפאן, וואס ער פלעגט מאכען געהענדיג, און נאך דעם נעמען די לייצעס אין זיינע הענט אריין. ער פלעגט זיך אוועקזעצען אויפ'ן וועגעל, מיט אמאל די לייצעס א ציה טאן, אזוי, אז דאס פארשלאפענע פערד פלעגט אזש א שפרונג טאן פון דעם וועהטאג, וואס עס האט מיט אמאל צווישען די ליפען דערפיהלט, און ער האט גע־מאכט א קורצען דרעה ארום, אז דאס וועגעלע האט זיך שיעור ניט איבערגעקעהרט.

קיין געלט אין קעשענע האט שוין דער מענש ניט געהאט. די גאנצע געלט, וואס ער האט פארמאגט, האט ער פאר דעם פארם באצאהלט. א שטיק מיט געלד האט איהם געקאסט דאס אריבערברענגען זיין מעבעל פון שטאדט, און ער איז געבליבען כמעט אהן א סענט אין זיין קעשענע.

אבער קיין נויט האט ער נאך ניט געפיהלט. אין שייער איז געווען היי און קארטאפעל און רעטשקע. מילך פון די קיה האט ער געהאט, א שטיקעל פוטער און היבשע עטליכע אייער פון די היהנער. איהם איז נאך אלעס ניי געווען. דאס איינשפאנען פון די פערד, און אלע טאג די קיה

רי ביינער אריינגעקראכען, און א טרויעריגער אומעט האָט זיך איבער איהר הארץ צושפרייט.

און ווען דער פּאָסט־טרעגער האָט אין איין שעהנעם פריהמאָרגען געבען איהר הויז א פּייף געטאָן איז איהר הארץ פון שרעק שיעור ניט ארויסגעפאלען.

זי איז אויף שנעל ארויסגעלאָפען. ביז איבער די קני אין דעם שנע געקראָכען. זעהר שעהן דעם מאן פאר'ן בריעף באדאנקט, און איז מיט א קלאַפּענדיג הארץ צוריק אין שטוב אריין. ערשט מען גיט א קוק, א קורץ' בריוועלע. אָפּגעדרוקט מיט אזא מאשינדעל. אין גאנצען א פּאָר ווערטער— די ערשטע העלפט פון דעם איינצאָהלונג, א הונדערט מיט פינף און זיבעציג דאָלער, פאלט צאהלענד דעם פופצענטען דעצעמבער, אין דער ,,נשיאָנאל באַנק אָוו מאָנטיסעלאָ".

גרינבארג'ן האָט אין הארץ א ריס געטאָן. ער האָט זיך אויפגעהויבען, נאָך אמאָל דעם בריעף איבערגעלייענט, און א שרעק פאר די קליינע בוכשטאַבען האָט איהם ארומגענומען. ער האָט געהאט אין גאנצען דריי וואָכען צייט. אין קעשענע האָט ער קיין איין סענט ניט געהאַט, און ער האָט גאר ניט זיך געקענט פאָרשטעלען וואו וועט ער דאָס געלט נעמען.

זיין קאָפּ איז איהם מיט אמאָל געוואָרען שווער. פאר זיינע אויגען האָט איהם אָנגעהויבען צו שווינדלען. ער האָט שטיל צו זיין ווייב געזאָגט — מען דארף צו פּישהאָרן'ען צופאָהרען.

— און, ווי ווערסטו פאָהרען אין אזא וועג? — האָט זיין ווייב מיט א ציטעריג קול איהם געפרעגט.

— איך וועל טאַקע ניט פאָהרען — האָט ער געענטפערט — איך וועל געהן.

— און ווי אזוי ווערסטו זיך לאָזען געהן אין אזא וועטער? — האָט זי איהם איבערגעפרעגט.

— עס איז א סך לייכטער צו געהן, ווי פאָהרען.

אין שטוב אריין צו אונז איז ער אריינגעפאלען א מיעדער, א פאַרשוויצטער. זיינע ברעמען זענען געווען מיט א קליין פרעסטעל איבערגעצויגען. א האלבער זייט פון זיין מאנטעל, די זייט, וואָס איז געווען צום ווינד צו, איז געווען מיט שנע פאַרשאָטען, ער האָט אָפּגעטרייסעלט זיינע

די לייצעס פון איין האנט אין דער צווייטער געביטען, געבלאָזען אויף די הענט, זיי אויף א ווײַלע מיט זיין ווארעמען אָטעם דערווארעמט, נאָר באלד איז איהם נאָך קעלטער געוואָרען, און ער האָט די הענט געביטען.

דער וועג איז געווען א שווערער. דאָס פערד האָט געסאָפּעט. פון זיינע נאָזלעכער האָט געזעצט א ווארעמע פארע, וועלכע איז באלד פארפרוירען געוואָרען. דער ווינד האָט איבערנאכט אָנגעבלאָזען דעם שנעע, אויף איין אָרט אָנגעטראגען א הויכען שפּיציגען בארג, און אויף א צווייטען אָרט, א טיפען טאָל. דעם וועג האָט מען ניט געוואוסט. מען איז געפאָהרען איבער די פּלויטען, און קוים מיט צרות זיך פארשלעפּט אין דאָרף אריין.

דאָרט האָט גרינבארג שוין געהאט א קרעדיט. מען האָט געוואוסט אז דער פאָרמער איז א נייער, האָט קיין געלט ניט, האָט מען איהם אויסגעהאלטען, געוואָרט ביז'ן זומער, ווען די שפּע קומט אָן אויף די פאַרמס.

נאָר דער ווייב זיינער איז דאָס ניט אנגענעהם געווען. יעדעס מאָל, ווען זי איז צו דער קראָם פארפאָהרען, האָט זי געפיהלט, ווי דאָס בלוט טריפט אין איהר פון שאנדע. מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען, און א מוטלאָזע, פלעגט זי די שוועל איבערטרעטען. זי האָט גוט געזעהן, ווי דער קרעמער רייסט די פרייזען. עס האָט איהר ביים הארצען געשניטען, נאָר זי האָט זיך ניט געקענט דינגען מיט איהם. נאָך גאָט געדאנקט פאר דעם חסד וואָס ער טוט מיט איהר, און זיי צוגעשיקט א קרעמער, וואָס באָרגט איהר.

צום מאן פלעגט זי בלויז אין דער שטיל א זאָג טאָן, — פונקט א האלב, האָב איך אין שטאָדט געצאָהלט, און ער האָט זי געטרייסט, אז מען וועט דערלעבען איבער א יאָהר, וועט ער שוין וויסען, וואָס צו טאָן! ער וועט אין דער גרויסער שטאָדט אלעס איינקויפען. אלעס, אויפ'ן גאנצען ווינטער.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט די צאָהלונג. דער פּאָסט־טרעגער האָט איינמאָל אין דער פריה ביים הויז זיך אָפּגעשטעלט, א פייף געטאָן, און דער יונגער פרוי איז שיעור דאָס הארץ פון שרעק ניט ארויסגעפאלען.

זי האָט געבענקט צוריק אין שטאָדט אריין. זי פלעגט אין די אָווענטען נאָכ'ן שטאָדטישען לעבען בענקען. די פאָרם איז איהר שוין גוט אין

15.

דורך דער צייט איז צו אונז ארויסגעקומען מיין טאטע.

ער האט זיך זעהר געעלטערט פון זינט ער איז אוועק פון הויז. זיין פנים איז נאך לענגער געווארען. דארער. די קינבאקען שארפער, און די האר אין מיטען קאפ זענען איהם אויסגעקראכען. איך געדענק די דארע הענט זיינע, מיט די בלויע אדערען, און ווי זיי זענען געווען באוואקסען מיט געדיכטע, בלאנדע האר.

זיינע קליידער זענען געווען עלעגאנטע, ריינע, נאך דער לעצטער מאדע צוגעשניטען, און דער קנייטש אויף זיינע הויזען איז שטענדיג גע־ווען שטייף איינגעפרעסט. ער האט גערעדט ענגליש מיט א פרעמדען אקצענט, זעהר שארף ארויסגערעדט די „ריש“, און זיך שטענדיג באנוצט מיט שווערע ווערטער.

צו אונז קינדער, האט ער אבער גערעדט אידיש. כאטש מיר האבען קיין איינציגען אידישעןווארט ניט געקענט ארויסרעדען, האט ער אבער מיט אונז קיין מאל קיין ענגליש ניט גערעדט, און מיך שטענדיג גערופען מיט דעם אידישען נאמען נתן, אנשטאט מיין אמת'ן נאמען נאטאניאל.

מיין מאמע'ן האט אן אינעווייניגסטע פרייד ארומגענומען. מען האט דאס געקענט זעהן אין דעם פייערל, וואס האט זיך אין איהרע אויגען אנגע־צונדען און אין דעם שבת'דיגען אויסזעהן, וואס אונזער שטוב האט בא־קומען.

מיט דעם גוטען לינענעם טישטוך איז די גאנצע צייט אונזער טיש געווען באצויגען. יעדער מיטאג איז געווען געגרייט מיט א פליישיגען מאלצייט, און מיר קינדער, האבען אלע טאג געמוזט ביים טיש זיצען, און מיט דרך ארץ, ווארטען ביז מען האט אונז די חלקים אויף די טעלער אויסגעטיילט.

מיין טאטע האט זיך גלייך גענומען מיט פישהארן'ען רעכענען. אויס־

הויכע שיך, אראפגענומען דעם פוטערנעם הוט און זיך צו פישהארן אפ־געדופען, דערלאנגענדיג איהם דעם בריף:

— נו, וואס זאגט איהר איצט?

עס האט געמאכט דעם איינדרוק, ווי זיי זאלען שוין האבען פון פריהער וועגען דעם עניין גערעדט, און אז פישהארן האט איהם אלץ אפ־געצויגען און פארדרעהט.

פישהארן האט דאס בריוועל איבערגעלייענט. אראפגעלאזט זיין אונ־טערשטע ליפ. אנגעבלאזען זיך, און ערנסט זיין שטערען געקנייטשט.

— איז וואס דענקט איהר צו טאן? — האט איהם פישהארן גע־פרעגט.

— איך וויים, וואס איך דענק! איך זאל אזוי וויסען פון שלעכטס.

— אבער דאס איז קיין תירוץ ניט — האט איהם פישהארן געווא־רענט — א מארגערדזש אז מען צאהלט ניט אין צייט, איז א מיאוסע געשיכטע.

— טו וואס טוט מען?

פישהארן האט א קוק געטאן אויף מיין מאמען. דאס צימער איז געווען פול מיט מענשען. יעדע וויילע האט דער טעלעפאן געקלונגען. מען איז ארומגעלאפען. זיך גע'סוד'עט. געהייסען שפאנען די פערד. דער יונ־גערמאן איז געזעסען אין א ווינקעל ביים אויוועז. איז געזעסען און גע־זעסען. און ווען ער איז מיד געווארען זיצענדיג, האט ער זיך אויפגע־הויבען. אויפגעשטעלט דעם קאלנער, אראפ געשלעפט דעם הוט איבער די אויערען, און איז פון צימער ארוים.

הייסט אפקויפען, ווייל סיי ווי, וועט מען זי ביי איהם צונעמען, און פאר די געלט וועל איך איהם עפענען א געשעפט אין שטאדט. דיך ארייננעמען פאר א שותף. פארשטעהסט? ער איז א גאלדערנער בעל מלאכה, געשעפטען אין שטאדט זענען איצט גוט, און דו וועסט זיין דער בוכהאלטער, אכטונג געבען אין אפיס, און אין אלגעמיין זיין דער בעל־הבית!

ביידע זענען זיי צוטומעלט געווארען. דער פלאן איז געווען אן אויסגעצייכענטער. מען האט נאר באדארפט אביסעל צו ארבייטען, נאר פישהארן האט זיך אויף׳ן ארט ניט געקענט כאפען, אזוי צוטומעלט איז ער געווארען.

ער האט דא געזעהן א שעהנע פאר דאלער פארדינסט. די טויזענט דאלער, וואס גרינבארג האט איינגעצאהלט. מען דארף נאר מאכען אז ער זאל די געלט אין צייט ניט קריגען, וועט מען איהם „פארקלויזען". גרינבארג וועט זיך דערשרעקען און דאנקען גאט, ווען מען וועט איהם א פאר דאלער אין קעשענע געבען און איהם אהיים שיקען.

מיין טאטען איז דער עסק געפעלען געווארען. ער האט טאקע אויף אן אמת געמיינט אז דערמיט וועט מען גרינבארג׳ן ארויסהעלפען. איהם פון א צרה ארויסשלעפען און צו דער זעלבער צייט איהם געבען א געלעגענהייט אין שטאדט א געשעפט צו עפענען. מיין טאטען זענען במילא די דארפישע געשעפטען מיט די פארמס ניט געפעלען געווארען. צוליעב דעם, האט ער זיך שטענדיג מיט מיין מאמע׳ן ארומגעקריגט. מיט איהר צוזאמען ניט געקענט וואוינען און ער האט ניט געקענט צוזעהן די וועגען, ווי אזוי זי, מיט דעם הער פישהארן פיהרען זייערע געשעפטען.

איצט איז איהם דורכגעפלויגען א געדאנק, אפשר וועט ער א געשעפט ארויף ארבייטען. דער יונגערמאן איז א גאלדענער בעל־מלאכה, געשעפטען אין שטאדט זענען איצט גוט, און אפשר וועט ער נאך מיט דער צייט קענען ארויסנעמען זיין פאמיליע אין שטאדט אריין און לעבען א מענשליכען באלעבאטישען לעבען.

מען האט נאך אמאל דערפון איבערגערעדט. מיין מאמע איז אלץ מעהר פון דעם פלאן באגייסטערט געווארען. וואס מעהר זי האט גערעדט, אלץ מעהר איז זי נתפעל געווארען פון איהרע אייגענע רעד, און שוין מיט אונגעדולד געווארט אויף׳ן מארגענדיגען טאג ווען זי וועט קאנען צו דער פארם אריבערפאהרען.

גלייכעז מיין מאמע'ס חשבונות אין די ביכער, און אונטערפיהרען דעם סך הכל פון מיין מאמע'ס פארמעגען.

מיין מאמע פלעגט אין יענע אוועגטען אן אונבאהאלפענע נעבען מיין פאטערס זייט שטעהן. מיט דרך ארץ אין זיינע אויגען קוקען, און מיט ליעבע און אונטערטעניגקייט זיינע באפעהלע אויספאלגען.

זי האט געקענט שטעהן, קוקען אין די ביכער, באוואונדערען מיין טאטען'ס געלעהרנטקייט, ווי ער פארשטעהט זיך דאס אויף די געשריבענע ווערטער, און זיך וואונדערען, ווי ער ווייס דאס פון קליינע געלטען, וואס זענען אמאל אריינגעפאלען, און אין וועלכע זי האט שוין גאר לאנג פאר־געסען.

— יא, יא, — האט זי מיט אמאל זיך געקענט דערמאנען — די פינף דאלער וואס מען האט אראפ גענומען ביי מיסטער ליוויי, און די צעהן דאלער ביי מיסטער ברעדלי! וואס איז געווארען מיט יענע צעהן דאלער?

— ווארט, — האט זי מיין טאטע בארוהיגט — ווארט, מיר וועלען נאך קומען דערצו.

אויפ'ן ענטפער פון מיין טאטען, האט זי זיך גלייך בארוהיגט. איז געבליבען שטעהן מיט א פאר אויגען פול מיט ליעבע צו מיין טאטען און ווייטער אזוי אונבאהאלפען אין בוך געקוקט.

ווען עס איז געקומען צו גאר די לעצטע בלעטלעך אין דעם ביכעל דארטען, וואו עס איז געווען פארשריבען די פארם פון גרינבארג'ן, וואס האט געקויפט דזארזש נאריסעס פארם, האט זי זיך אפגערופען:

— הער, יצחק! וועגען דעם פארם וויל איך מיט דיר רעדען. עס איז געקומען צו אונז א יונגערמאן. זעהר א וואוילער, מיט ווינציג געלט. א גאלדענער בעל מלאכה, און ווי געוועגליך האט ער שוין קיין געלט ניט דעם מארגעדזש צו צאלען, און איך גלויב, אז ער וועט מוזען די פארם פאר־קויפען.

פישהארן האט אזש אנגעהויבען ציטערען פון אויפרעגונג:

— טאקע, טאקע, ער איז ערשט די טעג געווען ביי מיר, און מיר גע־וויזען, אז ער האט א צאהלונג צו מאכען.

— איז ווי געפעהלט דיר! — האט זי פארטגעזעצט, רעדענדיג די גאנצע צייט צו מיין פאטער — איך זאל די פארם איבערנעמען, דאס

16

אויף א פּאָר נעכט האָט מען מיך פון הויז אוועקגעשיקט.

עס איז צו אונז מיט אַמאָל א סך מענשען אָנגעקומען. גרויסע קונים, מיט א סך נאָכשלעפּערס, אגענטען און סתם מענשען, אז עס איז אין שטוב קיין איינציג בעט ניט איבערגעבליבען.

אלע צימערען זענען פארנומענע געווען. מען האָט געלעגט צו צוויי און דריי מענשען אין א צימער. אין אַפּיס איז געווען א טומעל. מען האָט אָנגעטראָגען א פולע שטוב מיט שנעע, יעדער וואָס איז אריינגע־קומען האָט זיינע שטיוועל אָפּגעטרייסעלט, געהוקעט אין די פארפרוי־רענע הענט אריין, און די אלטע דינסט אונזערע, איז א גאַנצען טאָג מיט׳ן בעזים ארומגעגאַנגען, געבורטשעט, און אין דער שטיל געשאָל־טען.

מען איז געזעסען גרופּעסווייז אין פארשידענע ווינקלען, גערעדט פון פארמס און גערויכערט.

מיין מאַמע איז ארומגעלאָפען א פארפלאָמטע. זיך גע׳סוד׳עט מיט דעם הער פישהאָרן. געשמייכעלט צו די קונים, און צו יעדען באַזונדער א קלוג וואָרט צוגעוואָרפען.

— פישהאָרן! — האָט זי הויך אויף א קול אויסגערופען — מען דאַרף אָפּרופען דעם האָטעל „וויקטאָריא“. קיין עין הרע אזוי פיעל קונים! איך גלויב קוים, צו מיר האָבען אזוי פיל בעטען אין הויז.

— איך מיין אויך אזוי — האָט פישהאָרן מיט א האַלב מויל צו־ריק געענטפערט, חאָטש איז האַרצען, האָט ער געטראַכט אז עס איז אן עבירה די פּאָר סענט פאַר דעם האָטעל צו באַצאָהלען.

— איך דענק אָפּרופען דעם האָטעל „וויקטאָריא“ — האָט מיין מאַמע איבערגע׳חזר׳ט.

— וואס דען — האט זי גע'טענ'עט — די קינדער וואקסען אונ־טער, שטעהן שוין גאט צו דאנקען אין שידוכים, א שעהן פנים וועט עס האבען ווען מען וועט פרעגען, וואו איז דער טאטע! וואס קען איך דער־מאלט ענטפערען? אזוי, זאג איך, יצחק! יצחק שטעהט מיט א געשעפט. אין ניו־יארק מיט א געשעפט.

— און ווייסט איהר, וואס נאך? — האט זי צו פישהארן'ן זיך געווענדט — מיר וועלען האבען אונזער אייגענעם אפים אין שטאדט. איך האב, ווי אן אדרעס אנצוגעבען, וואוהין א קונה אריינצופיהרען.

צופרידענע זענען זיי פון יענעם צימער ארוים. מיין מאמע'ס פנים האט פון גליק געשיינט. זי האט פאר איהרע אויגען געזעהן א גרויסען געשעפט. מיין טאטע דרעהט זיך ארום, פיהרט די ביכער, האנדעלט מיט מענשען, און ווען מען פרעגט זי — וואס מאכט עפעס יצחק? ענטפערט זי — יצחק! יצחק שטעהט מיט א גרוים געשעפט אין שטאדט, הלוואי אויף אלע אידישע קינדער געזאגט געווארען.

עס איז געווארען שפעט. דער אויוועז האט זיך ביסלעכווייז אויס־געלאשען. די רויטע, קוילען אינעווייניג זענען אלץ שווארצער געווארען, אין אש זיך פארוואנדעלט. אין צימער איז געווארען קיהל. מוצי און פרינץ האבען זייערע קעפ צווישען די פאדערשטע פיס אריינגעשטופט, זיך געווארעמט. מיין טאטע האט זיך אויפגעשטעלט, אריינגעלעגט די הענט אין די קעשענעס. זיך דורך געשפאנט איבער'ן צימער. געבליבען שטעהן נעבען אויבען, און ארויסגעזיפצט:

— און מוצי איז שוין א גרויסער הונט געווארען!

יא מוצי איז שוין א גרויסער הונט געווארען — האט ער זיך אליין געענטפערט, און אונטערגעבאמקעט אונטער נאז עפעס אן אלט לידעל, וואס ער האט שטענדיג זיך צוגעזונגען.

שמאַלע, לאַנגע טישען מיט בענק ארום די ווענט, וואָס האָבען אויס־געזעהן, ווי עפּעס אן איבערבלייבעכץ פון די אלטע, גוטע צייטען. ווען ניט די שענק אונטען, מיט די עטליכע שיכורים, וואָס האָבען זיך דאַר־טען אויפגעהאַלטען, וואָלט אפילו קיינעם ניט אויף'ן זינען געקומען צו רופען די דאָזיגע הויז האָטעל.

איך הויב זיך אָז דערמאָנען אָוועטען, ווען איך פלעג אין יענער שטילער הויז אריינפאַלען, און ווי די אלטע באַלעבאָסטע, מיסעס ראַז־שערס האָט מיך מיט אַן ערנסטקייט, ווי עפּעס א וויכטיגע פּערזענליכ־קייט צוגענומען — ווינשט דער הער עפּעס ? — האָט זי מיך אין צימער באַגלייט, און בשעת מעשה ארויף געשלעפּט די שאַל אויף איהרע דאַרע אַקסלען — עס ווערט ווייזט אויס, א קאַלטע נאַכט זיין, פּיליייכט נאָך א קאַלדרע.

— איך דאַנק אייך זעהר — בין איך צוטומעלט געוואָרען, און מסתמא זעהר רויט געוואָרען, ווייל אין פּנים איז מיר הייס געוואָרען.

— דאַרפסט זיך גאָר ניט שעמען, זוהן מיינער, קעלט איז קיין שאַנדע ניט, און זי האָט נאָך א קאַלדרע ארויפגעבראַכט.

אויף דער ווערענדע איז שטענדיג געשטאַנען אַן איבערגעקערטער וויגשטול, מיט'ן ווענטעל אַנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. און איך האָב זעלטען געזעהן דאָרטען עמיצען זיצען. איין גאַט ווייס פאַר וואָס די אַלטע מיסעס ראַזשערס פלעגט ארויסקומען אַלע פרימאָרגען, מיט א „באָנעט" אויף איהר קאָפּ, און אָנשפּאַרענדיג דעם בעזים אין די שטאַ־כעטען, באַשפּריצט די וואָרענדע פון א וואַסער־קאַן, מיט א שמאַטע ארומ־געווישט דעם וויג־שטול, און נאָכדעם איהם ווידער ווי פריער — איבער־געקערט מיט'ן ווענטעל ארויף.

ווען מיין מאַמע האָט שוין אַזוי פיין אָפּגעקלונגען אויף'ן טעלעפאָן און אין דער הויך מיט פישהאָרן'ן אָפּגערעדט, האָט זי זיך צו מיר אָפּגערופען :

— דו ווערסט זוהן מיינער די נאַכט דאָרט איבערשלאָפען. איך האָב נאָר וואָס מיר דער מיסעס ראַזשערס גערעדט.

איך האָב גענומען מיין האַנטאַש. אריינגעפּאַקט אהין א האַנטוך מיט א קעמעל און א שטיקעל זייף, און זיך געלאָזט אַוועק געהן.

— און דאָס ציין בערשטעל ! — האָט מיין מאַמע נאָכגעשריען —

— איך דענק מען דארף אפרופען — האט פישהארן געענטפערט.

— באשטעלען א צימער!

— באשטעלען א צימער — האט ער צוגעברומט.

און מען האט בעטאנט דאס ווארט „וויקטאריא“, גלייך, ווי דאס וואלט געווען עפעס א פראמינענטער האטעל.

מיין מאמע איז צו צום ווינקעל פון אפיס, ווי עס איז געווען איינגעשטעלט א טעלעפאן. אראפגענומען דאס רערעל, עס צוגעלייגט צום לינקען אויער. אליין האט זי זיך אויסגעצויגען אויף די שפיץ פינגער, און אריינגערעדט אין דעם צווייטען רערעל, וואס האט ארויסגעשפארט פון א שווארץ קעסטעל, ווי א שווארץ קיילעכדיג צועפענט מויל.

— זיבען, צוויי־עף! העלא! איז דאס דער האטעל וויקטאריא? העלא! דאס איז מיסעס שטיינגעלד. קען איך פיליכט קריגען א צימער אויף א נאכט?

עס האט דערביי געקלונגען אזוי פיל צארטקייט און געבעט אין איהר טאן, גלייך ווי זי זאל דאס רעדען צום קיסר אליין, און גלייך ווי אין דעם האטעל וואלטען געווען אזוי פיל מענשען, אז מען מוז זיך אפבעטען אויף א נאכטלעגער.

— טו זייט אזוי גוט — האט זי פארענדיגט — פארהאלט פאר מיר א צימער. זעהט צופרידען שטעלען. איך בעט אייך.

ווען זי האט דאס רערעל צוריק אויפגעהאנגען, האט זי זיך א שטראהלענדיגע אומגעקערט, און גענומען קלערען, וועמען אהין צו שיקען.

אבער שטענדיג אין אזעלכע פעלע, צו דערפאר ווייל מען האט מורא געהאט דעם קונה פון די הענט ארויסצולאזען, צו פאר עפעס אנדערש, נאר איך בין דאס שטענדיג געווען דער יעניגער, וואס פלעג געהן אין דעם האטעל שלאפען.

דער דאזיגער האטעל „וויקטאריא“ איז געשטאנען פונקט אנטקעגען אונזער הויז. דאס איז געווען אן אלטמאדישער, קליינשטעדטעלדיגער האטעל, מיט נידעריגע, קליינע צימערען, מיט בוידעם שטיבלעך, וואס האבען זעלטען ווען אריינגענומען א מענשען אויף נאכטלעגער. דער האטעל איז גיכער ענליך געווען אויף אן אלטמאדישער, אלטער הויז, מיט א לאנגער, שמאלער, טונקעלער עס־זאל, ווי עס איז געשטאנען

קריגט מיט דער קעכין. גע'סוד'עט מיט פישהארן'ן, געשמייכעלט צו די קונים, און צו אלעמען א גוט ווארט געהאט.

מיין גוטע, ליבע, טייערע מאמע! רעטזועלהאפט, און ווידערשפרע־כענד ווי זי איז.

דו זאלסט מיין זוהן דיינע ציין קיינמאל ניט פארנאכלעסיגען. עס וועט זיך דיר אויף דער עלטער אפרופען!

איך האב איהר א גוטע נאכט געזאגט, אריבער געשפרונגען דעם וועג, עלעגאנט דאס גלעקעל פון דעם האטעל וויקטאריא א ציה געטאן, זיך ענטשולדיגט, טאמער בין איך צו שפעט, — צו טאמער האב איך אומזיסטיגען טראבעל פאר דער מיסעס ראזשרעס געמאכט.

ביי מיר פלעגען יענע אווענטען — אמת'ע יום טובים זיין. בע־פרייט פון דער שטוב און פון דעם טומעל, — פלעג איך אין אזוינע אווענטען מיינען אז איך בין שוין זעהר א ווירדיגע און גרויסער פערזאן. איך פלעג זיך לאזען באדינען פון דעם יונגען וויקטאר'ן איהרען. איהם א פאר סענט צוואווארפען. פאר'ן שלאפען האב איך פארזיכטיג די טיר אונטער מיר פארשלאסען. מיין מעסערעל, מיט'ן זייגער, מיט'ן קליין געלט, האב איך אונטער'ן קישען באהאלטען, פארזיכטיג מיינע הויזען אויף'ן שטול צונויף געלעגט, און אויסשטרעקענדיג זיך אין בעט, האב איך אין די צייטונגען אריין געקוקט, געזוכט מיט מיינע אויגען עניונים, וואס זענען בלויז די גרויסע נוגע, ביז מיך פלעגט אנהויבען צו לאנג־ווייליגען, מיינע אויגען פלעגען זיך מיר ביסלעכווייז צומאכען, און איך פלעג אנשלאפען ווערען.

דערפאר פלעגט זיך מיין מאמע שרעקען, ווען איך האב זיך פאר־שפעטיגט, און אזוי שנעל צומארגענס ניט אהיים געקומען. זי האט געקענט אלעס אין מיטען דערינען איבערלאזען, פישהאר'ן מיט די קונים, חאפען אויף זיך א קלייד און א דערשראקענע קומען צו לויפען צו מיר אין צימער, מיך פאר'ן קאפ טאפען, צו האב איך קיין היץ ניט, און צו בין איך א גאנצע נאכט אן אויפגעדעקטער ניט געלעגען און זיך ניט צוגעקילט.

— קום מיין זוהן — וועקט זי מיך — עס איז שוין אזוי שפעט. עס וועט דיר נאך דיין הארץ איבערקלעמען, און זי קושט מיך דערביי מיט אזוי פיל ליבע איבער'ן קאפ.

נאר אריינקומענדיג אין שטוב, האט זי זיך שוין אינגאנצען אויף מיר ניט אומגעקוקט. איז ארום געלאפען איבער די צימערען. געשאפט זיך אין קיך. דער פרישטיק זאל וואס שענער און רייכער זיין. זיך גע־

—ווארט, גאָט וועט נאָך העלפֿען — האָט מיין מאַמע איהם געפּרובט צו טרייסטען — אבי מיר זענען נאָר פון דער פארם פּטור געוואָרען: אצינד וועלען מיר זיך קענען ארומקוקען, ווי מיר זענען ערגעץ אין דער וועלט.

זי האָט איהם ביסלעכווייז ווידער אריינגעצויגען אין שמועס און ער האָט א פארביטערטער ווידער אָנגעהויבען:

— אָבער איך האָב דאָך קיין איין סענט ניט ביי דיר נשמה!

— האָב איך דאָך אייך געזאָגט, אז מיר פאָהרען שוין אין שטאָדט אריין!

— אז מיר האָבען זיך אונטערגענומען — האָט זיך מיין פאָטער אריינגעמישט, און מיט א טאָן פול הערליכקייט געזאָגט — וועלען מיר אונזער ווארט האַלטען.

עס האָט זיך געהאַנדעלט אין דעם.

מען האָט שוין מיט גרינבארגען דעם קאָנטראקט געמאַכט. די פארם האָט מיין מאַמע, מיט דעם הער פּישהאָרן איבערגענומען. קיין געלט האָט ער טאַקע ניט געקראָגען, אָבער מיין מאַמע האָט זיך פארפליכטעט געלט צו געבען, מיט דעם תנאי אז מען זאָל אין שטאָדט א געשעפט עפענען, בשותפות מיט מיין טאַטען, דאָס הייסט, מיין טאַטע וועט די געלט געבען, און גרינבארג זיין קענטעניש.

האָט מען דאָס איצט מיט איהם איבערגערעט. גרינבארג האָט זיך שוין מעהר ניט געוואָלט לאָזען איינרעדען. אין מיין מאַמעס רעד מעהר ניט געגלויבט, און א פארביטערטער האָט ער געהאַלטען אין! איין איבער׳־חזר׳ן:

— אָבער איך האָב דאָך קיין סענט ניט ביי דער נשמה!

— טו; וואָס ווילט איהר זאָל איך טאָן? — האָט מיין מאַמע אָנ־געהויבען אויף א העכערען טאָן — האָסטו געהערט א מעשה. מען נעמט א מענשען, און מען שלעפּט איהם ארויס פון א צרה, און ער דינגט זיך נאָך. איך האָב דאָך געזאָגט, אז מיר וועלען אייך אין שטאָדט א גע־שעפט מאַכען.

און פון העלער הויט האָט מען זיך מיט אמאָל דערמאָנט, אז מיין טאַטע האָט יונגערהייט אין א ווערקשטאָט פון שניצעריי געארבייט. ער האָט זיך דעמאָלט פאַר א גאָלדענעם בעלמלאכה ארויסגעוויזען. א מענש

17

אז איך בין אײן פרימאָרגען אהײם געקומען, איז בײ אונז אין הויז א גאַנצע איבערקערעניש געװען.

מײן טאַטע איז א פּרעליכער איבער'ן שטוב ארומגעגאַנגען. זײנע ד'ארע, אימער בלאַסע באַקען, זענען מיט א רויטקײט געװען איבערגע־צויגען. ער האָט ארומגעשפּאַנט, צוגעבאַמקעט זײן אַלט לידעל, איז ארײַן אין קיך, ארײַן געקוקט אין די טעפּלעך, און א שמעק געטאָן.

גרינבאַרג איז געזעסען בײם טיש. נעבען איהם, זײן װײב. ער איז געװען אָנגעטאָן אין זײנע שטאָדטישע קלײדער, װאָס האָבען איצט מאָדנע אויסגעקוקט און ניט געקלײד צו זײן פאַרברענט פּאַרמישען פּנים.

דורך דער צײט האָט זיך זײן קערפּער אויסגעצויגען. ער איז גע־װאָרען נאָך העכער, דינער, נאָר זײנע הענט זענען איהם געװאָרען די־קער. די פינגער װי אָנגעשװאָלען, און דער גראָבער פינגער האָט אויס־געזעהן װי א קלעצעל. די אַרבעל פון זײן שטאָדטישען רעקעל זענען אויף איהם געװען קורץ און ענג, און דער מלבוש האָט אויף איהם גע־האַנגען, װי קוים ארויפגעשלעפּט.

זײן װײב איז דורך דער צײט געװאָרען שטילער, באַשײדען. װי א צושראָקענער האָז, איז זי געזעסען מיט איהרע בלויע אויגען אויס־געסטאַרטש און געקוקט פאַר זיך, גלאַט אזוי זיך, אָהן דעם מינסטען אויסדרוק.

עס איז געװען אי קאָמיש, אי א רחמנות צו קוקען אויף איהר. די גאַנצע צײט װאָס גרינבאַרג האָט גערעדט האָט זי געשװיגען. קײן אײן װאָרט זיך ניט אָפּגערופען.

— שוין גענוג, שוין גענוג — האָט גרינבאַרג זיך געבעטען — רעד שוין ניט דערפון. געטראָפען אן אומגליק! פאַרפאַלען.

נו, מילא, אזוי בלייבט עס שוין, זאל זיין מיט מזל.

— מיט מזל, מיט מזל, האבען אלע געענטפערט.

מען האט זיך געדריקט די הענט, ווינשענדיג זיך מזל אין דער נייער אונטערנעמונג.

— מיר'ן היינט, גאר נעמען אביסעל בראנפען צום עסען — האט זיך מיין טאטע די הענט געריבען — מען דארף היינט משקה טרינקען.

מען האט געגרייט צום טיש. גוטע גענזענע גריוועז האבען איבער'ן עסזאל געשמעקט. פעטע פופקעס איינגעפרעגעלט אין ברוינע ציבעלעס האט מען אין א גרויסען טעלער דערלאנגט, א פולע פלאש מיט רויטען וויין און א פלאש מיט ריינעם שטארקען בראנפען. מיין מאמע האט זיך אין קיך געפארעט. אליין די חלקים אויף די טעלער צולעגט, דערלאנגט עס צו דער דינסט. זי צוריק גערופען, און נאך אמאל די ברעגען פון טעלער מיט'ן האנטוך ארומגעווישט, און ווען זי האט אלעס אויסגע־טיילט איז זי אליין צום טיש צוגעגאנגען און זיך געזעצט עסען.

נאך'ן עסען האט זיך מיין מאמע מיט דעם הער פישהארן אין חדר'ל פארמאכט, זי האט געזאגט:

— מען דארף צום מיסטער ליוויי שרייבען. זאל ער ארויסקומען. עס שטעהט די פארם ביים טייך. די וועג געהט מען איצט פלאסטערען. מיט אן אווטאמאביל, וועט אין גאנצען א פאר מינוט פון וואקזאל נעמען צו צופארען. ווען מען זאל דארט א גרויסע הויז אוועקשטעלען, וועט עס זיין א גוטער פלאץ פאר א זומערהאטעל. פיליכט וועט מיסטער ליוויי אין דעם געשעפט געלט ארייגלעגען.

פישהארן האט זיינע נאזלעכער צושפרייט. דער איינפאל איז גע־ווען א גוטער. ביים „סעקעט־לייק“ זענען נאך קיין גרויסע הייזער ניטא. און ער וועט עס דער ערשטער פארכאפען, וועט ער גוטע געלט מאכען, האט ער זיך צושמייכעלט מיט זיינע גראבע ליפען. זיך געפרעהט מיט'ן גוטען איינפאל פון מיין מאמע'ן, און זיך געלאזט צום שרייבטיש צו שרייבען א בריף צום מיסטער ליוויי.

— איך וואלט איהם אפילו פאר א גלייכען שותף צוגענומען, האט ער נעטראכט — מען זאל דארט א סך געלט ארייגלעגען, קען מען מיט ־ער צייט דעם גאנצען געגענד פארבויען.

מיט געשמאק. ווען ער האָט אַמאָל אויסגעטאַקט א רעמעל צו א שאַפע, איז עס פּשוט געווען א קונסט שטיק, און עס האָט געהייסען, אז מיין מאַמע האָט נאָך צו איהם טענות, ווייל א חוץ די געלט, וואָס זי וועט געבען, און א חוץ מיין טאַטענס ענגליש און בוכהאַלטעריע, און אויף'ן טעלעפאָן צו ענטפערען, איז ער נאָך אויך א פאָר־מאַן, און ער וועט נאָך צו יעדער צייט קאָנען אן עצה געבען, אָדער פירען דעם געשעפט ווען גרינבאַרג וועט ערגעץ וואו דארפען אוועק געהן.

— הלוואי אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרען — האָט מיין מאַמע צום סוף א זיפצ... א זיעגרייכע, מיט א שמייכעל אויף איהרע ליפּען פאַרענדיגט — ווי איהר האָט נאָך מיט מזל אָפּגעשניטען. איך וועל אייך ווייזען צעהנדליגער פאַרמערס, וואָס ליגען שוין דאָ יאָהרען לאַנג, און קענען פון דאַנען ניט ארויסקריכען. זיי וואָלטען געדאַנקט גאָט, ווען מען לאָזט זיי אין איין העמד ארויס.

— אָט נעמט טאַקע נעבען אייך דער שכן פּאָלאַסניקאָף. שוין פאַר יאָהרען ווי דער מענש מוטשעט זיך — האָט זיך פישהאָרן אריינ־געמישט — וויפיל געלט דער מענש האָט שוין אין זיין פאַרם ניט אריינגעשטופּט. איהר ווייסט, חאַטש, אז ער פאַרט יעדען ווינטער אין שטאָדט אריין! ארבייט אין א שאָפּ, און שטופּט אהער אריין די געלט? און די ווייב זיינע פאַרקויפט זיך אויף'ן טאָג דאָ ביים אייז שניידען!

— וואָס האָט איהר פאַרגליכען פּאָלאַסניקאָף'ן — האָט זיך מיין מאַמע אָפּגערופען — א גראָבער יונג, א פּראָסטער, ווער קאָן אזוי אר־בייטען ווי פּאָלאַסניקאָף'ס ווייב. זי איז דאָך פונקט ווי א גויע, איז זי דאָך.

— טאַקע דאָס מיין איך דאָך — האָט פישהאָרן פאַרגעזעצט — ווער נאָך וואָלט געקענט אזוי שווער ארבייטען!

אזוי האָט מען אַלעס ארומגערעט. מיר גלאַטע קלוגע רעד געטרייסט גרינבאַרגען. גרינבאַרג, זעהענדיג אז ער איז שוין סיי ווי סיי א פאַרלויר־רענער, האָט ער צום סוף אנגעוואָרען זיין געדולד צו די אַלע שמועסען, געוואָלט וואָס גיכער פון דער הויז אנטלויפען. איז געווען צופרידען פון דעם, וואָס מען מאַכט איהם א געשעפט, האָט ער נאָך אַמאָל ארויסגע־שטרעקט די האַנט, פריער צו מיין טאַטען און דערנאָך צו מיין מאַמע, זאָגענדיג:

פערדישע טריט, אביסעל אויסגעפילט מיט צוריבענע שטיינדלעך, זיי אויסגעגליכען, און צוגעגרייט, פאר דעם נייעם זומער מיט די נייע געסט.

פישהארן האט זיך פאר דער צייט כמעט ניט געביטען. ער האט בלויז אראפגעווארפען פון זיך די ווינטערדיגע קליידער, ארויסגענומען דעם פארער מאנטעל, איהם צונויף געלעגט און געטראגען אויף דער האנט, גלייך אין וועג אריין.

מיין מאמע, איז מיט'ן אנקומען פון דעם פרילינג געווארען אינגער. זי האט געפילט א לייכטקייט אין איהר הארצען. גרייט צו אונטערנעמען די גרעסטע געשעפטען, און דורך די נעכט ניט געקענט איינשלאפען, פון א זיסער אינערליכער אויפרעגונג, וואס האט זי אין די פרילינג טעג פארפאלגט.

די אלטע שטוב אונזערע, וואס געדענקט נאך דעם געגענד א ווילדען א פארוואקסענעם, לעבט מיט די פרילינג טעג אין זיך אויף יענע צייטען, ווען די פארביי פארער זענען נאך אויף שמאלע, לאנגע, גרינע וועגענער געזעסען, זיי'ערע לאנגע האר זענען איבער זייערע נאקענס גע־לעגען, און אויף זייערע קעפ האבען זיי די דזשארדזש וואשינגטאנער היט געטראגען. זי דערמאנט זיך אין יענע טעג ווען פארביי די פענסטער האבען זיך נאר געזעהן ברייט אויסגעשפרייטע פעלדער, מיט'ן קליינעם ויעלדעל אויפ'ן בארג, און ווי מען פלעגט ביי נאכט אין איהרע פענס־טער אנקלאפען:

— באס, א באס, איז דאס דער וועג קיין סטיווענסוויל?

וויפיל ווינטערס און זומערס עס זענען זינט דאן פארבייגעשוואו־מען!

און נאכדעם האט זי דער הער פישהארן אין זיינע הענט איבערגע־נומען, איהרע ווענט מיט עלעקטרישע דראטען דורכגעלעכערט, און ווי־פיל נייע מעשות עס זענען זינט דאן אפגעשפילט געווארען צווישען איהרע ווענט, און צו די אלע מעשות איז איהר דעם ווינטער נאך צוגעקומען די מעשה מיט דעם יונגענמאן גרינבארג, ווען מען האט א פארם פארקויפט. צום סוף די פארם ביי איהם צוגענומען, און איצט שטעהט שוין דארט

18.

עס איז אוועק דער ווינטער, און עס איז אנגעקומען דער פרילינג. עס זענען פארשוונדען די שנעען פון די וועגען, און אווארעמע זון האט זיך איבערען לאנד ארויפגעלאזען. פון די פארמישע שטיבלעך האבען זיך אנגעהויבען ארויסשיטען דאס קליינוואַרג, וואס איז א גאנצען ווינטער ביים אויבען געלעגען. מיט פערוואקסענע קעפלעך, און אפגעריסענע פון דעם לאנגען ווינטער האבען זיי איבער'ן הויף זיך ארומגעיאגט, געווארט ווען די פערד וועלען פארטיג ווערען מיט'ן אקערען, מען זאל מיט זיי קענען אין דארף אריין צו פארען, זיי אפשערען, און נייע מלבושים קויפען.

אויף די פעלדער, איז דאס לאנד געלעגען אין איבערגעקערטע, צואקערטע, אזוי ווי גלאנציגע שפיגלען אנטקעגען דער זון. אין דער לופט האט זיך ארומגעטראגען דער רח פון איבערגעפוילטער ערד, פון דער פעטקייט, וועלכע די ערד האט א גאנצען ווינטער אין זיך ארייגעצויגען און זיך געפארעט אונטער דעם ווארעמען צודעק פון מיסט און שנעע.

גלייך נאך פסח, איז ווידער די הויז פול געווארען מיט קונים, אגענטען און סתם מענשען, וואס קומען אריין אין אזא שטוב און לאזען איבער אפולע הויז מיט רויך.

די שטוב איז געשטאנען א בענייטע, א פרישע, גלייך ווי זי וואלט זיך אנגענומען מיט נייעם מוטה און כח פאר דעם ווייטערדיגען יאהר, פאר די נייע מענשען, וואס וועלען אהין אריינקומען.

פון דער זייט ווי דער וועג האט זיך פארנומען קיין סטיווענסוויל, האט מען די גריבער, וואס זענען געווען פון שטענדיגען לויפען פון די

איבערזעצונגען:

1) פון װאָלט װהיטמאַנ’ס „גראָזבלעטער“.
אידיש פון ל. מילער.

2) דזשעליאליעדין רומי’ס ראָבאיאט.
אידיש פון מאַני לייב.

3) לאָרד דאָנסאָני’ס דער פינקלענדיגער טויער.
אידיש פון ד. א.

א הויז, א ניימאָדנע, מיט פופציג צימערען, מיט עלעקטריק, מיט טע־לעפאָנען, און מיט אווטאָמאָבילען ארום דעם זומער האָטעל.

זי ווייסט און געדענקט א סך מעשות פון מענשען וואָס זענען צוטומעלט געוואָרען ביים שייד־וועג.

ווי א געטרייער שומר, האָט זי זיך איצט פאַר'ן שייד־וועג מיט'ן פרילינג בענייט. גרייט אויפצונעמען דעם נייעם טומעל, מיט די נייע מענשען, מיט די קונים אויף וועלכע עס וואַרטען מיין מאַמע, און דער הער פישהאָרן.

שטימען פארשלייערטע — פון מיר ענטשלייערט,
שטימען אומאנשטענדיגע דורך מיר געלייטערטע און געענדערטע:

איך פארשטעל זיך ניט דעם מויל,
און איך באריהר ארום מיין בויך אזוי צארט,
ווי איך באריהר מיין קאָפּ און מיין הארץ,
דאָס פּאָרען זיך איז ביי מיר ניט מיוחס׳דיגער פאר דעם טויט.

איך גלויב אָז גופ׳יגען, איך גלויב אָן די אַפּעטיטען,
זעהן, הערען, פיהלען — זענען וואונדער,
און יעדער טהייל און ברעקעל אין מיר איז א וואונדער.
געטליך בין איך, אינערליך און אויסערליך,
און הייליג ווערט אלעס פון מיין באריהר,
און אלעס וואס באריהרט מיך ווערט הייליג.

2.

אַ פרוי וואַרט פאר מיר.

א פרויווארט פאר מיר, זי פארמאָגט אלעס, קיין זאך פעהלט,
אלעס וואלט געפעהלט ווען געשלעכט וואָלט געפעהלט.
אדער, ווען דער זאפט פון א מאן וואלט געפעהלט
געשלעכט פארמאָגט אלעס:
קערפּער, נשמות, זין, זיכערהייט, אונשולד, צערטליכקייט, פּאָלגע, וויסען,
לידער, הערשאפט, געזונד, שטאָלץ, דאָס מיסטיש מוטערליכע, די זריעה,
אלע האָפנונגען, וואלטעטיגקייט, אנווענדונגען,
יעדע ליידענשאפט, ליבע, שעהנהייט, אירדיש פארגעניגען,
אלע רעגירונגען, שופטים, געטער, די פארפאָלגטע פערזענליכקייטען פון דער ערד,
די אלע זענען פאראן אין געשלעכט אלס טיילען אין זיך,
און אלס בארעכטיגונג פאר זיך.
ליב איז מיר דער מאן וואס וויים און קען אהן בושה דאָס פארגעניגענדע פון זיין געשלעכט:
ליב איז מיר די פרוי וואס וויים און קען איהר געשלעכט אהן בושה.
איך וועל זיך איצט ענטזאגען פון די געפיהלאָזע פרויען,
איך וועל געהן זיין מיט יענער וועלכע וואַרט פאר מיר,
און מיט יענע פרויען וועלכע זענען הייס־בלוטיג און צוגעפּאסט פאר מיר,
איך וויים, אז זיי פארשטעהען מיך און זיי ענטזאגען מיך ניט,
איך וויים, זיי האָבען מיך די ווערטה,
איך וועל זיין דער ריזיגער מאן פאר יענע פרויען,

וואָלט וויטמאַן:

ל י ד ע ר

(פון בוך: „גראָז - בלעטער")

אידיש: פון ל. מילער.

וואלט וויטמאן ביז איך, א קאָסמאס, דער זוהן פון מעכטיגען מאנהעטען,
שטורעמדיג, גופ׳יג, זינדיג, און איך עס, און טרינק און פרוכפּער זיך.
קיין סענטימענטאלער,
קיין מוסטער א י ב ע ר מאן און פרוי, קיין מוסטער בעזונדער פון זיי.
אזוי פיל באשיידען ווי אומבאשיידען.

שרויפט אָפּ די שלעסער פון די טירען!
שרויפט אָפּ די טירען פון די הענגערס!

ווער עס ערנידעריגט א צווייטען, ערנידעריגט מיך,
און וואס עס ווערט געטאָן און וואס עס ווערט גערעדט,
קומט אן צום סוף צוריק צו מיר.

דורך מיר דרינגט און דרינגט דער שטראם.
דורך מיר דער צייט־שטראם און רעכענונג.
איך רייד דאָס וואָרט פון עבר. — און גיב דעם צייכען פון דעמאקראטי.
ביי גאָט! איך וויל קיין זאך ניט, פון וועלכען אלע קריגען ניט
דעם זעלבען טהייל. אויף גלייכען שטאַנד.

דורך מיר — פיל לאנגע, שטומע שטימען:
שטימען פון אונענדליכע דורות פון קנעכט,
שטימען פון גאסען־פרויען און פארזעהענישען,
שטימען פון קראנקע און פארצווייפעלטע, און פון גנבים און קארליקעס,
שטימען פון פארבארייטונג און תקופה׳ס פון וואקסען.

און פון די פעדים וועלכע באהעפטען די שטערען —
און פון מוטער־טראכט, און פון דעם זכר׳שאפט,
און פון דעם רעכט פאר יענע וועלכע אנדערע דריקען,
און פון די נישטיגע, פלאכע, נארישע, פאראכטעטע.

דורך מיר — פארבאָטענע שטימען,
שטימען פון געשלעכט און תאוה,

איך וואַרט פאַר די פרוכט פון זייערע רעגענס, ווי איך וואַרט
פאַר די פרוכט פון מיינע רעגענס איצט.
איך וואַרט פאַר די ליבעס־פרוכט פון געבורט, לעבען,
טויט און אומשטערבליכקייט, וועלכע איך פלאַנץ איצט אַזוי ליבליך.

3.

א קינד האָט, ברענגענדיג צו מיר א הויפען גראָז, געזאָגט:
וואָס איז דאָס גראָז?
ווי אַזוי האָב איך איהם ענטפערן געקענט?
איך וויים ניט מעהרער ווי דאָס קינד — וואָס דאָס איז;
איך מיין: דאָס מוז זיין די פאָהן פון מיין געמיטה
פון האָפנונגספולען גרינעם שטאָף געוועבט:
אָדער, איך מיין, עס מוז זיין דאָס טאַשען־טיכעל פון דעם באַשעפער,
א דופטענדיג געשאַנק; אַן אַנדענק, מיט א באַשטימטען
מיין פאַרלוירען —
אויפגעצייכענט אויף די ווינקלען וואו, איז דעם אייגענטימערס נאָמען,
אום מיר זאָלען זעהן, זיך וואונדערן און זאָגען:
וועמענס?
אָדער, איך מיין: דאָס גראָז איז אַליין א קינד,
אָדער, איך מיין: דאָס איז איינפאָרמיגער הירעגאַליף,
און דאָס מיינט: שפּראָצען — אַלצאַיינס אויף ברייטע
צי אויף שמאָלע שטרעקען.
וואַקסען אַלצאַיינס צווישען שוואַרצע אָדער ווייסע לייט.

און איצט דוכט מיר, אַז דאָס זענען שעהנע, ניט געשוירענע האָר פון
קברים,
איידעל וועל איך זיך צו דיר באַנעמען קרייזעלדיגער גראָז.
מעגליך דו קומסט ארויס פון יונג־מענערישע הערצער;
מעגליך איך זאָל זיי געוועזן קענען, וואָלט איך זיי געוועזן געליבט;
מעגליך דו קומסט פון אַלטע מענער, און פון פרויען;
און פון עופ'עלאַך פריה ארויסגענומען פון מוטערס שויס.
דאָס גראָז איז צו טונקעל צו זיין פון ווייסע מוטער־קעפּ:
טונקעלער — פאַר די קאָלירלאָזע בערד פון אַלטע לייט.
טונקעל גענוג צו קומען פון אונטער די בלאַס־רויטע מויל־דעכלאַך.
אַ! איך פאַרנעם דאָך אַזוי פיל ריידענדיגע לשונות:
און איך וויים, אַז דאָס קומען זיי ניט אומזיסט פון אונטער די מוילדעכלאַך,

זיי זענען ניט קיין פינטעל קלענער פאר מיר:
זייערע פנים׳ער זענען ברוין פון שיינענדיגער זון און בלאָזענדיגען ווינד.
זייער לייב פארמאגט דאָס אלט־געטליכע בויגזאמקייט און קראפט.
זיי קענען שווימען, שיפען זיך, רייטען, פעכטען, שיסען, לויפען, שלאָגען;
אנטלויפען, באפאלען, זיך געגענשטעלען, זיך פארטהיידיגען;
זיי זענען אנטשלאָסען אין זייער אייגענער רעכט, — זיי זענען רוהיג,
פארשטענדיג, און זיך אליין באהערשענדיג.

איך ציה אייך נאָהענט צו זיך, איהר פרויען!
איך קען אייך ניט אפלאָזען, איך וויל אייך גוטס טון:
איך בין פאר אייך און איהר זענט פאר מיר — ניט בלויז
פון אונזערט וועגען, נאָר אויך פאר אנדערע;
איינגעוויקעלט אין אייך שלאָפען גרעסערע העלדען און דיכטער,
און זיי וועלען ניט ערוואכען פון קיין מאנס באריהר אויסער מיינעם.

דאָס בין איך, איהר פרויען!
איך מאך מיר א וועג,
איך בין שטרענג, שארף, גרויס, אומבאשטרייטבאר — נאָר איך ליב אייך.
איך טו אייך ניט וועה מעהר ווי עס איז נויטיג פאר אייך,
איך גים דעם שטאָף אנצופאנגען זיהן און טעכטער פאסענד פאר די
שטאַטען:

איך דריק מיט פארזיכטיגע אבער שטייפע מוסקולען,
איך קלאמער זיך איין אויף אַז אמת׳ן
און איך הער זיך ניט צו צו קיין געבעט,
איך וואג ניט זיך צוריק־ציהען ביז איך לאָז ניט איבער
וואָס עס האָט זיך אָנגעזאמעלט אזוי לאנג אין מיר.

דורך אייך לעדיג איך אויס די איינגעצאמטע טייכען פון מיין איך,
אין אייך וויקעל איך איין א טויזענד קומענדיגע יאָהרען.
אויף אייך צוצווייג איך דאָס בעסט־געליבטע פון זיך און פון אמעריקא:
פון די טראפען, וואס איך טריף אריין אין אייך,
וועלען אויסוואקסען ווילדע אטלעטישע טעכטער,
נייע קינסטלער, מוזיקער און זינגער,
די קינדער, וואס איך געבויר אין אייך,
וועלן אין זייער צייט אייך געבוירען קינדער,
און איך פארלאנג פאלקאמענע זיהן און טעכטער פון מיינע ליבעס,
איך וויל זיי זאלען פארקערען מיט אנדערע ווי איך פארקער איצט
מיט אייך.

דאָ — קאַפּיטאַן! פֿאָטער טייערער!
אונטער דיין קאָפּ מיין האַנט געשפּרייט.
עס איז אַ חלום, אַז דאָ אויפֿ'ן דעק
ביזטו געפֿאַלען קאַלט און טויט.

עס ענטפֿערט ניט מיין קאַפּיטאַן, די ליפּען זיינע שטום און בלייך.
דער פֿאָטער פֿיהלט מיין אָרעם ניט, קיין ווילען און קיין הויך.
פֿון שרעקליכער רייזע צוריק איז די שיף, דער זיג וואָס זי פֿיהרט מיט, איז גרויס.
געאַנקערט די שיף איז שטאַרק און זיכער, די זיגרייכע רייזע איז אויס.

אָ ברעגען שאַלט! אָ גלעקער קלינגט!
נאָר איך אַליין געה אום מיט טרויער־טריט,
דאָ אויפֿ'ן דעק, וואו ס'ליגט דער קאַפּיטאַן
געפֿאַלען קאַלט און טויט.

וואָלט איך נאָר געקענט אויסטייטשען די אַנצוהערענישען
וועגען טויטע, יונגע מענער און פרויען,
און די אַנצוהערענישען וועגען אַלטע מענער און מאַמעס
און עופ'עלאך פריה ארויסגענומען פון מוטערס שויס.
וואו דענקסט איהר, זענען אהין געקומען די יונגע און אַלטע לייט?
און וואס דענקסט איהר איז געוואָרען מיט די פרויען און קינדער?
זיי זענען געזונד און לעבען ערגעץ וואו.
דער מינדסטער שפּראָצונג צייגט, אז עס איז באמת קיין טויט ניטאָ,
און אויב ער איז געווען, האָט ער געפיהרט דאָס לעבען פאַראויס,
און ער וואַרט ניט — צום סוף דאָס אוועק־צו־נעמען.
און ער האָט אויפגעהערט צו זיין, אין דער רגע ווען דאָס לעבען האָט זיך אָנגעפאַנגען.
אַלעס פאַראויס און פאַראויס, קיין זאַך צופאַלט ניט;
און צו שטאַרבען מיינט אויך עפּעס אַנדערש פון דעם,
וואָס אַנדערע האָבען געדענקט,
און גליקליכער.

א קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן!

אויף לינקאָלנ'ס טויט.

א קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן! די רייזע איז צו ענדע שוין;
די שיף איז די געפאַהרען דורך, געוואונען אונזער לוין;
מיר זענען שוין ביים האַפען באַלד, איך הער דעם גלאָקענקלאַנג, די מענשען־מענגע שאַלט;
און צו דער שיף דער שטאַרקער און געוואַגטער, זענען אויגען גאַפענדיג געווענדט.

נאָר א האַרץ! האַרץ! האַרץ!
— א איהר בלוטענדיגע טראָפּענס רויט!
אויפ'ן דעק געפאַלען איז מיין קאַפּיטאַן,
און ליגט דאָרט קאַלט און טויט.

א. קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן! וואַך אויף און הער דעם גלאָקען־קלאַנג;
וואַך אויף! פאַר דיר צופלאַטערט איז די פאָהן, די טרובע שאַלט שוין לאַנג;
פאַר דיר געגרייט פיל קראַנצען און בוקעטען, פאַר דיר די ברעגען מיט מאַסען מענשען פול;
צו דיר די כוואַליענדיגע מענשען־מענגע רופט, צו דיר די פנים'ער געווענדט.

מרדכי ווייזמאַנען אַ מתנה.

1 אַז ווען איך זעה אייך ניט, בין איך געפּלאָגט פון טרערען,
דערמאָן איך זיך אויף אייך, פאַרטרויערט ווערט מיין גליק.
ווערט אונזער דורכגעלעבטע פרייד צוריק זיך קעהרען ?
אַ, פרייד פאַרגאַנגענע, צי קומסטו ווען צוריק ?

2 דערקען אין ליעבע העכערעס פאַר אונז אין לעבען,
און וואָס אין איהר איז שלעכט, ביי דער נאַטור נאָר פרעג.
ווילסט ליעבע פאַר דיין ליידענשאַפט א נאָמען געבען,
פון ליידענשאַפט צו ליעבע איז א וויטער וועג.

3 וואָס איז דאָס וואָס פון דעם ווערט ליעב אונז די ערשיינונג ?
דער זין פון דער ערשיינונג ווערט אָהן דעם פאַרשטעלט ?
וואָס אַט, אין דער ערשיינונג שימערט אויף א שיינונג
און שיינט אין דער ערשיינונג אָפּ אין אַנדערער וועלט ?

4 געטרייער, צווישען אונזערע פאַרטרויטע זעלען
לויפט דורך א שטילער וועג: איך קוק אין וועג זיך איין:
דער וועג איז ווי א ריינער וואַסער־שטראָם אָהן שוועלען,
און אויף דער גלאַט פון וואַסער־שטראָם לבנה־שיין.

5 מיר זיינען פיינד דעם טאָג, ווייל נעמט ער קוים פאַרשווינדען,
ווי ווינד אין סטעפּ און ווי דאָס פישעל אין דעם וואַל,
געוועקט פון יענעם מולד ווען ער נעמט זיך צינדען,
באַלד קלינגען מיר מיט בעכערס ביז דעם זונען־שטראַל.

6 די ליעבע היט, דאָס גרעסטע וואָס דיר איז געגעבען!
געפין אויס דעם, וואָס אייביג זאָל ער דיינער זיין!
דו מיין ניט, אַז דער סם המות איז דיין לעבען! —
אַנטלויף, צוריים מיט דעם, כאָטש שווער איז דיר פון פּיין!

7 מיר ווילט זיך אָהן דעם צונג א וואָרט אַזא דיר זאָגען,
וואָס קיינעמס אויער זאָל ניט משפט'ן דאָס וואָרט.
דאָס וואָרט זאָל צו דיין אויער זיך אליין דערטראָגען,
כאָטש איך וואָלט עס געזאָגט, וואו מענשען זיצען דאָרט.

דישעליאליעדין רומי, איז איינער פון די גרעסטע פערסישע פּאָעטען. ער האָט געלעבט אין 12טען יאהר־הונדערט. אין די אידעען פון זיין שאַפען, איז דזשע־ליאליעדין רומי געווען אַ פאנטעאיסט־מיסטיקער. או־מעדום אויף דער וועלט זעהט ער מיט גרויס פרייד אַן איינאיינציגען גאָט, איז אין איהם פארליעבט, רייסט זיך מיט דער נשמה זיך מיט איהם צו באַהעפטען, זאָגט זיך אָפּ פון דעם איגענעם „איך“, שטרעבט אָפּצואווי־שען דעם „איך“ אין דעם „מיר“.

הי פיער שורה'דיגע לידער, ד. ה. ראבאַיאַט, האָט דער באריהמטער רוסישער פילאלאָג פ. ע. קאָרש, דער ערשטער און איינציגער אין איראָפּע איבערגעזעצט פונ'ם פערסישען אָריגינאל אין רוסיש. אין רוסיש זענען די לידער פארעפענטליכט געוואָרען אין דער אנ־טהאָלאָגיע: פערסישע ליריקער, וואָס איז אַרויס אין 1916, און פון דעם רוסישען האָב איך זיי דאָס איצט איבערגעזעצט.

איך ווייס, אַז לידער טאָר מען ניט איבערזעצען פון אַ צווייטער האַנט.

איך ווייס, אַז לידער טאָר מען ניט איבערזעצען אפילו פון דער ערשטער האַנט. ווייל לידער קען מען אי־בערהויפּט ניט איבערזעצען. און דאָך האָב איך עס גע־טאָן מיט גרויס ליעבשאַפט.

מ. ל.

17 אין אָנפאנג ווען מיין שעהנע האָט מיין הארץ געפאנגען,
געשטערט די שכנים שלאָפען האָט מיין שווער געוויין.
איצט וויין איך ניט: מיין ליעבע איז איצט אויפגעגאנגען:
פון העלצובלאָזטען פלאם — קען אויך קיין רויך ניט געהן.

18 די זון — אויף גאר דער ערד, א ליכט האָט אויפגעפלאַטערט.
דאס לעצטע ליעבעס פארעל פון דער נאכט פארשווינדט.
דער שלאָף מאכט צו די אויגען פון דער וואך פארמאטערט.
די צייט אויף רייסען ליעבעס בלומען קומט אצינד!

19 א פרישער דופטענדיגער ווינטעל האָט זיך לייכט צוטראָגען.
דערקען פון וועמעס רוה־געצעלט ער קומט אראָפּ;
וואך אויף! און זעה ווי די ראש די וועלט נעמט רוישיג יאָגען.
פארשטעה, דאס געהט א קאראוואן. דו שטעה ניט אָפּ.

20 די ליעבע איז פון אייביג און ניטאָ קיין צווייטע:
די צאָהל פון ליעבע זוכער האָט גאר ניט קיין סוף.
צי זעהען מארגען מיר דעם שופט פון די טויטע? —
פאראכטונג צו דער ליעבע מיידט ניט אוים די שטראָף.

21 די ליעבע איז אונז בעסער אויב זי ברענגט אונז ליידען,
דער ליעבט ניט, ווער פון ליעבעס־ליידען לויפט צוריק.
א מאן איז דער — וואס זוכט די הענד ניט אויסצומיידען,
וואס אויף זיין גליק די ליעבע לייגט: ער שיינקט זיין גליק.

22 די ליעבע דארף אין אונז מיט גרויסע פריידען קומען.
די ליעבע קען אונז געבען טרויסטונג אָהן א צאָהל.
מיין אָנפאנג אין דער מוטער־ליעבע האָב איך גענומען,
געבענשט זאָל יענע מוטער זיין אויף אַלע מאָל!

23 ווען גנעדיג וועט דער מזל נעמען דיך באַדינען,
ניט גלויב, ניט גלויב: דער מזל לאָכט צום סוף דיך אויס.
מיט עפּעס א געטראנק פאר׳שכר׳ט ער דיין זינען,
און דיין געליעבטע האלט א צווייטער אין זיין שויס.

24 מען זאָגט אונז צו ביים טויט אן אייביגען גן עדן,
פאראן דארט שעהנע פרויען און דער ריינער וויין.
מיר האבען דאָ אין לעבען אויך די זעלבע פריידען:
דאך וועט דער זעלבער שכר פאר אונז אויך דארטען זיין.

25 זי איז — א ליכטיגער רובין מיט שטראַלענדיגען לעבען.
די פרייד פון ווייטע וועלטען אין איהר שעהנקייט שיינט.
ווער איז זי? נאר דעם נאָמען וועל איך דאך ניט געבען:
איך נייג זיך טיף פאר דעם, וואס האָט פיעל ווערטער פיינט.

8 א שעהנעם פריינד ווי דו, איז צו געפינען זעלטען.
ניטאָ קיין בעסטע טאַט. ווי דיין געזיכט צו זעהן.
ביזט מיין געליעבטע און מיין פריינד אין ביידע וועלטען:
אויף אַלץ וואָס אונז איז ליעב, דיין חתימה איז געווען.

9 איך זינג פון איהר א ליעד, נאָר זי איז ביין געוואָרען,
וואָס איז א ליעד בלויז קומט איהר גאַנצע ווערט אריין.
„ווי זאָל איך דיך באַזינגען"? ענטפערט זי פארלאָרען:
צי זאָל א ליעד די פאַסונג פאר מיין שעהנקייט זיין?

10 זיי פרעהליך, בליה פאַנאַנדער ווי א רעגענבויגען.
דיין אויסזעהן זאָל דערפרעהען דעם וואָס דיך פארעהרט!
קוקט אימיצער אויף דיר אַהן פרייד אין זיינע אויגען,
זאָל דעם דער טרויער, שאַנד און חושך זיין באַשערט!

11 ווי וואַגט די זון די פראַכט פון דיין געזיכט באַריהרען,
און דיינע האָר — ווי וואַגט דאָס ווינטעל טאָן א ריהר?
דער שכל, דער באַהערשער פון דער וועלט און טהיערען,
ווערט פינסטער, ווען ער הויבט אָן צווייפלען וועגען דיר.

12 פון אַלץ וואָס ארום דיר, אויך שטויב וואָלט איך געוואָרען,
ווייל טאָמער איז ער אונטער דיינע פיס געווען.
איך וואָלט געפרעהט זיך ווען איך זעה צו זיך דיין צאָרן:
א צייכען אז דו זעהסט מיך, וואָלט איך דאָ דערזעהן.

13 אויב נאָר א שטיקעל האַרץ איז נאָך פאַראַן ביי וועמען,
און דיך האָט ער ניט ליעב, — וועט לעבען אין זיין צער.
נאָר דער וואָס וועט די קייט פון דיינע האָר צונעמען,
דער קליגסטער מענש אפילו, וועט דאָך זיין א נאַר.

14 דער דערוויש וועלכער רעדט פון סוד פון ווייטע ספערען,
דער שענקט אונז יעדע רגע פרייד מיט זיינע רייד.
דער איז קיין דערוויש ניט וואָס קען א בעטלער ווערען;
א דערוויש איז נאָר דער וואָס גיט אונז אייביג פרייד.

15 כ'ווייל זיין געזיכערט אין געטריישאַפט און אין ליעבען:
די האָפענונג איז פאַלש; די זיכערקייט קען שטעהן.
אויב נאָר פאר מיין געטריישאַפט האָסט מיך אויסגעקליבען,
קומט מיר דערפאַר די העכסטע און די גרעסטע לוין.

16 פאַרנייג די אויגען זיך: דיין האַרץ אַז אויג זאָל ווערען,
וועסט מיט דעם אויג פאר זיך דערזעהן אַז אנדער וועלט.
דו וועסט דיין אייגענמיינונג מיט איין מאָל צושטערען
און פאר דיין מיינונג ווערט א גלייכער וועג געשטעלט.

35 געליעבטע, איך בין דאָך מיט דיר נאָך ניט געזעטיגט,
און גליק נאָך פיעל ביזטו מיר שולדיג סיי ווי סיי.
דאָס בלימעל אויף מיין קבר וואָס בליהט אויף פארשפּעטיגט, —
אויך זי דער ליעבע וועט פארבלייבען נאָך געטריי.

36 דו. וואָס דו וויסט פון שלאָף ניט אלע מאָל און אייביג!
אַ. וועז דו קומסט צו מענשען כאָטש אין שלאָף צוגעהן!
כ'זאָל זאָגען?... אבער וואויל איז דעם וואָס שווייגט וואו נויטיג.
אויך דו פון היינט און שטענדיג, נאָר דו שווייגסט אליין.

37 אַ. קום, וואָס איבער מאָס און וואַרט ביזטו דערהויבען!
דעם חושך פון מיין צער און תפילה קום צושטער!
מיט דיר מיין תפילה — איז א סימבאָל פון דעם גלויבען.
אָהן דיר מיין תפילה — איז א סימבאָל און ניט מעהר.

38 אָפּט זאָגט צו מיר מיין פריינד: דאַרפסט מיט א זין אנטרינען,
האָסט נאָך פארטראַכט אנטלויפען, קום אין מיין געצעלט.
נאָר אויב דיך שרעקט מיט וועלף אין איינעם זיך געפינען,
איז לויף אין שטאָדט. און קוק ניט אין דעם וויטען פעלד."

39 אין אָוונעד איז צו מיר מיין טהייערע געקומען,
איך האָב געוויינט פאַר איהר: אזוי איז אומגעזעהן.
ניט שענקענדיג אונז צייט אויף רייד, די נאכט פארשוואומען.
ניט קורץ די נאכט, — די רייד נאָר זיינען לאַנג געווען.

40 אַ. מאָרגענדיגער ווינד, פליה, פליה צו מיין געליעבטע,
און אויב דו טרעפסט זי פרעהליך, זאָג איהר ווי איך לייד:
נאָר אויב דו טרעפסט זי דאָרט א בייזע, א באטריבטע,
שוויינ! זאָג איהר, אז דו זעהסט מיך ניט די גאנצע צייט.

41 דער שטראָם פון יאָהרען, לעגט דאָך ניט אויף איהר זיין זיגעל,
און אייביג שיינען וועט זי אונז אויף שריט און טריט.
זי איז דער שפּיגעל און דער אָפּשיין אין דעם שפּיגעל,
און ראַסטען אזאַ שפּיגעל דאַרף דאָך קיין מאָל ניט.

42 אין אָוונעד האָב איך זיך געבעטען ביי דעם שכל:
„דעם תוך פון הויכע סודות לערען מיך און צייג"..
נאָר ער האָט מיר געענטפערט מיט א קאַלטען שמייכעל:
„דאָס קען מען וויסען, אבער זאָגען — ניט. איז שווייג!"

43 די ליפּען איהרע, וועמעס קוש דו האָסט גענומען,
און צערטלען איהר די ברוסט מיט א געוועהנטער האַנט,
וועט דער, וואָס האָט אין לעבען מאכט און פרייד פארנומען,
דער קוואַל פון ליבען כשוף טרינקען נאָכאַנאַנד.

26 די ליעבסטע, איז די זון וואָס שיינט אראָפּ אויף תהום'ען,
דער ליעבסטער, אַז אַטאָם וואָס דרעהט זיך אין דעם שטראַל.
ווען דער זעפיר פון ליעבע וועהט פון אַלע רוימען,
די פרייד שלאָגט אויף אין גרינע צווייגען ווי א קוואַל.

27 איך קען דאָס ניט פארשטעהן... דאָס ווייס איין גאָט נאָר דאָרטען;
נאָר עפּעס מאָדנע ווערט מיין זעל פון דעם דערפרעהט.
וואָס אָפּט דערמאָנט זי מיר די העלע רויז פון גארטען,
וואָס דער זעפיר א לייכטער וויגט פארליעבטערהייט.

28 אָ, הארץ, זיי שטארק! דיין טרויסט איז ניט אויף לאַנג פארבאָרגען.
די פיעל געגאַרטע שעה האָט לויטער אויפגעשטראַלט.
דער פריינד, פאר זיינע פריינד, דער וועהטאָג און די זאָרגען,
איז צווישען אונז דאָ אין א מענשליכען געשטאַלט.

29 דער הימעל איז א פריידיגער פון שטערען שטראַלען.
א פריעדען הילט דער ערד און הילט מיין זעל אויך איין.
לייכט אויף דעם שפּיגעל פון מיין זעל די זיפצען פאַלען,
און כ'גיב מיט דעם דעם שפּיגעל צו א וואונדערשיין.

30 קוים איך דערמאָן דיך נאָר — מיין הארץ נעמט שטארקער שלאָגען.
און טרערען פון די אויגען שטראָמען שווער און הייס.
דיין אויסזעהן נעמט פון אומעדום פאר מיר זיך טראָגען.
א, הארץ, מיין הארץ! באַלד פליהסטו פון מיין ברוסט ארויס!

31 ווען אויף א רגע נאָר דיין זעל ווערט דורכגעלייטערט,
די גאַנצע וועלט פון זאַכען קלאָר ווערט פאר דיין זעל,
און די געווינשטע זעהונג וועלכע איז דערווייטערט,
אין שפּיגעל פון דיין דענקען וועט ערשיינען העל.

32 צושיידט מיט איהר אין מיטען פריהלינג, לעב איך איינער,
וואָס איז מיר יום טוב ווען מיין פרייד איז מיר צושטערט?
איז זאָלען אַלע וואַלקען רעגענען מיט שטיינער!
איז זאָלען דערנער אויפגעהן אויף דער גאַנצער ערד!

33 מען ווייס ביי אונז א סך פון מעשיות, לאַנגע, טריבע,
פון שעהנקייטס מאַכט, פון אָפּפער און פון ליעבעס-פּיין;
צו דיר די ליעבע, איז דער זייל פון יעדער ליעבע,
מען דאַרף נאָר גוט פארשטעהן, אז דו — ביזט ניט דיין שיין.

34 דאָ זעה איך מיין געליעבטעס קבר פאר זיך ליגען,
דאָ בליהט איהר שעהנקייט אויף אין שעהנקייט פון דער רויז.
האָב איך געזאָגט דער ערד, דאָרט וואו זי ליגט אנטשוויגען:
„א, לאָז איהר אָפּרוהען, פון אַל דאָס שלעכטס און בייז!"

53 מיר פלעגען זיין מיט מענשען, צווישען אלע קרייזען,
נאָר דאָרטען פון געטריישאפט קיינעם פאלט ניט איין.
שוין בעסער אונז צו זיין מיט זיי און זיך ניט ווייזען,
ווי ס׳שלאָפט דער פונק אין פייער און אין ערץ דער שיין.

54 דו פאלשער פריינד, ווילסט גאָלד און ווילסט מיין זינען,
מיין פריינד, איך האָב דאָס ניט נאָך דיין פארלאַנג.
ווי קען דאָס גאָלד אין טאַש מיט לעבער זיך געפינען?
ווי האָט דעם זינען דער, וואָס איז פארליעבט שוין לאַנג?

55 א טהייל, דערנאָך דאָס גאַנצע נעמט מיט ליעבע לעבען:
דער ווייַנטרויב קומט, דערנאָך ערשט וויין אין דעם באָקאַל,
צו דעם איז א באַדינג דעם פריהלינג אויך געגעבען:
אַז פריהער זינגט די קאָץ, דערנאָך — דער נאַכטיגאַל.

56 כ׳האָב פון דער ליידענשאפט געדאַנקען פיעל און ווערטער,
וואָס אויסדריקען איז שווער פאר שלוחים און פאר בריעף:
נאָר וואַרטען וואַרט איך אויף דער רגע דער באַשערטער,
זאָלסט הערען, ווי איך ברענג ארוים דאָס קלאָר און טיף.

57 אַ, דו, מיין גרויסער האַר, אלמעכטיגער, געטרייער!
דיין קנעכט א גאַרנישטדיגער פאר דיין גרויסקייט פאלט!
ניט לאָז פארקיהלט ווערען צו דיר מיין ליעבעס פייער:
און לאָז מיך ווען ניט ווען כאָטש אַנזעהן דיין געשטאַלט!

58 געגרויסט בין איך פון רוהם, וואָס דו מיט מיר ביזט נעהנטער,
כ׳בין גלייך מיט הונדערטער, זינד איך פארהייליג דיך.
אַהן מיר, ביזט פאר מיין דרעהען זיך געווען מיין צענטער:
איצט, אַז איך בין שוין דו, דרעה איך זיך ארום זיך.

59 ער קומט און וועקט אין מיר אַן אומרוהיגען שטרעבען —
איך זאָל א פרייער זיין פון אלע זאָרג און פיין.
ביז איצט, האָב איך די גרויסע פרייד געזוכט אין לעבען,
נאָר ער, ער הייסט מיר אויך פון דעם א פרייער זיין.

60 היינט לאָז איך זיך אוועק צו הוליען און צו טרינקען:
איך וועל מיין קאָפּ פארוואַנדלען אין א קרוג מיט וויין.
מיין אויפמערקזאַמקייט שענק איך יעדען מיט מיין ווינקען:
אַ קלוגען זוך איך, וועלכער קען משוגע זיין.

61 אַ, דעם וואָס האָט מיין שלאָף אָהן מיטלייד צוגענומען,
גיב גאָט, אַז פון זיין בעט זאָל וויכען איהם דער שלאָף!
ער זאָל געפּרופט ווערען ווען ס׳וועט זיין שלאָף ניט קומען
און וויסען דאָס געבאָט: „זיי גוט, אויף גוטסקייט האָף“

44 אויף א פארזאמלונג בין איך לעבען איהר געזעסען,
כ'האב ניט געקענט פאר פרעמדע שענקען איהר א גלעט,
האב איך מיין באק צו איהרען לייכט געמומען פרעסען,
ווי אויפ'ן אויער וואלט איך וואס צו איהר גערעדט.

45 איך שווער זיך מיט מיין זעל, וואס לעבט פאר איהר באזונדער,
און מיט מיין קאפ, וואו זי באהערשט דארט מיין פארשטאנד,
און מיט דער רגע, ווען איך בין געווען אויף וואונדער:
איהר האנט אין מיינער, א באקאל אין צווייטער האנט.

46 ביי דעם געדאנק פון דיר, מיין זינען ווערט פארלארען,
אהן דיינע ליפלאך, ניט געשמאק איז מיר דער וויין.
מיין בליק וואס קוקט דיך אויס, איז אנגעשטרענגט געווארען,
און אנגעשטרענגט מיין אויער ווארט און הארכט זיך איין.

47 ווי אומעטיג מיר זיינען דיר, — דאך קום צו אונז אריבער,
די ווילדע פריינד 'כאטש אויף א רגע מייד ניט אויס.
צי פון מיין גייסט די שווערע פינסטערניש נעם איבער,
צי זעה נאר ווי די ווילדע ליידענשאפט איז גרויס.

48 מיין צופעליגער זיך באהעפטען מיט א צווייטער,
דאס הייסט ניט, אז איך גיב איהר אפ מיין גאנצע וועלט:
דער, וועמעס זון פון הימעל וייט פארגעהט א טויטע,
דער האט אנשטאט דער זון, א ליכט פאר זיך געשטעלט.

49 מען שעלט מיך, וואס איך וויל זיך ניט באפרייען,
פון מיין געלעכטער און די שפאסיג שארפע רייד.
וועב, שונא, ווי א שפין פון גאל די שפינערייען,
דער אדלער וועט צום הימעל פליהען מיט א פרייד!

50 דער וואס וועט דערזעהן, דער וועט געשטרויכעלט ווערען,
ער וועט פארגעסען אלץ, — די ערטער און די פריינד.
וואס איז אונז די לבנה און דאס ליכט פון שטערען,
ווען פון דער גרויסער זון די וועלט האט אויפגעשיינט?

51 א, ווען די זון וואלט פון דער ליידענשאפט פארנומען,
דעם שאטען בלויז, וואלט זי דעם טאג פארגעסען גלייך.
אויב טהיילען די געליעבטע זיינען מיר געקומען,
איז נעם איך נייען טהייל, און נאר איין צעהנטעל אייך!

52 אין דער נאטור פון אדם'ס סוד פון זיין געבארען,
האט זיך דער גייסט צונויפגעמישט מיט ריינער ערד.
נאר ס'זיינען אויסגערונען די באשטימטע יאהרען —
האט גייסט צו גייסט, און ערד צו ערד, צוריקגעקעהרט.

71 איך בין אריין אין גאָרטען און אַ רויז געריסען,
דער גערטנער זאָל ניט זעהן, האָב איך געהיט מיט שרעק.
נאָר דאָ האָט מיך דער גערטנער ליעב גענומען גריסען:
„אַ רויז, — וועז איך דעם גאַנצען גאָרטען שענק אוועק?"

72 האָסט צוגעזאָגט אומזיסט מיר צעהן רענדלאַך געבען,
און מיט אַ שריפט צוריק גענומען דריי פון זיי:
איך וויים ניט אויב דו וועסט מיר יענע זיבען געבען,
דריי רעכען פון אַ נול... צו וואָס? אויב איך פאַרשטעה...

73 דו ביזט אוועק, בין איך פון טרויער איינגעבויגען;
וואָס טיפער ווערט מיין וועה אַלץ גים איך טרערען מעהר.
דאָך אויך נאָך דיר געגאַנגען זיינען מיינע אויגען;
איז ווי זאָל איך אָהן אויגען גיסען איצט אַ טרער?

74 די נאַכט זאָגט אַז: איך קום די שכור'ע דערפרעהען;
און וועמענס זעל ברענט אויס, גיב איך אַ נייע זעל,
נאָר די, וואָס פון דער ליעבע ניט באַלוינטע שטעהען,
איז שטעה איך אייביג ווי דער טויט ביי זייער שוועל."

75 די ליעבע — ווייז, וואָס גיט מיר כחות נייע;
די ליעבע — פריהלינג, ווען איך בליה ווען זי קומט אָן.
איך שווער זיך מיט דער ליעבע, ווי זי איז אַ פרייע;
אַז ווען כ'האָב וואָס צו טאָן, האָב איך ניט וואָס צו טאָן.

76 מיר האָבען לאַנג ניט אַנגעזעהן זיך אין די אויגען:
און זיך דערזעהן, האָט אונז די פרעמדע וואַך געשטערט;
דאָך האָבען מיר, ווי זעל צו זעל האָט אונז געצויגען,
גערעדט בלויז מיט דער ברעם און מיט דעם אויג געהערט.

77 גאָט האָט אונז פרייד און וויין געגעבען פון באַגינען,
דער יום טוב איז אין פאַסטען אויך אונז וואויל געווען;
וויין, שענקער! זאָל דער וויין פאַרטונקלען אונזער זינען,
דערנאָך אויף אייביג מעהר קיין טראָפען ניט צו זעהן!

78 איך טראָג פון די געליעבטע אין מיין הארצען וואונדען,
דאָס מיט דער פינסטערניש מיין פריינדשאַפט טוט מיר לייד.
וואו נעהם איך פרעהליכקייט, אויב זי איז שוין פאַרשוואונדען?
און וועלכע פריידען קענען מיר נאָך געבען פרייד?

79 איך האָב געמיינט, אַז שפּעטער וועט זי בעסער ווערען,
אויב איך וועל אויף אַ צייט נאָר זיין פון איהר געשיידט;
און איך האָב פיעל געליטען קומער, צער און טרערען, —
מעהר קען איך ניט: זאָל איך דיר זאָגען פאַלשע רייד?

62 מיין גייסט ווערט לויטער, ווען מיך דריקט א שווערער קומער,
מיין בענקשאפט שווייגט, ווען שווער איז מיין געמיט.
ווען איך בין ווי די ערד באוועגלאָז און א שטומער,
מיין קרעכץ, ווי דונער הילכט און אין די וואלקען פליהט.

63 ווען איך האָב דיינע לאָקען אָנגעריהרט צושראָקען,
דו גלויב, אין דעם איז ניט געווען ביי מיר קיין בייז;
נאָר איך האָב דאָס דיין הארץ דערזעהן אין דיינע לאָקען,
האָב איך מיט צארטען שפּאָס געוואָלט א ריהר טאָן בלויז.

64 ווען צווישען אונז הויבט אָן א צאָם א גרויסער ווערען,
אין טרערען און אין קרעכצען לעב איך שווער און באנג;
גלייך ווי א ליכט אין צאנקען, ווער איך שטאָלץ מיט טרערען
גלייך ווי א האַרף דער זעל מיין קרעכצען גיט א קלאנג.

65 אין יאָגען זיך נאָך מיין געליעבטע אָהן א זינען,
האָב איך דערלעבט, ווען מיר איז צייט שוין רוהען שטום.
און אפשר וועל איך מיין געליעבטע דאָך געווינען, —
איז ווי אזוי מיין יונגען לעבען קעהרט מען אום?

66 איך זוך דיין שעהנקייט אין די בלומען פון די טהאָלען,
איך הויך פון דעם יאַשמין דיין הויך אין זיך אריין;
און אָפּט, די ליפּען מיינע שטילע ווידערהאָלען
דעם נאָמען דיינעם, און איך האָרך צו זיי זיך איין.

67 דו גלויב ניט, אז נאָך דיר מיין קאָפּ איז ניט געזונקען,
און ווען דו ביזט ניטאָ, בין איך ניט מיעד פון פיין:
איך האָב דיין ליעבעס־וויין אזוי פיעל אויסגעטרונקען,
אז איך בין שכור און וועל אייביג שכור זיין.

68 ווען פון דער ליעבע שטארקער ווערט מיין הארץ געצונדען,
ווי וויל איך דעמאָלס דיך פארגעסען אין מיין רוה!
איז נעם איך דעם באקאל, וואו דאָרט ווערט אלץ פארשוואונדען,
דאָך טרינק איך דיך פון וויין: אויך אין באקאל ביזטו.

69 צו דיר די ליעבע פון דעם וויסען איז ניט קלענער:
דו ביזט אונז פינסטער סיי ווי סיי אויף יעדען שריט;
מיר לייזען זיך דאָך אוים אויף דער וועלט און אויף יענער
מיט ליעבע, ניט מיט דעם, וואָס אונז דאָס וויסען גיט.

70 די ליעבע האָט א זעל מיר פאר מיין הארץ געגעבען,
פאר יעדען קרבן מיינעם צאָהלט זי מיר מיט שכר.
און אויב נאָר דו אליין באווייזט זיך מיר אין לעבען,
וועט זיין דער וועלטס געווינס פון מיר דערגרייכט דערפאַר.

89 אין גאָרטעז, אין די בוימער טיף, איז ער פאַרהוילעז,
אַ פיעל־געשטאַלטיגער און איינס אין זיך אליין;
דער גרויסער אָקעאַן, — די וואַסער־בערג און הייהלעז, —
דאַך מאַכט די קלענסטע וועל די שטראָמען זיינע געהן.

90 דו ביזט אוועק, נאָר ניט אוועק זיינען די שרעקען,
די לוסט צו דיר און דיין געשטאַלט פאַר מיין געזיכט;
און וואָס אַז פּלוצלונג וועל איך דיך פאַר זיך אנטפּלעקען,
פון מיין פאַרדרעהטען וועג, מיין שיינענדיגע ליכט?

91 אַ. פריינד, דו האָסט צו אונז די אכטונג אנגעוואָרען
וויל טרינקסט ניט ווייז פון יענעם שווערען טראָט.
די וועלט איז אַ גן־עדן מיר פון פרעהליכקייט געוואָרען,
דער טרויער — איז מיין קנעכט, מיין נאַר, כאַטש יעדענס גאָט.

92 דער שכל — מיט זיין תורה נאָר איז פריעדען לעבען,
דער גלויבען — זיין צו אלץ געהאָרכזאַם וואָס ער וויל,
דאָס וויסען — אַ באַדייטונג איהם אַ פרעמדען געבען,
און פרומקייט — טראָגען זיינע קייטען אין דער שטיל.

93 איך זאָג: „דו זאָלסט די אומעדיגע פריינד פאַרלאָזען,
נאָר מיט די פרעהליכע זאָלסטו פאַרברענגען פריי!
אין גאָרטען ווען דו געהסט, מייד אויס די ווילדע גראָזען,
נאָר מיט די פרישע רויזען און יאַשמינען זיי!“

94 די רגע, ווען דאָס לייב פאַלט פון דער זעל אנידער,
די זעל, זי רייסט אראָפּ עס ווי אַן אַלטען קלייד
און גיט עס אָפּ דער ערד צוריק אַ גאַנצע ווידער,
און טוט זיך אָן אַ קלייד פון אייגען ליכט און פרייד.

95 דו בייט כאָטש יעדען טאָג דיין וואָהנונג און די שכנים!
ווי אייביג שטראָמענדיגע פרישע וואַסער זיי!
דער נעכטען איז אוועק, די רייד מיט איהם אין איינעם;
היינט קומט אַ טאָג, און רייד — זיי קומען פון דאָס ניי.

96 ניט רייד מיט ניט דערוועהלטע פון דעם סוד פון לעבען,
מיט גייציגע ניט רייד פון הויכדערגרייכטע פרייד;
מיט פרעמדע אויפ'ן וואָרט, זאָלסטו נאָר אכטונג געבען,
פון ווילדע גראָזען מיט דעם סטעפּען קעמעל רייד.

97 דיין זעל איז מיט מיין זעל פון אייביג אַן ווי איינע:
איןביידע לעבט דער זעלבער יעדער קליינער שטריך.
די ווערטער „דיינע“, „מיינע“, — טעות'ן נאָר קליינע.
פאַרשוואונדען איז פון דיר מיט מיר דער „דו“ און „איך“

80 ניט אין דער שקלאַפינס פּראַכט און ווילדען שכור ווערען, —
נאָר געהן אליין אין שלאַכטפעלד איז די גרויסע רוהם;
נאָר דער, וואָס שרעקט זיך ניט מיט בלוט אליין זיך וועהרען,
זאָל זיצען, ווען עס שטעהט דאָס גאַנצע פאָלק אַרום!

81 איך בין געגאַנגען לערנען אין די קינדער יאָהרען,
דערנאָך האָבען די פריינד באַשעהנט מיר מיינע טעג,
איצט ווייס מיין לעבען און דעם סוף וואָס איז געוואָרען:
געקומען ווי אַ וואָלקען און ווי ווינד אַוועק.

82 דו האָסט פון ערד באַשאַפען מיינע הויט און ביינער,
און ליכט פון שכל אַנגעגאָסען אין מיין זעל:
זאָל שטעהן מיין אָרט פאַר דיר, אַ קליינער און אַ ריינער!
איך, דיין צולאָזען קינד, איך רוף דאָס פאַר דיין שוועל.

83 עס איז אַ גרויסע זינד, צו זיין אָהן דיר אין לעבען,
ווי קען איך לעבען גאָר מיט דיר געשיידטערהייט?
אָהן דיר דאָס לעבען — דאָ וועל איך מיין שבועה געבען —
איז אין דעם נאָמען בלויז, אין אמת'ן — דער טויט.

84 אַ טעמפּעל איז דיין אַנגעזיכט פאַר דעם באַטריבטען,
אַ, לעבענס פלאַם! איך בין פאַרברענט פון צער און לייד,
ערלויב נאָר דיין געזיכט אַ קוק־טאָן דעם פאַרליעבטען,
איך זאָל צופליקען באַלד מיין לעבענס אַלטען קלייד!

85 איך האָב געזאָגט צום האַרץ: „ניט ברענג מיר נייע ליידען,
קיין נייע ליעבע דאַרף איך מעהר שוין ניט, איך ווייס...“
האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט: „וואָס איינער קען זיך ריידען! —
באַטראַכט נאָר — אַ געליעבטע... מאַך זיך נאָר ניט גרויס!“

86 איך בין אַזוי פיעל עולות אויף דער וועלט באַגאַנגען,
אַפילו צו דעם נאָהענטען פאַרשאַף איך וועה.
כ'באַקלאָג זיך, און בין בייז מיט יעדען אומגעגאַנגען,
אַז יעדערער באַשולדיגט מיך, און איך באַשולדיג זיי.

87 מיר האָבען איינמאָל ביידע אין אַ טהאָל אַ ווייטען,
אין ליעבע, גליק און פרייד, אויף אַלץ פאַרגעסען דאָרט;
דאָס איז געווען שוין לאַנג, דאָך טרוים איך אַלע צייטען, —
דו זאָלסט געדענקען גוט פון יענעם טאָג דיין וואָרט.

88 עס קומט צוניץ דאָך פאַר דער בהמה יעדער שייער;
און דעם וואָס הונגערט, קומט צוניץ דאָך יעדער ברויט;
אַלץ קען פאַרבייטען דאָס וואָס דיר איז ליעב און טהייער,
דיין ליעבסטע נאָר פאַרבייט ניט קיין זאַך ביז'ן טויט.

לאָרד דאַנסאַני

דער פינקלענדיגער טויער
(אידיש פון ד. א.)

פּ ע ר ז אָ נ ע ן :

ד ז ש י ם,
ב י ל, } גנבים.

ביידע טויט.

סצענע: אַן איינזאַמער פּלאַץ.
צייט: די היינטיגע.

דער איינזאַמער פּלאַץ איז פאַרשפּרייט מיט גרויסע שוואַרצע פעלזען און מיט זעהר פיל ניט אויפגעעפענטע ביר פלעשער. אין הינטערגרונד איז אַ וואַנט פון קיזעלשטיין, געבויט פון גרויסע פלאכע פליטען, און אין זיי, דער טויער צום הימעל. די טיר איז פון גאָלד.

אונטער דעם איינזאַמען פּלאַץ איז אַן אָפּגרונט פאַרהאַנגען מיט שטערען.

דער אויפגעהויבענער פאָרהאַנג אַנטפּלעקט דזשים'ען מיד, ארויסשלעפּענדיג דעם קאָריק פון א ביר פלאַש. נאָכדעם בויגט ער אָן די פלאַש לאַנגזאם און מיט אויסערגעוועהנליכער פאָרזיכט. עס צייגט זיך ארויס, אַז די פלאַש איז ליידיג. א שוואכער און ניט אנגענעמער געלעכטער דערהערט זיך פון ווייט. די דאָזיגע האַנדלונג און דער באגלייטענדיגער ווייטער געלעכטער ווידערהאָלען זיך נאָכאַנאַנד דורך דעם שפּיל. פאַרקאָרקטע פלעשער אַנטפּלעקען זיך הינטער פעלזען, און נאָך מעהר קומען אָהן אויפהער אָן דורך דער לופט, אזוי אז דזשים קאָן זיי גרייכען. אַלע צייגען זיך ארויס צו זיין ליידיג.

ד ז ש י ם (וועגענדיג זיין פלאַש פאָרזיכטיג). דאָס איז א פולע. (די פלאַש אָבער איז ליידיג, אזוי ווי אלע.)

פון לינקס דערהערט זיך א געזאַנג.

ב י ל (קומט אריין פון לינקס מיט א לאָך פון א קויל איבער זיין אויג, זינגענדיג). באַהערש בריטאַניע, בריטאַניע באַהערש די כוואַליעס. (ברעכט אָפּ זיין ליד.) זעה נאָר! אָט איז אַ פלאַש ביר. (ער געפינט אויס, אַז די פלאַש איז ליידיג; ער קוקט ארויף און אראָפּ.) איך ווער א ביסעל

98 פאַרשלאָסען אַלע טירען: דיינע איז נאָר אָפּען,
דעם פרעמדענס וועג זאָל ברענגען אין דיין הויז אריין,
דו, וועמעס ליכט און מאַכט, פאַרגיבונג, שוץ און האָפען,
פאַרשטעלט לבנה, שטערען, רוהם און זונענשיין!

99 וואָס וויינסטו אויף דעם טרוים וואָס וועט ניט קענען קומען,
און אין דעם קרייז פון זוכען פייניגסטו זיך שטום?
דו ביזט מיט גאָט פון קאָפּ ביז פיס דאָך דורכגענומען.
דו קענסט זיך ניט אליין, איז וואָס זשע זוכסטו אום?

100 פאַרגעס אין ליעבע אַלץ, ווי קלוג דו זאָלסט ניט שם'ן,
ווער שטויב פון וועג, כאָטש דיין געצעלט איז הימעל הויך,
זאָלסט פאַר דיין גלייכען יעדען איינציגען זיך נעמען,
אַ פראָסטער פויער זיי, דערנאָך, אַ קעניג אויך.

101 אַ, גאָט, דו זאָלסט אַ פריינד אַ בייזען איהר באַשערען,
ער זאָל ניט שענקען איהר קיין גוטע רגע רוה!
אום צו באַווייזען איהר דאָס בייז פון ליעבעס טרעהרען,
אַ, גאָט, איז שיק איהר ליעבע, שטאַרקע ליעבע צו!

102 „וואָס טוט מען?“ פרעג איך איהם, און ער: „אומזיסטע ווערטער!
כ'וועל דעם „וואָס טוט מען“ שנעל דערטרייבען צו אַ ברעג:
דו פרעגסט אומזיסט „וואָס טוט מען“ און דערגרייכסט די ערטער,
וואו דו ביזט שוין געווען ביים אָנפאַנג פון די טעג“.

103 היינט אָוועגד בין איך מיט אַ ליעבען פריינד פאַרגאַנגען
אין ברייטען טהאָל, פאַרברענגען גוט אַ שטילע שעה.
אַט זיינען ליכט און רייך, אַ זינגער און געזאַנגען,
און אַלץ איז גאָרנישט ווערט, אויב דו ביזט מיט מיר דאָ!

104 ווען ליידענשאַפט און משוגעת דיך פאַרפיהרען,
און קומסט אזא צו מענשען גליקליכע אריין,
ווי פון אַ קרעציגען פאַרמאַכען זיי די טירען,
כאָטש דו קענסט יענעם טאָג אזוי באַגייסטערט זיין!

אַרומעט, און אַ טיר, וואָס וואויעט, ווען דו רירסט זיך־צו צו איהר, און עמיצער, פון ווענען דו האָסט ניט געוואוסט, איז קראַנק אין הויז, און ער האָט מעהר גאָר ניט וואָס צו טון נאָר זיך צוהערען צו דיר, וואָרים ער קאָן ניט שלאָפען. געדענקסטו דען ניט דעם קליינעם ביל?

ד ז ש י ם. דאָס האָט געדאַרפט זיין ערגיץ אַנדערש.

ב י ל. יאָ, דזשים. יאָ. אונטען אויף דער ערד.

ד ז ש י ם. אָבער עס איז ניטאָ קיין ערגיץ וואו עס איז אַנדערש.

ב י ל. איך האָב דיך קיינמאָל ניט פארגעסען, דזשים. איך פלעג קאָנען אוועקפלוידערען מיט מיין צונג אין קלויסטער ווי אַלע אַנדערע, פלעג אָבער די גאַנצע צייט ניט אויפהערען טראַכטען פון דיר אין יענעם קליינעם צימער אין פּאָטני. — דער מאַן זוכט דיך אין יעדען ווינקעל מיט אַ רעוואָלווער אין איין האַנט און מיט אַ ליכט אין דער צווייטער און דו געהסט אונטער איהם. געהסט כמעט אַרום מיט איהם.

ד ז ש י ם. וואָס איז פּאָטני?

ב י ל. אָה, דזשים, קאָנסטו זיך דען ניט דערמאָנען?! קאָנסטו זיך דען ניט דערמאָנען דעם טאָג, וואָס דו האָסט מיך געלערנט צו ווערען אַ פּאַרדינער? איך בין דעמאָלט ניט געווען מעהר ווי צוועלף יאָהר, און עס איז געווען פריהלינג און דער גאַנצער מאַי איז געווען פאַנאַנדערגעבליהט אונטערן שטאָדט. און מיר האָבען „אויסגעראַמט“ נומער 25 אין דער נייער גאַס. און אויף מאָרגען האָבען מיר געזעהן דעם מאַנס נאַרעשען, פּעטען פּנים. דאָס איז געווען אַ דרייסיג יאָר צוריק.

ד ז ש י ם. וואָס זיינען יאָרען?

ב י ל. אָה, דזשים!

ד ז ש י ם. דו זעהסט, עס איז דאָ ניטאָ קיין האָפנונג, און ווען עס איז ניטאָ קיין האָפנונג, איז ניט פאַראַנען קיין צוקונפט, און אַז עס איז דאָ ניטאָ קיין צוקונפט, איז דאָ אויך ניטאָ קיין פאַרגאַנגענהייט. דאָ איז לויטער געגענוואַרט. איך זאָג דיר, מיר זיינען גוט אריינגע־פאַלען. דאָ זיינען ניטאָ קיין יאָרען, קיין גאָר ניט.

ב י ל. קום צו זיך, דזשים. דו טראַכסט געוויס פון׳ם שפּריכ־ווערטעל: „גיט אויף די האָפנונג איהר אַלע וואָס קומט אריין אַהער“. איך פלעג לערנען די ווערטלאַך; זיי זיינען זעהר צאַצקעדיג. אַ יונג מיט׳ן נאָמען שעקספּיר פלעג זיי מאַכען. אָבער עס איז אין זיי קיין שום זין ניטאָ. טראַכט ניט וועגען ווערטלאַך, דזשים.

מיר פון די צובליטע שטערען דאָרט אונטען און פון דעם דאָזיגען פעל־זיגען ברעג! איך געה ארום די גאנצע צייט אונטער דער דאָזיגער וואנט. הם, עס מוז שוין זיין ביי פיראונצוואנציג שטונדען זינט דער הויזהאלטער האָט מיך דערשאָסען. און ער האָט דאָס ניט געדאַרפט טון, האָט ער ניט. איך בין ניט געגאנגען איהם שלעכטס טון, דעם פלאָקען. איך האָב נאָר געוואָלט א ביסעל פון זיין זילבערוואַרג. געוועזען א ביסעל מאָדנע, געוועזען. זעה נאָר, א טויער! הם, דאָס מוז דאָך זיין ׳ס טויער פון הימעל. אזוי, אזוי נו, דאָס איז שוין גאָרניט שלעכט. (בלייבט שטעהן, קוקט פאר א צייט ארויף און אראָפּ.) ניין. איך וועל ניט קאָנען ארויפקלעטערען אויף דער דאָזיגער וואנט. הם, עס איז דאָך גאָר ניטאָ קיין סוף צו איהר. זי הויבט זיך אלץ ארויף און ארויף. (קלאַפּט אָן אין טיר און וואַרט.)

ד ז ש י ם. דאָס איז ניט פאר אונזער גלייכען.

ב י ל. הם, זעה נאָר, אָט איז נאָך א פלאָקען! הם, עמיצער האָט איהם אויפגעהאנגען. ווי געפעלט דיר, דאָס איז דאָך דער אלטער דזשים!

ד ז ש י ם (מיד). האלאָ.

ב י ל. דזשים! דזשים! ווי לאנג ביזטו שוין דאָ?

ד ז ש י ם. איך בין דאָ שטענדיג.

ב י ל. וואָס, דזשים, דו געדענקסט מיך ניט? סטייטש, דו האָסט דאָך געלערנט ביל׳ען צו ברעכען שלעסער נאָך מיט יאָרען און יאָרען צוריק, ווען ער איז נאָך געוועזען א קליינער אינגעל, און האָט ניט געהאַט קיין ארבייט, און האָט ניט געהאַט קיין סענט אויף דער וועלט, און וואָלט קיינמאָל ניט געוועזען געהאַט, ווען ניט דו, דזשים. (דזשים גלאָצט די אויגען אומבאַשטימט.) איך האָב דיך קיינמאָל ניט פארגעסען, דזשים. איך האָב זיך אריינגעבראָכען אין אָהן א שיעור הייזקעס. און נאָכדעם האָב איך זיך גענומען צו גרויסע הייזער. ארויס, אויפ׳ן לאנד. דו ווייסט דאָך, די אמת׳ע גרויסע. איך בין געוואָרען רייך, דזשים, און געאַכטעט פון אלע וואָס האָבען מיך געקאָנט. איך בין געוועזען א בירגער, דזשים, איינער וואָס וואוינט אין אונזער מיט. און אין אָווענד, זיצענדיג ביי דעם פייער, פלעג איך זאָגען: „איך בין אזא בריה, ווי דזשים“. אָבער איך בין דאָס ניט געוועזען, דזשים. איך האָב ניט געקאָנט קלעטערען, ווי דו. און האָב ניט געקאָנט געהן, ווי דו פלעגסט געהן, אויף סקריפּענדיגע טרעפּ, ווען אלץ ארום איז שטיל און שאַ, און א הונט איז אין הויז, און קליינע קלאַפּערגעצייג ליגעז

ביל (זעהט אויס א ביסעל אין פארלעגענהייט, ווי ער וואָלט געהאט געפרעגט א נארישע פראגע). איז דאָס א חבר?

דזשים. א חבר! (לאכט, דער געלעכטער פון ווייט העלפט איהם מיט הויך און לאנג.)

ביל. איך ווייס ניט. אָבער דזשים, וואָס דיינקסטו האָב איך?

דזשים. עס איז פאר דיר נוצלאָז, וואָס עס זאָל ניט זיין. אפילו אויב עס איז א צעהנפונטיגער באנקנאָוט.

ביל. עס איז בעסער פון א צעהנפונטיגען באנקנאָוט, דזשים. דזשים, פרואוו זיך נאָר דערמאָנען, דזשים. געדענקסטו דען ניט מיט וואָס מיר פלעגען אויפברעכען די אייזערנע פייער־קאסעס? געדענקסטו עפּעס, דזשים?

דזשים. יאָ, איך הויב זיך אָן צו דערמאָנען. עס פלעגען זיין זונען אונטערגאנגען. און נאָכדעם זיינען געווען גרויסע געלע ליכט. און מען פלעגט אהין ארייננקוקען דורך א וויגענדיגער טיר.

ביל. יאָ, יאָ דזשים, דאָס איז געווען דער „בלויער בער“ דאָרטען ביי ווי ווימבלדאָן.

דזשים. יאָ. און דאָס צימער איז געווען פול מיט גאָלדענעם ליכט. און עס איז געווען ביר מיט ליכט אין איינעם. און א ביסעל פלעגט זיך פארגיסען אויפ׳ן קאנטער פלעגט אין דעם אויך זיין ליכט. און א מיידעל איז דאָרט געשטאנען מיט געלע האָר. זי דארף איצט זיין אויף דער אנדערער זייט פון דעם טויער מיט לאָמפּען־ליכט אין איהרע האָר צווישען די מלאכים. און דער אמאָליגער שמייכעל אויף איהרע ליפּען. און איהרע שיינע ציין שיינען. זי דארף זיין זעהר נאָהענט פון דעם טראָן; וואָרים עס איז ניט געווען קיין שלעכטס אין דזשענין.

ביל. ניין, עס איז ניט געווען קיין שלעכטס אין דזשענין.

דזשים. אָה, איך וויל ניט זעהן די מלאכים, ביל. נאָר אויב איך וואָלט געקאָנט ווידער זעהן דזשענין. (צייגט אין דער זייט פונ׳ם געלעכטער.) ער קאָן לאכען אזוי פיעל ווי ער וויל זיך ווען איך וויל וויינען. דו קאָנסט ניט וויינען, ביל.

ביל. דו זאָלסט זי ווידער זעהן, דזשים.

(דזשים נעמט ניט קיין אינטערעס אין דער באמערקונג. ער לאָזט אראָפּ זיינע אויגען און געהט זיך אָן מיט זיין ארבייט).

ביל. דזשים, דו זאָלסט זי ווידער זעהן. דו ווילסט אריין אין הימעל, ווילסט?

דזשים. איך זאָג דיר, אַז דאָ איז ניטאָ קיין האָפענונג.

ביל. קום צו זיך, דזשים. דאָרטען איז דאָ גענוג האָפנונג. וואָס דען ניט? (ציגט צום טויער פון הימעל.)

דזשים. יאָ, און אָט דערפאר האלטען זיי דאָס דאָך אזוי פאר־שלאָסען. זיי לאָזען אונז ניט האָבען קיין האָפנונג, ניין. ווארט, איך הויב זיך איצט צוריק אָן צו דערמאָנען די ערד, זינט דו רעדסט. עס איז דאָרט געווען פונקט די אייגענע זאַך. וואָס מעהר זיי האָבען געהאַט, אַלץ מעהר האָבען זיי געוואָלט. ניט צולאָזען דיך, צו האָבען כאָטש וויי־פיעל עס איז.

ביל. דו וועסט אביסעל פרעהליכער ווערען, ווען איך וועל דיר זאָגען, וואָס איך האָב. זאָג נאָר, דזשים, האָסטו אַ ביסעל ביר? געוויס, דו האָסט. נו, דארפסטו דאָך פרעהליך זיין, דזשים.

דזשים. וועסט דאָ אָנהאָבען אַ סך ביר! זיי זיינען ליידיג.

ביל (זיך האַלב אויפהויבענדיג פון דעם פעלז, אויף וועלכען ער האָט זיך געהאַט געזעצט, און זעהר פרייליך, ציגענדיג מיט'ן פינגער צו צו דזשים'ן.) און דו ביזט דער חברה'מאַן וואָס האָט געזאָגט, אַז עס איז דאָ ניטאָ קיין האָפען, און דו אליין האָפסט דאָך צו געפינען ביר אין יעדער פלאַש, וואָס דו עפענסט.

דזשים. יאָ, איך האָף צו זעהן אַ טראָפען ביר אמאָל, איך וויים אָבער אז איך וועל ניט. זייער קונסט וועט זיך אפשר גראָד איינמאָל ניט איינגעבען.

ביל. וויפיל האָסטו שוין אויסגעפרואווט, דזשים?

דזשים. אָה, איך וויים ניט. איך בין שטענדיג פארנומען מיט דעם. איך ארבייט אזוי גיך ווי איך קאָן, פון זינט איך וויים — פון זינט איך געדענק (טאפט זיין האלז ביז ארויף צום אויער, נאָכדענקענדיג.) פון זינט איך וויים, ביל.

ביל. פאר וואָס גיסטו דאָס ניט אויף?

דזשים. איך בין צו דורשטיג, ביל.

ביל. וואָס דיינקסטו האָב איך, דזשים?

דזשים. איך וויים ניט. קיין זאך וועט ניט העלפען.

ביל (ווען נאָך אַ פלאַש ציגט זיך ארויס צו זיין ליידיג). ווער לאכט דאָס, דזשים?

דזשים (ערשטוינט פון אזא פראגע, הויך און מיט קראפט). ווער לאכט דאָס?

ד ז ש י ם. טאָמער איז עס א מייל די דיק. טאָמער איז עס א מיליאָן מייל די דיק. טאָמער איז עס הונדערט מיליאָן מייל די דיק.

ב י ל. עס קאָן ניט זיין, דזשים. די טירען זיינען געמאכט אויף צו עפענען זיך צום דרויסען צו. זיי וואָלטען דאָס ניט געקאָנט מאכען אויב זיי זאָלען זיין מעהר פון פיער אינטשעס.

ד ז ש י ם. דו געדיינקסט די גרויסע פייער קאסע וואָס מיר האָבען אמאָל אויפגעבראָכען, אין איהר זיינען קוילען געווען.

ב י ל. דאָס איז ניט קיין פייער קאסע, דזשים. דאָס איז הימעל. דאָ וועלען זיין די אלטע הייליגע מיט די אָריאָלען ארום זייערע קעפּ (קרעק, קרעק, קרעק.) און מלאכים אזוי פיעל ווי שוואלבען וואָס קלייבען זיך צונויף אויף דעם דאך פון א דאָרפישער הויז דעם טאָג וואָס זיי דארפען אוועק. (קרעק, קרעק, קרעק) און סעדער פול מיט עפּעל אזוי ווייט ווי דו קאָנסט זעהן אין די טייכען חדקל און פרת, אזוי זאָגט די ביבעל; און די שטאָדט פון גאָלד פאר די וואָס האָבען ליעב שטעדט, אלע פול מיט טייערע שטיינער; אָבער איך בין א ביסעל מיד פון שטעדט און טייערע שטיינער (קריק, קריק, קריק.) איך וועל ארויסגעהן אין די פעל־דער וואו די סעדער זיינען ביי דעם חדקל און דעם פרת. איך וועל זיך גאָר ניט וואונדערען אויב מיין אלטע מוטער איז דאָרטען. זי האָט קיינ־מאָל ניט פיעל געהאלטען פון דעם וועג ווי איך פלעג מאכען מיינע פארדיענסטען (קריק, קריק, קריק.) אָבער זי איז געווען א גוטע מאמע צו מיר. איך וויים ניט אויב זיי ווילען דאָרט האָבען א גוטע מוטער, וואָס וואָלט געווען גוט צו די מלאכים און וואָלט געזעסען און גע־שמייכעלט צו זיי ווען זיי זינגען, און וואָלט זיי געלאסטשעט ווען זיי פיהרען זיך ניט אויף ווי געהעריג. אויב זיי לאָזען אלע גוטע אריין, וועט זי זיכער זיין דאָרטען. (פּלוצלינג.) דזשים! זיי וואָלטען דאָך מיך ניט אָנשטעלען אנטקעגען איהר, וועלען זיי? דאָס וואָלט געווען ניט קיין ריכטיגע עדות,דזשים.

ד ז ש י ם. דאָס וואָלט געווען פּונקט ווי זייער שטייגער. פּונקט ווי זיי זיינען.

ב י ל. אויב דאָרט אין הימעל איז נאָר דאָ צו קריגען א גלאָז ביר, א שיסעל קישקע מיט ציבעלע, אָדער א ליולקע צום רויכערען, וועל איך דאָס אלץ טרעפען גרייט פאר מיר ווען איך קום צו איהר. זי פּלעגט וויסען אלע מיינע געננג און וואָס איך האָב ליעב. זי פלעגט וויסען ווען צו וואַרטען פאר מיר. איך פלעג אריינקריכען דורכ׳ן פענסטער אין

ד ז ש י ם (ניט אויפהויבענדיג זיינע אויגען). וויל.

ב י ל. דזשים. ווייסטו וואָס איך האָב, דזשים?

ד ז ש י ם (ענטפערט ניט, געהט זיך אָן אויסגעמאַטערטער אָן מיט זיין ארבייט).

ב י ל. דו געדיינקסט יענע אייזערנע פייער קאסעס, דזשים, ווי מיר פלעגען זיי אויפברעכען ווי וועלשענע ניס מיט'ן „אלטען נוס־קנאקער"?

ד ז ש י ם (ביי זיין ארבייט, מיד). ווידער ליידיג.

ב י ל. וועל, איך האָב דעם „אלטען ניסקנאקער". איך האָב איהם געהאט אין מיין האנט אין דער צייט, און זיי האָבען מיך איהם געלאָזט האלטען. זיי האָבען גערעכענט אז עס וועט זיין א זעהר גוטער באווייז געגען מיר.

ד ז ש י ם. קיין זאך טויג דאָ ניט.

ב י ל. איך וועל אריין אין הימעל, דזשים. און דו זאָלסט אריין מיט מיר, וואָרים דו האָסט מיך געלערענט צו ווערען א פארדיענער. איך וואָלט דאָרט נישט געקאָנט זיין גליקלאך אזוי ווי די מלאכים, אויב איך וואָלט וויסען אז עמיצער איז אין דרויסען. איך בין ניט אזוינער. (דזשים געהט זיך אָן מיט זיין ארבייט.)

ד ז ש י ם. דו וועסט קיינמאָל ניט דורך די טויערען, ביל. דו וועסט דאָס ניט.

ב י ל. זיי זיינען נאָר פון גאָלד, דזשים. גאָלד איז וויך ווי בליי. דער „אלטער ניסענקנאקער" וואָלט דאָס טאָן אפילו ווען זיי וואָלטען געוועזען פון שטאָל.

ד ז ש י ם. דו וועסט דאָס קיינמאָל ניט טאָן, ביל.

ב י ל (שפּאַרט אונטער א פעלז אונטער'ן טויער, שטעלט זיך אויף איהם ארויף און דערגרייכט העם שלאָס און נעמט זיך ארבייטען מיט זיין אינסטרו־מענט).

ד ז ש י ם. (געהט זיך אָן א מידער מיט זיין ארבייט. און פון בולס ארבייט נעמען פאלען שטיקער און גאָלדענע שרויפען אויפ'ן דיל).

ב י ל. „אלטער ניסענקנאקער" מאכט פון דעם גאָר קיין וועזען ניט. עס איז ווייך ווי קעז צו דעם „אלטען ניסענקנאקער".

ד ז ש י ם. זיי וועלען דיך דאָס ניט לאָזען טאָן, ביל.

ב י ל. זיי ווייסען ניט וואָס איך האָב. איך געה דורך דורך דעם

נאָטיצען:

1) צו דער אידישער וויסענשאַפטליכער ליטעראַטור אין אַמעריקא
ל. באָראָדולין.

2) צו דער אידישער פּובליציסטישער ליטעראַטור אין אַמעריקא
דר. יעקב גרינפעלד.

3) צו דער אידישער ערציהונג אין אַמעריקא
י. שטיינבוים.

אירגענד וועלכער שטונדע און זי פלעגט אלע מאָל וויסען אז דאָס בין איך. (קריק,קריק.) זי'ט וויסען אז דאָס בין איך איצט לעבען טיר, דזשים. (קריק, קריק.) עס וועט זיין בלענדענדיגע ליכטיגקייט און איך וועל קוים וויסען אויב דאָס איז זי, ביז איך וועל זיך צוגעוועהנען צו דעם ליכט... אָבער איך וועל זי דערקאָנען צווישען א מיליאָן מלאכים, עס זיינען ניט געוועזען אזוינע ווי זי אויף דער ערד, און עס וועלען ניט זיין אזוינע ווי זי אין דעם הימעל... דזשים! איך בין פארטיג, דזשים! נאָך איין דריי און דער „אלטער ניסענקנאקער" האָט דאָס פארטיג! עס גיט נאָך! עס גיט נאָך! דזשים! (עס ווערט א רעש פון פאלענדיגע שטיקער. די טויערען גיבען זיך א וויעג און עפענען זיך אויף אן אינטש און ווערען פארהאלטען ביי דעם פעלז.) דזשים! דזשים! איך האָב זיי געעפענט, דזשים. איך האָב געעפענט די טויערען פון דעם הימעל! קום, העלף מיר.

דזשים (קוקט ארויף פאר א מאָמענט מיט אן אָפענעם מויל, נאָכ־דעם שאָקעלט ער טרויעריג זיין קאָפּ און געהט אָן מיט זיין שלעפען דעם קאָריק). נאָך איינע ליידיג.

ביל (קוקט ארונטער. אין דעם אָפּגרונד שטעהען די צעבליהטע גרויסע שטערען. נאָכדעם נעמט ער אוועק דעם פעלז אויף וועלכען ער איז געשטאַנען. די טויערען באַוועגען זיך לאַנגזאַם. דזשים שפּרינגט אויף און לויפט צו העלפען, זיי נעמען ביידע א טויער און באַוועגען זיך צוריקוועגס מיט זייערע פנים'ער אנטקעגען די טויערן).

ביל. האַלאָ מאַמא! ביזט דאָ? האַלאָ! ביזט דאָ? דאָס איז ביל, מאַמא.

(די טויערען באַוועגען זיך שווער און עפענען זיך פּאַנאַנדער ענטפּלעקענ־דיג א פּוסטע נאַכט און שטערען.)

ביל (ציטערט אויף קוקענדיג אין דעם אנטפּלעקטען גאָרניט, אויבער וועלכען עס וואַנדערען ווייטע שטערען). שטערען צובליטע, גרויסע שטערען. עס איז ניטאָ קיין שום הימעל, דזשים. (א שלעכטער און ווילדער געלעכטער הערט זיך זינט דער ענטפּלעקונג. דער געלעכטער שטאַרקט זיך און וואַקסט העכער און העכער.

דזשים. אָט אזוינע זיינען זיי. דאָס איז פּונקט ווי זיי זיינען. יאָ זיי טוען דאָס אלין אזוי!

דער פאָרהאַנג פאַלט און דער געלעכטער האַלט נאָך אלין אין וואָיען.

אידיש פון ד. א.

סענשאַפטליכע פּאָרבערייטונג, און דעריבער מוז מען צו זיי רעדען מיט דער איינפאַכער, קלאָהרסטער און פארשטענדליכסטער שפּראַך.

און דאָס אלעס האָבען געדאַרפט האָבען אין זינען אי די „עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע" פון „ארבייטער רינג", וואָס האָט ארויסגעגעבען די גרעסטע צאָהל ביכער פון דער אָנגעגעבענער רשימה, און די שרייבער וואָס האָבען זיך אונטערגענומען צו שרייבען פּאָפּולערע וויסענשאַפט פאר'ן פאָלק.

אָבער הי שרייבער האָבען עס אין זינען ניט געהאַט, כאָטש אין זייערע הקדמות פאַרזיכערען זיי אז זיי האָבען עס יאָ געהאַט אין זינען. קענטיג, אז אין זינען האָבען זיי עס געהאַט נאָר דאַן, ווען זיי האָבען געשריבען די הקדמות, און ניט דאַן, ווען זיי האָבען געשריבען די ביכלאך אליין.

איך וועל נעמען אלס אן ערשטען ביישפּיעל די „אסטראָנאָמיע" פון דר. האָפמאַן. אין זיין פאָרוואָרט פארזיכערט אונז דער פּערפאַסער, אז ער האָט זיך געגעבען די מיה צו שאַפען א פּאָפּולערע לעזע־בוך איבער אסטראָנאָמיע, אָבער אין דער ווירקליכקייט האָט ער זיך ניט געגעבען די קלענסטע מיה צו מאַכען זיין בוך פּאָפּולער און פאַרשטענדליך. פיעלע שטעלען אין בוך זיינען אזעלכע, וואָס בשעת מען לעזט זיי בעטען זיך אליין אופ'ן צונג די ווערטער און אויסדרוקען, וואָס זאָלען די זאַך ערקלעהרען גענוג פאַרשטענדליך; אָבער דער פאַרפאַסער האָט זיך מיט דעם ניט באַנוצט. אסך שטעלען פון בוך טראָגען סמנים פון נאַכלעסיגקייט איניגע פּאַראַגראַפען זענען איבעריג צוליעב זייער אינהאַלט, אנדערע צוליעב דעם, וואָס זיי זאָגען גאָרניט. דער צווייטער פּאַראַגראַף אויף דער זייט 22 זוכט צו ערקלעהרען דעם באַגריף וועגען „אויבען" און „אונטען" אויף דעם ערד קוגעל. די אמת'ע ערקלעהרונג קומט אייגענטליך אויף די נעכסטע צוויי זייטלעך, און ווען איהר זאָלט אָט דעם צווייטען פּאַראַגראַף, וואָס פאַרנעמט 15 שורות, ארויסוואַרפען וועט איהר זעהן, אז די גאַנצע ערצעהלונג וועט פון דעם א האָר ניט שאַדען. דער גאַנצער פּאַראַגראַף איז אן איבעריגער. און דאָס איז ניט דער איינציגער פאַל אַזאַ.

דער פאַרפאַסער האָט אויך א נייגונג צו באַנוצען אזעלכע ווערטער, וואָס כאָטש זיי קלינגען אידישלעך, איז פונדעסטוועגען שווער צו וויסען וואָס זיי באַדייטען. צ.ב. וואָס מיינט דער אומפאַנג פון דעם ערד־קוגעל, און וואָס די דורכמאָס פון דעם ערד־קוגעל? איך בין א איד, איך רעד, איך לעז און שרייב אויף אידיש, אָבער וואָס באדייטען אָט הי ווערטער, ווייס איך ניט.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פינפטער קאַפּיטעל, וואָס פאַנגט זיך אן אויף זייט 26. אָט דער קאַפּיטעל זוכט צו ערקלעהרען ווי אזוי דער הימעל און די ערד ווערען צוטיילט אין גראַדען. איינער, וואָס האָט געהאַט וועלכע עס איז פּעדאַגאָגישע ערפארונגען, ווייס גאַנץ גוט, אז פאר א מאַן, וואָס האָט קיין אסטראָנאָמיע אדער געאָגראפיע ניט געלערענט, זענען די באַגריפען וועגען גראַדען אויף דער ערדה זעהר שווער און קאָמפּליצירטע. פאר אן אָנפאַנג איז שווערה צו פאַרשטעהן ווי אזוי די ערד ווערט צוטיילט מיט ליניען, וואָס עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט ניט, נאָר וועלכע מען דארף זיך פאָרשטעלען. דאָך, ווען מען זאָל אונטערקלייבען איינפאכע און פארשטענדליכע ווערטער און פראזען און באגלייטען עס מיט גוט צוגעפאַסטע צייכנונגען, וואָלט א גרויסע צאָהל לעזער דאָך געקענט פארשטעהן וועגען וואָס עס האנדעלט זיך דאָ.

אָבער דאָס צו טאָן האָט זיך דער פארפאסער די מיה ניט געגעבען.

וועגען די פּאַראַלעל קרייזען זאָגט דער פאַרפאַסער אזוי:

„די אַלע ליניעס זיינען גלייך אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע, און זיי זיינען גערופען פּאַראלעל־קרייזען, זיי זיינען אַלע פּאַראַלעל איינע צו די אַנדערע און צום עקוואטאָר".

הייסט עס, אז די קרייזען רופען זיך פּאַראַלעלע דערפאר ווייל זיי זיינען פּאַראַלעל איינער צום צווייטען. אָבער וואָס איז „פּאראלעל"? אן אָנגעלעזענער אידישער לעזער ווייס נאָך פיעליכט, אַז מען קען דורכפיהרען אַ פּאַראַלעל צווישען צוויי כאַראַקטערען, צווישען צוויי

די אידישע נאַטור-וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור אין אַמעריקאַ.

די נאַטור וויסענשאַפטליכע ליטע־
ראַטור ביי די אידען איז זעהר אַן אָרימע
אַן און פאַר זיך, און אפילו אין פאַר־
גלייך מיט די איבעריגע צווייגען פון
דער אידישער ליטעראַטור. פאַר די לעצטע
10 יאָהר זענען אין ניו יאָרק ערשינען
פאָלגענדע ביכער:

1) „געאָגראַפיע אדער באשריי־
בונג פון דער ערד.“ פון אלכסנדר
הארקאווי. מיט צייכנונגען און ביל־
דער. 2 בענדער. 358 — 414 זיי־
טען. ארויסגעגעבען פון היברו פאַב־
לישינג קאָ. אין 1911.

2) „הימעל און ערד. אסטראָנאָ־
מיע פאר'ן פאָלק“. פון פיליפ קראַנץ.
מיט אילוסטראַציאָנען. 541 זייטען,
ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס“ אין
1918.

3) „ארץ ישראל און פארגאנגענ־
הייט און געגענוואַרט“ פון ד. בן־
גוריון און י. בן־צבי. (הויפטזעכליך
פון געאָגראַפישען כאַראַקטער) מיט
לאַנדקאַרטעס און בילדער. 474 זיי־
טען.. ארויסגעגעבען פון פועלי־ציון
פאַלעסטינא קאָמיטע אין 1918.

4) „נאַטור און מענש.“ א קליין
ביכעלע, וואָס ענטהאַלט פאָלגענדע
דריי זאַכען: 1) „לקוי חמה“. (אוטאָר
ניט אָנגעגעבען). 2) דארווין און
זיין טעאָריע“ פון דר. י. בלומשטיין.
3) „מאַן־און־וויב לעבען ביי די חיות
פון פראָפ. ג. רוה. ארויסגעגעבען פון
פערלאַג „פאָלקס בילדונג“ 1915.

די עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון אר־
בייטער רינג האָט ארויסגעגעבען פאָלגענ־
דע ביכער און ביכלאך.

5) „די וועלט און די מענש־
הייט“. 12 פאָרלעזונגען איבער דער
אַנטוויקלונג פון נאַטור און קולטור.
מיט אילוסטראַציאָנען און בילדער.
ארויסגעגעבען אונטער דער רעדאקציע
פון מ. טערמאַן אין 1913.

6) „גאַנץ אמעריקא“ פון פיליפ
קראַנץ. ארויסגעגעבען אין 1916.

7) „באַטאַניק אדער דאָס לעבען
פון פלאַנצען“ פון א. ש. זאַקס מיט
בילדער. 96 זייטען, 1917.

8) „היגיענע. די לעהרע ווי צו
פארהיטען דאָס געזונד“. פון דר. י.
א. מעריסאָן מיט בילדער, 100 זיי־
טען. 1917.

9) „פיזיק“, פון דר. אב. קאַס־
פע מיט בילדער, 108 זייטען, 1917.

10) „אַסטראָנאָמיע“, פון דר.
ב. האָפמאַן. (צביון). מיט בילדער,
272 זייטען, 1918.

11) „געאָלאָגיע“, פון דר. אג.
קאַספע. צוויי טיילען מיט בילדער.
100—96 זייטען, 1918.

12) „פיזיאָלאָגיע“. פון דר. י.
א. מעריסאָן. צווי טיילען, מיט ביל־
דער. 4„—96 זייטען, 1918. (די
ביכלאך פון 7 ביז 12 זענען פון קליי־
נעם פאָרמאַט).

פון די אלע ביכער האָב איך געהאַט
די געלעגנהייט איבערצוקוקען נאָר דריי
פון זיי, און, דעם אמת געזאָגט, זענען
זיי מיר זעהר ניט געפעלען. און אָט פאַר
וואָס:

אין באַצוג צו דער וויסענשאַפטליכער
ליטעראַטור אונטערשיידט זיך דער אי־
דישער לעזער זעהר שטאַרק פון די לעזער
ביי אַנדערע פעלקער. אלע פעלקער האָ־
בען אי נידעריגערע אי העכערע שולען,
וואו א טייל פון דער באַפעלקערונג אמ־
ווייניגסטען קען באַקומען א גרעסערע
אָדער קלענערע וויסענשאַפטליכע פארבע־
רייטונג. און וואָס פאַר א בוך מען זאָל
ניט ארויסגעבען, קען עס געפינען זיין
קרייז לעזער. די אידען האָבען פאַקטיש
נאָר איין סאָרט לעזער פון וויסענשאַפט־
ליכער ליטעראַטור, און דער סאָרט איז
אַזאַ, וואָס האָט ניט די קלענסטע ווי־

ליטעראטור אין אידיש, וואו מען זאָל זיך קענען פאָרבארייטען צו פארשטעהן אַזעלכע ביכלאך, און אַזוי ווי עס זיינען נאָך ניטאָ אַזעלכע שולען, וואו מען לערנט פיזיאלאָגיע אין אידיש, בפרט אין אַזאַ ברייטען פּראָגראם, דעריבער איז די גאַנצע אַרבייט, וואָס ליגט אין אָט דער „פיזיאָלאָגיע“ אן אַרויסגעוואָרפענע. און די שולד איז דאָ ניט נאָר דעם פּאַרפאַסערס, נאָר אויך פון דער „עדיוקיישנאל קאָמיטע“ פון „אַרבייטער רינג“, וואָס האָט אַזעלכע ביכלאך אַרויסגעגעבען.

ניט פיעל בעסער איז די „באָטאַניק“ פון א. ש. זאקס. די שפּראך איז אַ געקינצעלטע און אַזאַ, מיט וועלכער מען רעדט צו קליינע קינדער. באנוצענדיג אַ נייעם טערמין, זעצט דער פארפאסער צו די פראזע: „ווי די געבילדעטע רופען עס“, אָדער „ווי מען רופט עס אויף חכמה לשון“ א. אַז. וו. און אַז מען האָט צו טאָן מיט אַזעלכע קליינע קינדער, האָט מען ניט געדארפט באנוצען אַזעלכע שווערע ווערטער, ווי דער פארפאסער באנוצט. איך רעה שוין ניט וועגען אַזעלכע ווערטער, ווי צעל, פּראָטאפּלאזמא, נוקלעאוס, וואָס זיינען ניט אינגאַנצען איבעריג. דאָרטען זיינען אבער פאַראַן אַ מאַסע ווערטער, ווי וואַקואלען, שיטצאנענע, פּראָזענכיטען, עפּידערמיס, קוטיקולא, מעריסטעם און פיעלע פיעלע אַנדערע. און פון יעדען פון זיי שטאַמען נאָך אַרוים אַנדערע שווערע ווערטער. פון קאטולעדאנען צום ב. ש. שטאַמען מאַנאקאטולעדאנען און דיקאטולעדאנען: פון צעל שטאַמען: צעלקערן, צעלולאָז, שליסצעלען, אונטערצעלואר א. אַז. וו. און דאָס אַלעס איז צוזאַמענגעוואָרפען אין אַ קליין ביכעלע פון 96 קליינע זייטלאך, און אַ טייל פון ביכעל איז נאָך פארנומען מיט בילדער.

איין מעלה האָט דער פארפאסער, וואָס ער שטרענגט זיך אָן צו ערקלעהרען די זאַכען וועגען וועלכע ער רעדט, און האָט אפילו די נויטיגע פעהיגקייטען. ער באזיצט אָבער ניט די נויטיגע פעדאגאָגישע ערפאהרונגען אַריינצודרינגען אין מוח פון אַן אָנפאנגס־לעזער און וויסען וואָס יענער קען יא, און וואָס יענער קען ניט פארשטעהן.

ל. בארארולין.

אידישע פובליציסטישע ביכער אין אַמעריקא.

פון די ערשטע אָריגינעל אידישע ביכער, אויפ'ן סאָציאלען געביט, וואָס זיינען ערשינען אין אַמעריקא אין דער לעצטער צייט, זיינען צו דערמאָהנען: „די גרונד־פּרינציפּען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“ די געשיכטע פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און „דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם“ פון ש. זאקס. אָריגינעל זיינען די ביכער, נאַטירליך, נאָר אין אידיש: אין אַנדערע שפּראכען איז שוין פאַראַן א גאַנץ רייכע ליטעראטור איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע און אויך איבער'ן וויסענשאַפטליכען סאָציאליזם. עס שיינט אויך, אַז דער פארפאסער האָט דאָ ניט געזוכט ארויסצוברייגען אָריגינעלע געדאַנקען אויף אָט דעם געביט און האָט זיך באנוגענט מיט דעם פּראָקלאמירען אין אידיש די וויסענשאַפטליכע אמת'ן, וואָס זיינען אַלגעמיין אָנגענומען. עס שיינט, אַז די ביכער זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען מיט'ן צוועק אַריינצופיהרען דעם אידישען עולם אין דער וויסענשאַפט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע ווי אויך צו ווייזען דעם עולם, אז סאָציאליזם איז ניט נאָר אַן ארבייטער־באוועגונג, נאָר אויך א סאָציאַלאָגיש־וויסענשאַפטליך סיסטעם פונ'ם געזעלשאפטליכען בנין. דער צוועק איז אויפ'ן בעסטען אופן דערגריכט געוואָרען: דאָס זיינען צוויי ביכער, וואָס זיינען אין זייער מעטאָדע פון באַטראכטען און דערקלערען זאכען גאַנץ אַנדערש ווי די ביז איצטיגע ביכער; אַנשטאָט דעם היציגען אגיטאטאָר־טאָן, וואָס פלעגט געברויכט ווערען אין אַזאַ סאָרט שריפטען און פלעגט זיי דערפאר אראָפּדריגען צו פּארטיי־בולעטינען, טרעפט איהר ביי זאקס'ן די רוהיגע וויסענשאַפטליכע באטראכטונג פון זאכען; איהר זעהט, אַז דער פארפאסער איז אַ סאָציאליסט, אַז ער איז אין זיינע פאָרשונ־

געדאנקען, ד. ה. באנוצען דאָס וואָרט „פּאַראַלעל" און דעם זין פון „פּאַרגלייך" אָבער פון וואנען זאָל ער וויסען, וואָס איז אַ „פּאַראלעל" אין דעם אָסטראָנאָמי־שען זין, ווען ער האָט קיין געאָמעט־ריע ניט געלערענט? און אַז די לעזער פון ביכעל, וועגען וועלכער עס רעדט זיך דאָ, האָבען קיין געאָמעטריע ניט געלע־רענט, גיט דאָך דער פּראָפעסער אַליין צו אין זיין פאָרוואָרט.

אָנגענומען, אַז דער לעזער איז אַזוי געניאַל, אַז ער שטויסט זיך שוין אָן, אַז פּאַראַלעל קרייזען זיינען אַזעלכע, וואָס „זיינען גלייך אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע". לעזען מיר אָבער מיט עטליכע שורות ווייטער פאָלגענדעס:

„אויך די מעריהיאַן־ליניעס ווע־רען אָפּגעטיילט אויף אַ גלייכע ווייטקייט איינע פון די אַנדערע".

קומט דאָך אויס, אַז די מערידיאַ־נען זיינען אויך פּאראלעל צווישען זיך. אין דער ווירקליכקייט אָבער וועט ביי דעם לעזער גאָר ניט אויסקומען. אָט די אַלע ווערטער און אויסדרוקען וועגען די ליניעס, פּאַראַלעלען און מערידיאַנען, אין דער אָרדנונג און אין דער פאָרמע, ווי זיי קומען אין ביכעל, וועלען ביי דעם לעזער אַרויסרופען אַזאַ צומישונג אין קאָפּ, אַז ער וועט זיך גאָר ניט קענען פאָר־שטעלען, און וועט ניט אָנהויבען פאר־שטעהן, וועגען וואָס עס רעדט זיך דאָ.

נאָכדעם, ווי דער פּראָפעסער האָט אויף אַזאַ אופן געגעבען צו פארשטעהן, וואָס עס שטעלען מיט זיך פאָר די פּאַ־ראלאלען און מערידיאנען אויף דער ערד, האָט ער זיך אונטערגענומען צו ערקלעה־רען די מערידיאנען און פּאַראַלעלען אין דעם וועלט־רוים. פאר אַן אָנפאנגער לע־זער איז עס נאָך ערגער ווי תרגום, ווייל תרגום קען מען לכתחילה ניט לעזען, און דאָס לעזט זיך, אָבער פארשטעהן קען מען ניט.

אין בוך זיינען פאראַן אַ סך פעה־לערען. אייניגע פון זיי וואָלט מען נאָך געקענט ערקלעהרען אַלס דרוק־פעהלערען, אָבער אייניגע פון זיי קען מען שוין מיט קיין דרוק פעהלערען ניט פארענטפערען. דאָס זיינען שוין פּשוט שרייב פעהלערען.

און אין אַלגעמיין שטעל איך זיך די זאַך פאָר אַזוי: דער אַרבייטער רינג האָט באשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ ביכעל איבער אסטראנאָמיע, איז מען געקומען צו דר. האָפּמאַן און געזאָגט: שרייב פאר אונז אנ'אסטראנאָמיע. האָט זיך דר. האָפּמאַן אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבען אַן אסטראנאָמיע מיט דעם אייגענעם אָטהעם מיט וועלכען ער שרייבט אַ טעגליכען אַר־טיקעל. דער אונטערשיעד איז נאָר, וואָס זיינעם אַן ארטיקעל קען מען לעזען און פארשטעהן, און די „אסטראָנאָמיע" קען מען ניט פארשטעהן, און דעריבער ניט לעזען.

אַ צווייטע ביכעל איז די „פיזיאָ־לאָגיע" פון דר. מ. מעריסאָן. אין זיין פאָרוואָרט פארזיכערט דער פּראָפעסער, אַז דאָס איז א לעהר־בוך צום זעלבסט לערנען, און אין דער אמת'ן איז עס ניט נאָר ניט צום זעלבסט לערנען, נאָר אפילו ניט צו לערנען ביי א לעהרער. און צו אָט דעם ביכעל, דאַרף מען אויך האָבען כאָטש א קליינע וויסענשאַפטליכע פאָרבאריי־טונג. אזא זאַך ווי:

„אַלע פארשידענע שטאָפען און זאכען, וואָס געפינען זיך אין דער נאַ־טור, קען מען דורך אַ כעמישען אַנאַ־ליז צוריקפיהרען אויף איבער 80 עלעמענטען אָדער יסודות".

וועט אַן אָנפאנגער ניט אָנהויבען פאר־שטעהן. אָבער אַ לעהרער וואָלט עס גע־קענט ערקלעהרען און מען וואָלט גע־קענט געהן ווייטער. אָבער אַזאַ זאַך ווי:

„די כעמישע באשטאַנדטיילען פון פּראָטאפּלאזמא זיינען: א) וואסער, אמווייניגסטען דריי פערטעל פון גאַנ־צען געוויכט; ב) פּראָטעאינען; ג) אַ געוויסער סאָרט פעטס; און ד) אונ־אָרגאנישע זאלצען, דערהויפּט פאס־פאטען און כלארידען פון קאַלך, סאדא און קאַלי."

אַזאַ זאַך וועט שוין אפילו אַ לעהרער ניט קענען ערקלעהרען, ווען ער האָט צו טאָן מיט אַן אָנפאנגער, וואָס איז ניט צוגע־וואוינט צו אַזעלכע טערקישע ווערטער, ווי פּראָטעאינען, פאספאטען און כלארי־דען. צו פארשטעהן די ערקלעהרונגען — ניט פון ביכעל, נאָר פון לעהרער — מוז מען באזיצען כאָטש וועלכע עס איז ווי־סענשאַפטליכע פאָרבארייטונג.

און אַזוי ווי עס איז נאָך ניטאָ אַזאַ

מען, און מעג דאָס זיין דער גרעסטער אידישער פילאָלאָג, וועט מוזען ביי דער אויסארבייטונג פון אן אָרטאָגראַפיע זיך רעכענען מיט דעם ווי עס ווערט איצט גע־שריבען און געלייענט. דאָס האָט יצחק אייזיק ניט געטאָן. ער האָט אקצעפּ־טירט די אַזוי גערופענע פאנעטישע מע־טאָדע, וואָס איז ביי אידען, ווי ווייט מיר איז באקאנט, באנוצט געוואָרען כמעט נאָר אין „פנקס". אינ'ם אַקצעפּטירען די פאנעטישע מעטאָדע ליגט פשוט אַ גרויסע גרינגשעצונג צום גאַנצען אידיש. א איד וואָס קען ר' יצחק אלחנן אַ היבש ביסעל וויניגער ווי לאמאנסאוו'ן, וואָס איז מיט'ן טאראס־בולבא־טיפּ א סך מעהר באַ־קאנט ווי מיט טוביה העם מילכיגען, זאָל זיך נעמען רעפאָרמירען די אידישע שפראך! וואָלט דאָס יצחק אייזיק גע־וואגט צו טאָן אין רוסיש, באַטש ער קאָן מסתמא רוסיש אַ ביסעל בעסער ווי אי־דיש?

פון אזא פאראַנטוואָרטליכען מענ־שען ווי יצחק אייזיק, האָט מען גע־האָט אַ רעכט עפּעס אַנדערש צו דערוואר־טען

מעהר פאראנטוואָרטליך, מיט מעהר אריינטראַכטונג, דערצו אויך מיט א היבש ביסעל מעהר געשיקליכ־קייט זיינען די דריי בענד שריפ־טען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. איך האָב שוין ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט גערעדט וועגען דר. זשיטלאָווסקי'ס שריפ־טען און וועל דערפאר דאָ נאָר אין קור־צען רעזומירען, וואָס איך האָב דאמאָלס געזאָגט: אין זיינע ערשטע צוויי בענד, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אידישע פראגען, געפינט איהר איצט ניט קיין ניי־עס: ווער ווייסט דאָס איצט ניט, אַז דער סאציאליזם קען זיין פאראיינבאר מיט'ן נאַציאָנאַליזם? ווער ווייסט דאָס איצט ניט, אַז אינטערנאַציאָנאַליזם מיינט ניט קאָסמאָפּאָליטיזם נאָר פארקעהרט דאָס הארמאָנישע צוזאמענווירקען פון אַלע נאַ־ציאָנען, וואָס זיינען פארשידען איינע פון דער אַנדערער? אָבער פונדעסטוועגען לייענען זיך אָט די אַלע ארטיקלען, ווע־מעס אינהאַלט עס איז פאר אונז אַזוי באקאנט טאַקי דורך זשיטלאָווסקי'ס לאנג־יאָריגער טעטיגקייט, נאָך איצט אויך גאַנץ גוט. איך וועל דאָ אויך ניט פאר־שווייגען, אויף וואָס איך האָב דאמאָלט אָנגעוויזען, אַז זשיטלאָווסקי'ס נאַציאָ־נאליזם איז אַביסעל אַ הינקעדיגער, אַ נאציאָנאַליזם בתנאי. זיין תנאי איז: סאָציאליזם. נאַציאָנאַליזם איז נאָר כשר ווען עס לאָזט זיך פאראייניגען מיט'ן סאָציאליזם; זאָל זיך אָבער חס ולא יעלה אַרויסווייזען, אַז סאָציאליזם קען ניט געהען האַנט אין האַנט מיט נאַציאָנאַליזם און עס שטעלט זיך די פראגע: ווער איז דוחה וועמען? דאמאָלס איז פאר זשיט־לאָווסקי'ן קלאָהר, אַזוי וויניגסטענס ווייזט ער זיך אין זיינע שריפטען, אַז דער סאָציאליזם איז דוחה. דר. זשיט־לאָווסקי איז ניט אַ איד, וואָס פּרעדיגט סאָציאליזם, נאָר פארקערט א סאָציאליסט, וואָס פּרעדיגט אידענטום. דערפאר זיינען אויך פארשטענדליך זיינע אָפטע ארויס־טרעטונגען, וועלכע מען וואָלט בשום אופן ניט געקענט ערוואַרטען פון א א י ד י ־ ש ע ן ס אָ צ י א ל י ס ט, און זיי ערקלע־רען זיך נאָר, דערמיט, וואָס זיי זיינען געמאַכט פון אַ סאָציאליסטישען איד. דער דריטער באַנד פון דר. זשיטלאָווסקי'ס שריפטען באשעפטיגט זיך מיט'ן קריטי־ציזם פונ'ם מארקסיזם. באזונדערס וויכ־טיג איז אין דעם באַנד דער קריטישער אַנאַליז איבער לאָגיק און דיאלעקטיק, וואו זשיטלאָווסקי פארטייהיגט די לאָ־גיק קעגען דער דיאלעקטיק.

א קליינער ביטראג צו דער טיפע־רער פאַרשטענדעניש פונ'ם סאָציאליזם און זיין באַוועגונג זיינען די ניט לאַנג ערשינענע ביכער „דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד" און דאָס ביכעל צום הונדערט יעהריגען יובילעאום פון קאַרל מאַרקס. דאָס ערשטע ביכעל ענטהאַלט א גאַנצע רייהע ארטיקלען און בילדער, וואָס גע־בען א געשיכטליכען איבערבליק איבער די ענטוויקלונג און אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע; דאָס צווייטע בוך — מאַרקס טעאריען, זיין טעטיגקייט און זיין לעבענס־ציעל. אלץ איז גע־שריבען אין א פּאָפּולערער פאָרם. דער איינציגער חסרון איז וואָס עס פיהלט זיך דאָרט אביסעלע צופיל איינזייטיג־קייט, באַטש עס האָבען זיך באַטייליגט אין דעם א גאַנצע רייהע שרייבער.

פון א מעהר נאַציאָנאַלען כאַראַק־

גען מעהר נוטה פאר — סאָציאַליזם ווי געגען סאָציאַליזם, אָבער דאָס אַלעס געשעהט ביי איהם אין אַ רוהיגער, איבערלעגטער, וויסענשאַפטליכער פאָרם. זאקס׳ ביכער זיינען דער ערשטער איבערגאַנג פון „נעמען־שטעלונג־צו־זאכען“ צו דעם וויסענשאַפטליכען וועג פון דערקלעהרען די זאכען גופא.

אַ צווייטע וויכטיגע ערשיינונג אויף אָט דעם געביט זיינען די פיער בענדע שריפטען פון יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי איש הורוויץ. פון זיי איז דער ערשטער באַנד געווידמעט דער עמיגראַציאָנס־פראגע, דער צווייטער — אידישע פראגען, און די איבריגע צוויי בענד — שטרייט־פראגען וועגען סאָציאַליזם.

איך בין אין עמיגראַציאָנס־ און אימיגראַציאָנס־פראַגען ניט קאָמפּעטענט, און וועל מיך דערפאר מיט מיין מיינונג איבער אָט דעם בוך אינגאַנצען צוריקהאַלטען.

דער באַנד וועגען אידישע פראגען איז — און דאָ וויל איך שוין מעהר ניט זיין אַזוי באַשיידען — אַ זאמלונג פון צופעליגע ארטיקלען איבער טאָג־טעגליכע פּאַסירונגען אינ׳ם אידישען לעבען. אויב דאָס הייסט א בוך איבער אידישע פראגען, קאָן מען מיט רעכט אָנרופען יעדען יאהרגאנג פון אַ אידישער צייטונג מיט׳ן אייגענעם נאָמען. דאָס מיינט ניט צו זאָגען, אז אינ׳ם בוך זיינען ניט פאַרהאַן קיין אינטערעסאנטע אַרטיקלען. אָט איז למשל דער ארטיקעל איבער ווערנער זאמבארט׳ס באַריהמטען בוך „די אידען און דאָס ווירטשאַפטס־לעבען“ איינער פון די בעסטע אַרטיקלען אין דער אידישער פּובליציסטיק, אָבער דאָך באַרעכטיגט דאָס ניט פון אַזאַ זאמלונג צו מאַכען אַ בוך און נאָך אויף דעם אַרויפצוזעצען דעם נאָמען „אידישע פראגען“.

דער דריטער און פיערטער באַנד זיינען, ווי געזאָגט, געווידמעט שטרייט־פראגען וועגען סאָציאַליזם. אורטיילענדיג נאָכ׳ן אינהאַלטס־פארצייכניש, ערווארט איהר צו באקומען אַ גאנצע רייה פאָרלעזונגען איבער׳ן סאָציאַליזם; פאָרלעזונגען, וואָס געהען זיך אַזוי בהדרגה, פון אַ נידעריגערע שטופע צו אַ העכערער. אָבער אויך דאָ ווערט איהר גאַנץ שנעל ענטוישט: אויב עס ווערט למשל אוועקגעשטעלט די פראגע: „וואָס הייסט סאָציאַליזם?“ באקומט איהר ניט פון יצחק אייזיק׳ן קיין קלאָהרען ענטפער, וואָס ער דענקט וועגען דעם; יצחק אייזיק באַשעפטיגט זיך מיט דער קריטיק פון דער דעפיניציע „וואָס הייסט סאָציאַליזם?“ ד. ה. ער פּרואווט זיך באווייזען, אַז אַלע דעפיניציעס ביז איצט טויגען ניט. יצחק אייזיק אַרגומענטירט וועגען סאָציאַליסטישע פראגען, דעבאַטירט וועגען זיי, פּשט׳לט זיך וועגען זיי, אָבער צו קיין טאָלק קענט איהר מיט איהם ניט קומען. דערצו זיינען די אלע דריידלאך און פּשט׳לאך גאָר ניט קיין נייע. עדוארד בערנשטיין האָט אין דייטשלאנד אָט די חכמות שוין לאַנג געזאָגט אויף אַ פיעל, פיעל שעהנערען אופן. יצחק אייזיק האָט דאָס נאָר אָנגעווענדט אויף אַמעריקאנער ביישפּילען. עס קען זיין, אַז יצחק אייזיק האָט אפשר זיינע רעוויזיאָניסטישע ארטיקלען געשריבען נאָך פריהער פאר בערנשטיינען, אָבער, ווידער די שאלה: ווער דארף דאָס איצט אין אַ בוך, און נאָך אין צוויי ביכער?

און מיט וואָס פאַר אַרגומענטען יצחק אייזיק באַדינט זיך!

ווען יצחק אייזיק, למשל, וויל באווייזען די אוממעגליכקייט פון דער דעמאָקראַטיע ביי אַ פּראָלעטארישער דיקטאַטור, האָט ער קיין אַנדער ביישפּיעל ניט דערפאר ווי דאָס, אז אפילו אין אַ מנין איז אויך דאָ נאָר איין חזן. ווען יצחק אייזיק זאָל געווען אַ טראכט טאָן איין מינוט וועגען דעם, אַז דער חזן איז דער שליח צבור און ניט דער צבור איז דער שליח פון חזן, וואָלט ער זיך פון אַזאַ ביישפּיל באלד באדארפט אָפּזאָגען. אָבער איהם איז הפנים שטאַרק געפעלען דאָס „וויציגע“ אינ׳ם ביישפּיל.

צולעצט נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגען דער אָרטאָגראַפיע. עס איז אמת, אז ביי אונז איז נאָך ניט פאַראַן קיין פאָלקאָם־איינהייטליכע אָרטאָגראפיע, אָבער דאָך מעהר אָדער ווייניגער האָט שוין א גרויסער טייל, אדער אפשר טאַקי דער גרעסטער טייל, פון דעם וואָס עס ווערט ביז איצט געשריבען שטילשוויגענד אָנגענומענע טראדיציעס; עס וועט דאָך שוין קיינעם ניט איינפאלען מאַכען אן „אלף“ פאר א צירה. ווער עס זאָל איצט ניט קו־

ערשטער און צווייטער טייל פון י. לע־
ווין.

„פון אידישען קוואל“ איז באַ־
שטימט אלס לעהר־בוך פאר דאָס צוויי־
טע און דריטע יאָהר פון הי נאצ. ראדי־
קאַלע שולען. די פארפאסער ערקלעה־
רען אין דער פאָררעדע, אז דאָס בוך
האָט ניט נאָר דעם צוועק צו לערנען
די קינדער אידיש, נאָר זיי אויך צו ער־
ציהען אידיש. לוידער איז דער צוועק
בנוגע צום לערנען אידיש דאָרט ניט
דערגרייכט. די שפּראַך, אויסער אין די
קאַפּיטלעך וואָס זיינען גענומען פון באַ־
ריהמטע אידישע שרייבער, איז זעהר
א שלעכטע און ניט קיין איינהייטליכע.
אָט נוצט מען דאָרט אויף דער ערשטער
זייט „ א טרייער הירט“ אלס קעפּעל
פון א קאַפּיטעל און אָט געפינט איהר
שוין אויף דער פערטער זייט „א גע־
טרייער ברודער“ ; איהר טרעפט דאָרט
אזא אויסדרוק, „מיין וואָרצעל איז טיף
אין דער ערד אריין“ און דאָס דארף
מיינען, אז דער דעמב באַריהמט זיך, אז
ער איז טיף איינגעוואָרצעלט אין דער
ערד ; אין דעמזעלביגען קאַפּיטעל גע־
פינט איהר דעם אויסדרוק : „דער עפּעל־
בוים האָט דערהערט ווי דער דעמב באַ־
ריהמט זיך, און האָט געזאָגט“ נאַטיר־
ליך מיינט דאָס, אז דער עפּעלבוים האָט
געזאָגט און צוליב דעם ווערט אוועק־
געשטעלט הער קאמא צווישען די ווער־
טער „זיך“ און „און“ אָבער ווי אומבאַ־
האָלפען דאָס איז ! און דערפון זאָלען די
קינדער לערנען ווי צו שרייבען ! אויך
די צוזאַמענשטעלונג איז אן אומגעלומ־
פּערטע. אויף די ערשטע פּאָר זייטלעך
געפינט איהר דאָרט א ליד פון נאָמבערג
„בוי איך מיר א שיפעלע“. עס איז באמת
א גאַנץ שעהן לידעל, אָבער פּאַר קינדער
איז פאר אלעמען נויטיג צו לערנען אין
א ליד דעם ריטם. האָס ליד אָבער הינקט
אביסעל אונטער אויפ'ן ריטם : ווייטער
האָט איהר דאָרט שוין אלס ניינטע לעק־
ציע דאָס ליד פון דוד פרישמאַן „דער
וועבער“, זעהר א שווערפעליג און גאָר
ניט פּאַר קינדער צוגעפּאַסט ליד. דער סך־
הכל איז, אז דאָס בוך איז פאר קליינע
צו גרויס און פאר גרויסע צו קליין.

פיעל בעסער איז „די נייע אידישע
שול“ פון י. לעווין. דער ערשטער טייל
איז באמת אויסגעצייכענט, כאָטש ער האָט
א פּאָר האַרטע פאר קינדער אוממעגליכע
אויסדרוקען. אין דעם צווייטען טייל
קומען אָט די שווערע אויסדרוקען פיל
אָפטער פּאָר און דאָס איז א גרויסער
חסרון פאר'ן בוך. אויף יעדען פּאַל איז
אויך דער צווייטער טייל דאָס בעסטע,
וואָס ס'איז פאראן אויף דעם געביט אין
אידיש.

א זעהר אינטערעסאנט בוך אויפ'ן
געביט פון מעמואַרען־ליטעראַטור איז ער־
שינען פון ישראל איסר קאצאוויטש
אונטער'ן נאָמען „זעכציג יאָהר לעבען“.
דאָס בוך ענטהאַלט א גאַנצען אוצר פון
היסטאָרישע פּאַסירונגען. די איבערלעבונ־
גען זיינען געשילדערט מיט אַן אויסער־
געוועהנליכער ריינקייט און ליכטיגקייט.
די שפּראך איז איינפאך און קלאָהר, און
גאַנצע שטיקער פון אַן אמת דורכגעלעב־
טען לעבען שטעהען פאר אייך אויף און
אָטעמען מיט זייער היימישער נאָהענט־
קייט, מיט זייער צוטרויען, מיט זייערע
גרויסע און שעהנע האָפנונגען וואָס ווע־
רען אונאויפהערלער צובראָכען און ווידער
געבויט. עס איז אַ זעהר וויכטיג בוך. דאָס
בוך איז פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט
דערפאר נאָך, וואָס דאָס געביט פון מע־
מוארען ליטעראטור איז ביי אונז נאָך
אַזוי אָרים.

דאָס זיינען די אָריגינעלע ביכער,
וואָס פארדיענען דערמאָהנט צו ווערען
אויפ'ן פעלד פון דער אידישער פּובלי־
ציסטיק. מיר געהען איצט איבער צו אי־
בערזעצונגען.

אויב אידישע פארלעגער האָבען זיך
ביז איצט פארהאלטען גאַנץ נאכלעסיג צו
פּובליציסטיק און צו וויסענשאַפט בכלל,
האָבען זיי זיך אָבער אין דער לעצטער
צייט אָנגעהויבען צו באציהען מיט מעהר
ערנסט צו אָט דעם סאָרט ליטעראטור.
דעם גרעסטען פארדינסט קומט דער „קרא־
פּאטקין ליטעראטור געזעלשאפט“. זי
האָט שוין ביז איצט אַרויסגעגעבען אַזעל־
כע ווערק ווי קארל מארקס' „קאַפּיטאל“,
פּרודאָנ'ס „וואָס איז אייגענטום ?“,
מאַקס שטירנער'ס „דער איינציגער און
זיין אייגענטום“, לאסאל'ס ווערק, קרא־
פּאטקינ'ס שריפטען און אויך אַ גאַנצע
רייה ערנסטע זאכען וואָס ווערען פּאָר־
געברייט צום ארויסגעבען.

טער זיינען א גאַנצע רייה ניי ערשינענע ביכער.

עס איז כדאי צו דערמאָהנען „אין מלחמה־צייט" אין צוויי בענד פון דר. שמריה לעווין, דוקא ניט אזוי צוליב זייער ליטעראַרישען ווערט ווי צוליב זייער ספּעציעלען נאַציאָנאַלען גייסט. אין געגענזאַץ צו דר. זשיטלאָווסקי איז דר. שמריהו לעווין אַ איד אינ'ם פולען זין פונ'ם וואָרט. זיין נאַציאָנאַליזם איז ניט קיין פילאָסאָפיש אויסגעקלערטער, ניט קיין סאָציאל באַרעכענטער, ער איז ווייל ער איז, שמריהו לעווין איז אַ איד, ווייל ער איז א איד, מעג אפילו די וויסענשאפט זיין קעגען אידענטום. שמריהו לעווין זוכט ניט צו באגרינדען זיין נאַציאָנאַליזם, ער זוכט איהם נאָר צו ערקלעהרען און דאָס גיט זיך איהם איין.

דאָס בוך „ארץ ישראל" איז אַ זעהר וויכטיגע ערשיינונג אין דער אידישער ליטעראטור און עס קומט די פּועלי ציון גרויס קרעדיט דערפאַר, וואָס זיי האָבען עס מעגליך געמאַכט פאר די פּארפאסערס אַרויסצוגעבען אַזאַ בוך אין אידיש. עס איז שוין באמת צייט געווען, נאָכדעם ווי מען רעדט אַזוי פיעל וועגען ארץ ישראל צו האָבען אין אידיש אַ בוך, וואָס זאָל קענען באנוצט ווערען אַלס אן אינפאָרמאַציאָנס־קוואַל פאר דער געאָגראַפישער, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע פון ארץ ישראל. דאָס האָבען די פאַרפאסער דורכגעפיהרט: עס איז דאָס איינציגע, און אין דער אייגענער צייט זעהר וויכטיג אידיש בוך אויף אָט דעם געביט. אויב דאָס בוך רעדט ניט וועגען נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע פראגען איז דאָס אָבער געשאַפען געוואָרען אויס נאַציאָנאַלע מאָטיווען; עס איז באשאפען געוואָרען מיט'ן צוועק צו געבען אידען אַ געלעגענהייט זיך צו באקענען מיט ארץ ישראל.

וועגען „די ענטשטעהונג פון קריסטענטום" פון דר. א. גינזבורג האָב איך שוין גערעדט ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט און וועל דאָ נאָר אין קורצען זאָגען, אַז דר. א. גינזבורג'ס בוך איז וויכטיג אין אידיש, ווייל אַזעלכע פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפונגען אין דער קריסטענטום - ענטשטעהונגס - פּעריאָדע זיינען נאָך ביז דעם בוך אין אידיש ניט געווען; דאָס בוך דרעהט זיך ניט אַרום פונ'ם פאר'כשוף'טען קרייז פון דער נאַציאָנאַלער פראגע, מען קען דאָס זעהען דורך די גאַנצע רייה אויסאיינאַנדערזעצונגען וואָס דר. א. גינזבורג פיהרט דאָרט דורך צווישען אידענטום און קריסטענטום. דעם באַנד „אידישע פּאָעטען און דענקער אין מיטעלאלטער" האָב איך ליי־דער ביז איצט נאָך ניט געלייענט און באַגוגען זיך דערפאר בלויז דערמיט, וואָס איך דערמאָן דעם פאַקט וועגען זיין ער־שיינונג.

חיים שוים' „ביבלישע געזאנגען" האָבען זיך, נאָך מיין מיינונג, ניט איינ־געגעבען: דער הויפּט־געדאנק פונ'ם פאר־פאסער און דער הויפּט־צוועק פונ'ם בוך, איז די איינטיילונג פון דער ביבעל לויט אַ ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט. פון אַ ביי־בעל־קריטישען שטאַנדפּונקט איז דאָ גאָר ניט פארהאן וואָס אויסצוזעצען און די ביבעל־קריטישע נאָטיצען, וואָס פארנע־מען, דרך אגב, כמעט אַזוי פיעל ווי פיעל די געזאנגען אליין, זיינען גאַנץ אינטע־רעסאנט; אָבער די געזאנגען אליין, וואָס דארפען מאַניפעסטירען דעם ליטעראַרי־שען ווערט פון דער ביבל, זיינען זעהר שלעכט איבערזעצט. די שפּראַך איז אַ האַרטע, אַ שווערע און, אָפטמאָל, אַ ווער־טערליכע פארטייטשונג פון פסוקים, ניט רעכנענדיג זיך דערמיט, וואָס עס האָט כמעט קיין זין ניט.

צו די ביכער, וואָס זיינען אויפ'ן פּובליציסטישען פעלד ערשינען אין אי־דיש איז צו צעהלען אויך דאָס בוך פון הלל ראגאף „ווי אַזוי אַמעריקא ווערט רעגירט". איך האָב אויך וועגען דעם בוך שוין גערעדט ביי אַן אַנדערער געלעגענ־הייט און וויל דאָ נאָר זאָגען, אַז דאָס בוך איז גאַנץ ניי אויפ'ן געביט פון שטאַאַטסוויסענשאַפטליכער אינפאָרמאַציע. דאָס בוך באַטייט אויך אַ נייעם שריט אין דער פּובליציסטישער ליטעראַטור: דער שריט צום איבערגאנג פון פילאזאפירען איבער זאַכען צום קענען די זאַכען אליין.

אויפ'ן פּעדאגאָגישען געביט זיינען אין דער לעצטער צייט ערשינען „פון אידישען קוואַל" פון יואל ענטין און לעאָן עלבע, און „די נייע אידישע שול"

פאַרזוך איז דער לעהרער סעמינאַר פאר די נאַצ. ראדיקאַלע שולען. — ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן פונ׳ם שולען פאַרבאַנד איז דער נאָמען געענדערט געוואָרען אויף „אידישע פאָלקס־שולען“. דאָס סעמינאַר האָט נאָך דערווייל ביז איצט ניט געוויזען קיין גליקליכע פאָלגען, אָבער עס איז צו האָפען, אז מיט דער צייט וועט זיך דאָך איינגעבען עפּעס אויפצוטאָן אויף דעם געביט. מעהר ערפאָלגרייך זיינען די העברעאיסטען אין דעם פאַל. די „נאַצ. העברעאישע שול“ אויף איסט־בראָהאָוויי האָט שוין ארויסגעלאָזט א גאַנצע רייה טיכטיגע לעהרערינס פאר העברעאישע שולען. עס זאָל דאָ אויך דערמאָהנט ווערען דער „בית המדרש למורים“ פון „מזרחי“. דאָרט זיינען פאַרהאַן טיכטיגע לעהרער און מען איז דאָרט אויך פאָרזיכטיג מיט דעם אויפנעמען פון תלמידים: עס ווערט פון זיי פארלאנגט א באַשטימטע פארבילדונג אין העברעאיש.

א זעהר ערפרעהענדע ערשיינונג איז דער פאַקט, אז דער ארבייטער רינג, וואָס האָט זיך פון תמיד אָן געהאַלטען גאַנץ ווייט פון דער אידישער ערציהונגס־פראַגע און יוצא געווען זיין חוב אין דער באַציהונג מיט די כלומר׳שט מאַרקסיסטישע „סאָנדיי־סקולס“, האָט זיך אין דער לעצטער צייט פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע און איז באַשעפטיגט מיט דער גרינדונג פון אידישע פאָלקס־שולען. די גרויסע מעגליכקייטען וואָס דער ארבייטער רינג האָט, גיבען א גרונד צו האָפען, אז אין א קורצער צייט וועט זיך איינגעבען אוועקצושטעלען אזעלכע שולען אין אלע פלעצער וואו זיי ווייזען זיך ארויס אלס נויטיג.

ג.

די ערציהונג, באַטראַכט די נאַציאָנאַלע סביבה אלס דעם בעסטען קאַנאַל, דורך וועלכען זי פיהרט דאָס קינד אריין, צוערשט אין דעם לעבען פון זיין ענגער גרופּע, די פאַמיליע; שפּעטער אין דעם לעבען פון דער גרעסערער סביבה, די געמיינשאַפט; דערנאָך אין דעם לעבען פון זיין פאָלק; און ענדליך באַקאַנט זי איהם מיט דעם לעבען אויף דער גאַנצער וועלט. קיין אנדערער אופן ווי אזוי דאָס צו דערגרייכען, איז זיך ניט פאָרצושטעלען; ניט דערפאר ווייל אזוי איז תמיד געווען, נאָר ווייל דאָס לעבען גופא, דער סוף־כל־סוף־עדיגער צוועק פון דער ערציהונג, לויפט דורך די זעלבע רערען.

עס הייסט דעריבער, אז כדי די ערציהונג זאָל אויפריכטיג דורכפיהרען איהרע פונקציעס, דאַרף זי האָבען אלס באַזיס אן א י י ג ע נ ע פריינדליכע סביבה. ביידע, שול און סביבה, ווערען דעמאָלט צוויי אמת׳ע טיילען פון איין פּראָצעס, וואָס פּראָדוצירט א פולשטענדיגען פּראָדוקט — דעם מענשען. רעדוצירט צו אן איינפאַכער פאָרמול, וועט עס הייסען:
— גוט און אויפריכטיג ערציהען א קינד קען מען נאָר אין א סביבה וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאר זיין פאָלק, וואָס געפינט איהר אויסדרוק אין ספּעציפישע אינסטיטוציעס, מנהגים, זיטען, שפּראַך און קולטור.

אין יענע לענדער, וואו די אידען וואוינען אין קאמפּאקטע מאַסען פאר דורות און דורות, און האָבען באַשאַפען אן אייגענע סביבה, איז די אויפגאַבע פון דער אידישער ערציהונג א קלאָרע און א פּשוט׳ע, אין דעם זין פון דורכפיהרבאַרקייט: — דורך דער אידישער געשיכטע וועט זיך דאָס אידישע קינד באַקענען מיט דער געשיכטע פון אנדערע פעלקער; דורך דער אידישער שפּראַך—מיט אנדערע שפּראַכען; דורכ׳ן אידישען לעבען — מיט דעם לעבען פון אנדערע נאַציעס; די אויפגעבויטע אידישע שול איז דאָרט ענג פארבונדען מיט דער אידישער סביבה אין וועלכער זי פונקציאָנירט, און אלע באַנדען, וואָס זענען נויטיג אויף צו צובינדען דאָס קינד און די שול צו דער סביבה, און מיט דעם אויך, צום גאַנצען פאָלק, געפינען זיך דורך נאַטירליכע אומשטענדען.

אנדערש איז עס אין אמעריקא.

אחוץ אין די גאָר גרויסע אידישע צענטערן, איז כמעט נישטאָ קיין שפור פון א ספּעציפיש אידישער סביבה. די ערציהונגס שפּראַך איז ניט אידיש, די געגענשטאַנדען דורך וועלכע דאָס אידישע קינד ווערט ערצויגען, זענען ניט קיין אידישע — דאָס לעבען אליין איז אנטי־אידיש. און אפילו אין די גרויסע צענטערן, איז די סביבה דערווייל אן אימפּאָרטירטע, פון דער פרעמד אַהערגע־

ביים אויסוואהל פון די איבערזעצ־
צונגען ווערען הויפּטזעכליך אוועקגע־
שטעלט די סאָציאלע און נאַציאָנאַלע
פראגען. די דערמאָהנטע ביכער פון דער
„קראפּאטקין ליטעראטור געזעלשאפט“
זיינען אַלע פון אַ סאָציאלען כּאַראַקטער.

די איבערזעצונגען זיינען אַלע ניט
שלעכט געמאַכט, כאָטש אין דער שפּראך
פּיהלט זיך אָפט אַ האַרטקייט און אָפּט־
מאָל אויך אַ צו שטאַרקער נאָך־ריח פון
איבערזעצונג.

א זעהר וויכטיגע ערשיינונג איז
געוויס די איבערזעצונג פון „רוים און
ירושלים“ פון מאָזעס העס דורך דר. נ.
סירקין. די איבערזעצונג פונ'ם בוך איז
אַ גאַנץ גוטע, וועגען דעם אינהאַלט פונ'ם
בוך קען מען נאַטירליך ניט רעדען אין
אַזאַ קורצער נאָטיץ־פאָרם.

עס זיינען אויך איבערזעצט געוואָ־
רען די דריי בענד אידישע געשיכטע פון
דובנאָוו דורך חיים ליבערמאַן און מייטע
ליפשיץ.

אַ מעהר אַלגעמיינעם כּאַראַקטער
האָט די אונטערנעמונג פון פארלאג מויי־
זעל צו איבערזעצען געאָרג בראנדעס אין
אידיש. עס איז פּשוט א בזיון, אַז דער
אידישער בראנדעס זאָל זיין אין אַלע מאָ־
דערנע שפּראכען און אין אידיש ניט. דער
גרויסער מאַן בראנדעס, וואָס איז געוואָ־
רען אַ היסטאָרישע פיגור און אויך דער
עלטער — אן אמת נאַציאָנאַלער איד!
און דערפאַר קומט אודאי דעם פארלאג
„מייזעל“ אן אמת'ער ישר כח.

פון די צוועלף בענד, וואָס ה' מ.
מייזעל גרייט זיך צו אַרויסצוגעבען, זייי־
נען דערוויל ערשינען נאָר דריי, דער
ערשטער באַנד: „די פראנצויזישע עמיג־
ראנטען ליטעראטור“, איבערזעצט פון
חיים ליבערמאַן, און די וויטערע צוויי
בענד איבער „פרידריך ניטשע און זיין
פילאָזאָפיע“ און „הענריק איבסען און
זיינע דראמען“ איבערזעצט פון ק. טע־
פּער. די איבערזעצונגען זיינען בכלל
ניט שלעכט. באזונדערס אָבער האָבען זיך
איינגעגעבען די איבערזעצונגען פון ק.
טעפּער. עס לייענט זיך אזוי לייכט ווי
עס וואָלט געווען געשריבען אריגינעל אין
אידיש.

צו די וויכטיגע און גאַנץ געלונגע־
נע איבערזעצונגען דאַרף מען אויך רע־
כענען „די פאמיליע“ פון פרידריך ענ־
געלס, איבערזעצט פון ב. פייגענבוים.
די איבערזעצונג פון אָט דעם בוך איז
א וויטערער שריט צו דער פארטייפונג
פונ'ם סאָציאליסטישען ווי אויך צו דעם
נאַציאָנאַליסטישען געדאַנק, כאָטש גע־
שריבען איז דאָס געוואָרען נאָר פאר א
סאָציאליסטישען צוועק.

דר. י. גרינפעלד.

צו דער אידישער ערציהונג אין אַמעריקא.

יאָהרען־לאַנג האָט מען זיך אויפ'ן
געביט פון אידישער ערציהונג אין אמע־
ריקא באַשעפטיגט מיט בלויזער קריטיק
פון די באַשטעהענדע תלמוד־תורות. אין
דער לעצטער צייט האָבען זיך אָנגעפאַנ־
גען ווייזען סמנים פון פּאזיטיווער פראַק־
טישער ארבייט. עס זיינען צום טיפּ
„תלמוד־תורה“ צוגעקומען אנדערע מעהר
מאָדערנע ערציהונגס־אַנשטאַלטען: די
העברעאיסטען האָבען זיך גענומען צו דער
ערציהונג דורך דער גרינדונג פון נאַציאָ־
נאַל־העברעאישע שולען און די אידישיס־
טען — דורך דער גרינדונג פון נאַצ.
ראַדיקאַלע שולען. ביידע צדדים האָבען
די ערשטע צייט באַגעגענט א סך שטע־
רונגען און די פּאַרזוכען זיינען כמעט
געווען א דורכפאַל. אין דער גאָר לעצטער
צייט — אין דעם האָט א גרויסען חלק
די אידיש - נאַציאָנאַלע אויפקלערונג —
זיינען אָט די שולען אוועקגעשטעלט גע־
וואָרען אויף א מעהר זיכערען באַזיס. עס
ווערען שוין אפילו געמאַכט פּאַרזוכען
אויסצובילדען לעהרער פאר אָט די שולען.
דאָס איז אן אויסערגעוועהנליך וויכטי־
גער שריט, ווייל ביז איצט האָט דער
לעהרער געמוזט אימפּאָרטירט ווערען פון
יענער זייט ים און יעדע ענדערונג אין
דער אימיגראציאָנס־פראַגע האָט געשטעלט
אין געפאַר די אידישע ערציהונג. א ענ־
ליכער, מעהר אָדער ווייניגער, געלונגענער

שידענע פעלקער־מנהגים, זיטען וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאר פילע נאַציעס, און אסך פארשידענע שפּראַכען. אפילו די ערציהונג, וואָס זעהט אין פלוג אויס צו זיין אן אמעריקאַנישע, איז אין תוך גענומען א פארשידענאַרטיגע. כמעט אלע פעלקער, וואָס וואוינען דאָ, זוכען, מיט אלע כחות ארויסצוברייגען וואָס זיי פארמאָגען, אויפצוהאַלטען זייער אייגענטימליך לעבען, און באַווייזען דאָס פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער. אין אמעריקא זענען איצט פאַראַן צעהן מאָל אזויפיל „פרעמדע" שולען ווי מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק. ניט אַכטענדיג אויף דער רעאַקציע פון די לעצטע פּאָר יאָהר. דאָס נאַציאָנאַלע לעבען פון אַלע פעלקער אייכוואוינערשאַפטען, ווערט בולט'ער אין זיין אויסדרוק, און ווען דער גאַנג פון דער געשיכטע זאָל ניט פּלוצלונג אָננעמען א משונה'דיגען קורס, וועט מסתמא קומען די צייט, ווען אלע באזונדערע נאַציאָנאַליטעטען וועלען באַקומען לכל־הפּחות קהילה־אויטאָנאָמיע, וואָס וועט זיי פארזיכערן די אויפהאַלטונג פון זייער שפּראַך, פון זייער קולטור און פון זייער ליטעראַטור.

א אידישע קהילה־אויטאָנאָמיע וועט לייגען דעם פונדאַמענט פאר אן אמת'ער אידישער ערציהונג. די שולען וואָס ווע־לען פון איהר געשאַפען ווערען, וועלען ניט בלויז זיין אינפאָרמאַציאָנס ביוראָס וואָס ליפערן הי ידיעות וועגען דער פייערונג פון אידישע יום־טובים, און וואו ס'ווערען געמאַכט איבונגען אין לעזען, שרייבען און רעדען אידיש, נאָר זי וועט זיין דער קוואַל פון וועלכען דאָס אידישע קינד וועט שעפּען אלע ידיעות וואָס זענען פאר איהם נויטיג כדי אויפצוואוואַקסען, כדי זיך צו אַנטוויקלען, און געפינען זיין אָרט אין לעבען, זיך אליין געפינען. אַזאַ שול וועט דורך דער איהישער שפּראַך דורך דער אידישער געשיכטע, און דורך די אידישע קולטור אוצרות פאַרבינדען די געגענוואַרט פון דעם אידישען קינד מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון זיינע עלטערן, און פון זיי ביידע אויסארבייטען זיין צוקונפט. זי וועט ניט פאַנאַנדערטיילען זיין לעבען אויף פּעריאָהישע טיילען, וועלכע פאַרבינדען זיך ניט, נאָר וועט זיין לעבען מאַכען אזוי, אז עס וועט אויסזעהן ווי איין גאַנצע קייט, איין פּראָצעס פון לעבען, וואָס האָט בלויז דורכגעמאַכט פארשידענע טראַנספאָרמאַציעס. איהר אויפגאַבע וועט זיין צובינדען דאָס אידישע קינד צו דער גאַנצער וועלט, דורך דעם אידישען פאָלק.

י. שטיינבוים.

בראַכט, און דאָ איינגעפלאַנצט. עס געהט ערשט אָן א קאַמף פאַר דער באַשאַפונג פון אזא סביבה. און קאָנצענטרירט האָט זיך דער קאַמף ארום דער ערציהונג פון דעם אידישען קינד. און פונקט ווי א נאָרמאַלע סביבה פאַראורזאַכט א נאָרמאַלע ערציהונג, אזוי איז דער פועל־יוצא פון אן אומנאָרמאַלער סביבה — אן אומנאָרמאַלע ערציהונג. די כוחות וואָס זענען פאַרוויקעלט אין דעם קאַמף, ציהען אין פאַרשידענע זייטען: צו פולשטענדיגער אסימילאַציע מיט דער אָרטיגער איינוואוינערשאַפט פון איין זייט, און צו אבסאָלוטער דערווייטערונג פון דער אָרטיגער סביבה פון דער צווייטער; אחוץ דעם קומען צו: די „סתם"־מענשליכע ערציהונג, די ערציהונג פון דעם צד וואָס מאַכט קאָמפּראָמיסען, אננעמענדיג די אָרטיגע שפּראַך, אָבער ניט די קולטור; און די מאָדערנע שיטות אין דער אידישער ערציהונג: די העברייאיסטישע און די אידישיסטישע פאָלקס־ערציהונג.

מיט דעם אויסנעם, אפשר, פון דער לעצטער שיטה, פאַררופען זיך אלע אנדערע, אדער אויף דער אידישער פאַרגאַנגענהייט אָדער אויף זיין צוקונפט, און טיילמאָל אויף ביידע; זיי לאָזען אָבער אלע אויס, אבזיכטליך צו ניט, די אידישע געגענוואַרט, וואָס דאַרף זיין בלויז דער דער המשך פון דער פאַרגאַנגענהייט, און דאָס מאַטעריאל פאַר דער באַלדיגער צוקונפט. אָבער אפילו די אידישיסטישע שיטה שטעהט נאָך ניט אויף קיין נאַטירליכען פונדאַמענט, מחמת זי האָט ניט הינטער זיך קיין אידישיסטישע סביבה, וועמעס אויסדרוק זי דאַרף זיין. עס האַלט ערשט העריביי אז א סביבה זאָל געשאַפען ווערען, צו זאָגען אָבער, וואָס איהר נשמה' וועט זיין, איז ניט מעהר ווי א היפּאָטעזע: זי קאָן פונקט אזוי ווערען א אידישיסטישע, ווי איהר געגענזאַץ, ווייל אין לעצטען סך־הכל, וועט עס זיך ווענדען ניט בלויז אין די אידישע איינוואוינער, וואָס וועלען אזא אומגעבונג שאַפען, נאָר אויך, און אפשר דער עיקר, אין דער גאַנצער לעזונג פון דער נאַציאָנאַליטעטען פראַגע אין אמעריקא

וואָלטען מיר אָנגעווענדט די פּרינציפּען פון ערציהונג בכלל, אויף דער אידישער ערציהונג אין אמעריקא, וואָלט דער רעזולטאַט געווען, אז ס'איז ניט מעגליך, אין דעם איצטיגען מאָמענט, צו ערציהען דאָס אידישע קינד דורך אידישע קוואַלען, און וואָס זאָלען איהם איינפיהרען אין דעם אלגעמיינעם לעבען פון דער גאַנצער וועלט. ניט האָבענדיג קיין איינהייטליכע סביבה פאַר'ן גאַנצען פאָלק מיט באַזונדערע אידישע סימנים, איז ניט מעגליך, אז א ספּעציפיש אידישע שול זאָל קענען עקזיסטירען. און ווען מיר זאָלען אָננעמען א געוויסע הנחה, אז ניט נאָר איז עס נוצליך און נויטווענדיג פאַר דעם אידישען פאָלק, אז אידישע קינדער זאָלען ערצויגען ווערען אין אידישע שולען, נאָר אז אזעלכע שולען זענען נויטיג און ניצליך פאַר דער מענשליכער קולטור בכלל, און פאַר דעם איינצעלנעם קינד בפרט, וואָלט דאָך בפירוש געווען קלאָר, אז די ערשטע אויפגאַבע פון דער אידישער ערציהונג אין אמעריקע, איז זיך צו באַזאָרגען מיט אַזאַ פריינדליכער סביבה אין וועלכער זי נויטיגט זיך. באַשאַפענדיג א סביבה וואָס זאָל זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם רוב אידען אין אמעריקא וואָלט די שול, וואָס וואָלט פון איהר ארויסגעוואַקסען, געווען דער אמת'ער פאָלקס אויסדרוק, און די ערציהונג וואָלט זיין א פאָלקס ערציהונג. די אנדערע פראַגעס, ווי אזוי די שול זאָל די סביבה אויסנוצען, וואָס זאָל זי פון איהר ארויסנעמען, און וואָס אוועקוואַרפען, וואָלטען געקומען שפּעטער, און פאַרענטפערט געוואָרען פון דער צייט אליין. זיכער וואָלט די אידישע פאָלקס שול זיך דאַן אָנגעטראָפען, ווי זי טרעפט זיך שוין אָן, מיט א נייעם סאָרט זיטען, געוואוינהייטען; און איהר אויפגאַבע וואָלט זיין, אויסצוקליבען דאָס ניצליכע און עס פאַרפעסטיגען, און אויסוואָרצלען דאָס שלעכטע, און אויף זיין אָרט איינפלאַנצען בעסערס און שענערס.

וואָלט אַמעריקא געווען א נאַציאָנאַלער שטאַט וואָס איז דער אויסדרוק בלויז פון איין פאָלק, וואָלט ניט מעגליך געווען פאַר די אידען ענדליך צו באַשאַפען א פריינדליכע אידישע אומגעבונג. די פאַקטישע לאַגע איז אָבער אומגעקערט: אמעריקא איז א נאַציאָנאַליטעטען־שטאַט אין וועלכער עס לעבען פאַרשידענע קולטורען, וואו עס האַלטען זיך אויף פאַר־

דערקלערונגען.

דער איבערפלוס פון מאטעריאל האָט געבראכט צו דעם, אז מיר האָבען געמוזט אָפּלעגען פאר'ן קומענדיגען הערבסט בוך „שריפטען“ האנרי בערגסאָנ'ס „ארייגפיר צו מעטאַפיזיק“, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס מיר האָבען דאָס שוין געהאַט אַריינגעשטעלט אין אינהאַלט. מיר האָבען אויף דעם אָרט אַריינגעגעבען לאָרד דאָנסאָני'ס „דער פינקעלדיגער טויער“ — א זאך, וואָאס פארנעמט פיל ווינציגער פלאַץ. עס זענען אויך אויסענגעבליבען י. סלאָנים'ס ליעדער.

מיט דעם איצטיגען פערטען זאמעלבוך ווערען די „שריפטען“ פארוואנדעלט אין אַ שטענדיגען דריי מאָנאַט זשורנאַל אונטער דער רעדאקציע פון דוד איגנאַטאָוו, ה. לייוויק און ל. מילער.

די „שריפטען“ שטרעבען צו פאראייניגען אין זיך דאָס בעסטע וואָס ווערט געשאפען אויף דעם שריפטשטעלערישען און מאלערישען געביט און וועלען אין דער אייגענער צייט אויך זעהן אָפּגעבען פלאַץ פאר געזעלשאפטליכע פראגען.

אינאיינעם מיט די „שריפטען“ טרעט דער פארלאַג „אמעריקא“ אויך צו צו דער אויסגאבע פון א „שריפטען ביבליאָטעק“, אָנפאנגענדיג מיט פאָלגענדע ביכער:

א. מ. דילאָן — „געלע בלעטער“, בלויז 18 לידער, אינגאַנצען גראווירט פון ז. מאָוד (שוין ערשינען). ל. מילער — „אויף גאָט'ס וועלט“, אַ באַנד לידער, גראַווירט פון דזש. טאפעל. ש. צ. זעצער — ר' ישראל בעל שם טוב, זיין לעבען, לעהרע און ווירקען. (אין צוויי בענד.) יעקב מילך — (צוויי בענד.) 1. אידישע פראָבלעמען; 2. די ענטשטעהונג פון רעליגיאָן און אַנדערע עסעיס. א. ראַבאָי — (דריי בענד.) 1. ניי ענגלאנד, (ראָמאן) 2. די ווייטע וועסט, (ראָמאן) 3. איך דערצעהל, (דערצעהלונג.) דוד איגנאַטאָוו — אַ נייע אויפלאגע פון די ערשטע דריי בענד: 1. אין קעסעלגרוב, (ראָמאן) 2. „צווישען צוויי זונען“, (אַ בוך אין 4 טייל) 3. דאָס פארבאָרגענע ליכט, (אַ בוך געבויט אויף מעשיות פון ר' נחמן ברעסלויער) און אויך אַ נייער פערטער באַנד — „פאלענדיגע שטערען“, (מעשיות פון אלטען פראג). די נייע אויפלאגע וועט אַרויסגעגעבען ווערען פיל שענער און רייכער פון דער ערשטער, מיט נייע צייכנונגען פון א. וואָלקאָוויץ און דזש. טאפעל, וועלכע ערשיינען אין דעם איצטיגען בוך „שריפטען“. ה. לייוויק — „דער גולם“, (אַ דראַמאַטישע פאָעמא אין פיער אַקטען) און ברוך שפּינאָזא'ס „עטיק“, (איבערזעצט פון וויליאם נאַטאַנסאָן).

דער פארלאַג „אַמעריקא“ באמיהט זיך אַרויסצוברענגען זיינע אויסגאבען שעהן און קינסטלעריש.

דער פארלאַג „אַמעריקא“ נעמט אַרונטער בלויז אַ קליינעם פּראָצענט פון די פּראָפיטען אויף צו דעקען די נויטיגע הוצאות, דאָס איבריגע קערט דער פאַרלאַג אין גאַנצען אום צום שריפטשטעלער.

פרייז פון יעדען באַנד — $1.50; סובסקריפּשאָן פרייז פאר אַ יאָהר שריפטען — 5.00 דאָלאר. ווער עס סובסקרייבט זיך פאר אלע אויבען אויסגערעכענטע פופצען ביכער פאר 22.50 דאָל., קריגט אַ יאָהרגאַנג „שריפטען“, (4 ביכער) אינגאַנצען פריי. די סומע קאָן אויך אויסגעצאָהלט ווערען אין דריי ראטען. ערשטע איינצאָהלונג $10.50, צווייטע איינצאָהלונג $7.00, דריטע און לעצטע איינצאָהלונג $5.00.

עס דרוקט זיך שוין דאָס הערבסט בוך „שריפטען“, וועלכעס וועט ערשיינען אין סעפּטעמבער. צווישען אַנדערעס וועלען זיך דאָרטען געפינען: אַ ראָמאן, פון א. ראַבאָי; אַ גרויסע סעריע לידער, פון מאַני לייב; פאַנאַנדערפאַל, (מעמוארען פון אַ סאָלדאַט) פון ב. גלאַזמאַן; האנרי בערגסאָנ'ס אריינפיר צו מעטאַפיזיק, (אידיש פון וו. נאַטאַנסאָן); פינף הערבסטלידער, פון י. סלאָנים. בילדער: „פאלענדיגע שטערען“, פון ב. קאפּמאן, און אויך פון די מאלער, וואָס באטייליגען זיך אין דעם איצטיגען בוך, און אַנדערע.

אין דעם קומענדיגען בוך „שריפטען“ הויבט זיך אויך אָן דרוקען אַן אַרבייט פון ד״ר. ש. זאַקס: „די געשיכטע פון דער אידישער וויסענשאַפטליכער ליטעראַטור“.

אָדרעס פון דער רעדאַקציע:

Farlarg America, 87 Fifth Ave., New York.

DOES NOT
CIRCULATE
421255

פארלאג אמעריקא

פרייז:

$1.50 געבונדען $2.00